YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i10

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 10
March 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 10)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/57

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 10. PRICE 3 CENTS | Friday, March 21, 1919. | פרייטאג, דער 21טער מארטש, 1919.

דער זיעג פון'ם ווייסט מאכער קאמף איז נאהענט

די באסעס לעצטע קארט: ציהען נאך א טאג, נאך א טאג, טאמער וועט די געדולד פון די סרייקער פּלאצען. — דעם ארבייער'ס אלץ פעסטערע ענטשלאסענהייט, אז דער סטרייק האט זיך שוין געצויגען אזוי לאנג, טו מוז דער זיעג זיין דער שעהנסטער און דער פולסטער. — די באסעס מעסטען די סטרייקער נאך זיך נאך. זיי ווייסען נאך אלץ ניט, אז זיי האבען דא געגען זיך קלאסענבאוואוסטע און ציעל-באוואוסטע ארבייטער, וועלכע זיינען בארייט אויף די גרעסטע אפּפער, אבער קיינמאל, קיינמאל זיך ניט אונטערגעבען!

עס איז קיין צווייפעל, דאס דער גרויסער ווייסטמאכער סטרייק איז שוין, וואס מען רופט, אין זיין „לעצטען סטיידזש". זיינע טעג זיינען שוין געצעהלטע. די באסעס קאנען מעהר ניט ציהען און באלד, באלד וועלען זיי זיך מוזען אונטערגעבען. זיי האבען זיך געלאזען איינרעדען, אז ... וועלען קאנען „ברעכען" די יוניאן און אין זייער בלינדקייט האבען זיי דאס געגלויבט און געמאכט א פארזוך דאס צו טאן. זיי האבען זיך אבער אנגעשטויסען אן דער פעסטונג פון אחדות, פון ארבייטער-איינינקייט, אן דער מעכטיגער געבײדע פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאן און אלע זייערע טיפעלשע פּלענער זיינען צושמעטערט געווארען; און אלע זייערע זיסע חלומות זיינען צורונען געווארען.

אודאי האט זיך דיעזע מאנופעקטשורערס שטארק געוואלט צושמעטערען די יוניאן. דעריבער טאקע האבען זיי זיך אזוי ליכט געלאזען איינרעדען פון זייער צרה-דיגען לאיער, וועלכער האט זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן גליטשיגען וועג פון אונטערגאנג, אויף וועלכען זיי וואקלען זיך איצטער. זיי זיינען דערבער טויב געווען צו אלע אפּיעלס, וואס זיי האבען באקומען פון אלע שיכטען אין דער געזעלשאפט דעם קאמפף בעסער ניט אנצופאנגען, און זיי ווערגען זיך איצט מיט'ן סטרייק-ביין, וואס זייער לאיער האט זיי אריינגערוקט אין האלז אריין.

דער רעזולטאט איז, דאס די ווייסט מאנופעקטשורערס פון דער אסס'ן שטעהען יעצט פאר דער וועלט אנטבלויזטע, באשפיגעלט פון דער גאנצער געזעלשאפטליכער עפענטליכער מיינונג, און קיין מענש מיט עטוואס זעלבסטרעספּעקט וויל מיט זיי ניט האנדלען. זיי האבען זיך בלאמירט און פאר'מיאוסט ביי דער גאנצער וועלט. און אחוץ דעם אלעם, האבען זיי נאך פארלארען שווערע טויזענדער דאלארס און מיט יעדען טאג, וואס דער סטרייק פארציהט זיך, פארלירען זיי אלץ מעהר און מעהר. דיעזע באסעס שפּילען איצט די ראלע פון דעם פארצווייפעלטען געמבלער, וואס האט שוין באלד אלעס פארלארען און שפּיעלט זיין לעצטע קארט, אפשר וועט זיך איהם איינגעבען זיך ווי עס איז צו ראטעווען. זיי פּראבירען ציהען נאך א טאג, נאך א וואך, ווארטענדיג, טאמער וועט דער מוט פון די ארבייטער אפּגעשוואכט ווערען, טאמער וועלען זיי זיך אויסהונגערען און לויפען צו זיי אין די פארפעסטעטע סקעב שעפּער ארבייטער פאר א הונגער-לוין, אלס מיזעראבעלע סקעבס!

דאס וועט אבער קיינמאל, קיינמאל ניט געשעהן!

וואלטען יענע באסעס ניט האבען אזעלכע קליינליכע, היגטישע נשמות, וואלטען זיי פארשטאנען, דאס זיי ערווארטען עפּעס, וואס קאן ניט פּאסירען. זיי וואלטען דאן פארשטאנען אז אונזערע בראווע סטרייקערינס, די ווייסטמאכער, זיינען ניט געקנאטען פון אזא טייג; דאס זיי באזיצען פאלשטענדיג די פסיכאלאגיע פון דעם רעוואלוציאנערען פּראלעטאריאט און דאס זיי וועלען בעסער 10 מאל הונגערען איידער איין מאל זיך פארקויפען פאר א סקעב און שקלאף צו א פּאסקודנעם פּראביאן, צו א נידערינגען באס, וועמעס העכסטער שטרעבען איז, זיך צו בארען אין דעם

שקלאפען! זיי וואלטען דאן פארשטאנען, דאס די סטרייקענדע ווייסטמאכערינס זיינען צו אינטעליגענט און קלאסענבאוואוסט צו ווערען פאררעטער צו זייער קלאס און צו זיך אליין, פאר די רויבערשע אינטערעסען פון זייערע בלוטזויגערס! זיי וואלטען דאן געוואוסט, דאס דיעזע סטרייקערינס זיינען אידעאליסטיש און רעוואלוציאנער געשטימט און אזעלכע מענשען זיינען באגייסטערטע קעמפפער און ניט קיין סקעבס! זיי וואלטען דאן וויסען, דאס מענשען פון דעם סארט זיינען גיכער מסוגל זיך אויפצואפפערן פאר'ן כלל איידער איהם צו פארראטען!

אבער ווי קומען אזעלכע גראבע באשעפענישען צו פארשטעהן אזא זאך? ביי זיי איז דער דאלאר דאס העכסטע אין דער וועלט און זיי מיינען אז אלע מענשען זיינען אזוי פארקויפליך פאר דאלארס און סענטען, ווי זיי זיינען! דאס איז זייער שרעקליכער טעות און פאר דעם טעות וועלען זיי גאנץ טייער באצאהלען. ער קאסט זיי שוין אפ צעהנדליגער טויזענדער דאלארס, וואס פאר זיי איז דאך דאס די גרעסטע שטראף.

* * *

וואס אנבאלאנגט אונזערע בראווע סטרייקערינס, סיי די ווייסטמאכער און סיי די ווהייט גודס ארבייטער, פיהלען זיי זיך פונקט אזוי פריש און מונטער, ווי דעם ערשטען טאג פון סטרייק. ווען די באסעס וואלטען קאנען זיך דורכגעהן איבער די סטרייק האלס און זעהן דעם ענטוזיאזם צווישען די סטרייקער; זעהן ווי אנטשלאסען די סטרייקער זיינען צו קעמפפען ביז צו א זיעג, ווי לאנג דאס זאל ניט דארפען געדויערען, וואלטען זיי אפשר איינגעזעהען, אפילו ווי דום זיי זאלען ניט זיין, אז ס'איז גאנץ אומזיסט זייער ווארטען דיעזע מענשען צו באזיעגען.

די סטרייקער און די יוניאן טוען דאס בעסטע וואס מען קאן נאר און דער סטרייק וועט גאר גיך זיין א געוואונענער.

עס ליגט אבער א גרויסע פליכט אויף יענע ווייסטמאכער, וועלכע ארבייטען אין די געסעטעלטע שעפער און געניסען שוין פון דעם, פאר וואס אונזערע בראווע סטרייקער קעמפּפען נאך, צו העלפען דעם סטרייק וויפיעל זיי קאנען נאר. זיי דארפען וויסען, דאס אזוי לאנג ווי יענע שטעהען נאך אין דרויסען, איז זייער זיעג נאך ווייט ניט געזיכערט און זיי דארפען טאן אלעס זייער זיעג, צוזאמען מיט אלעמענס זיעג, זיכער צו מאכען.

סטרייק פון די ווהייט-גודס װאָרקערס כמעט געענדיגט

וועהרענד מיר שרייבען די ציילען, ווייסען מיר נאך ניט דעם רעזולטאט פון די קאנפערענצען, וואס קומען פאר צווישען דער יוניאן און די ארבייטער, אבער, לויט אלע סמנים, זעהט עס אוים, אז די באסעס אסס'ן האט איינגעזעהען, אז עס איז גאר קיין תכלית ניט פאר זיי צו לאזען די שעפער פוסטעווען, און מען מעג האפען, אז די קאנפערענצען וועלען פיהרען צו א פארשטענדיגונג צווישען די באסעס און דער יוניאן.

איינס האבען די באסעס שוין נאכגעגעבען. לעצטע וואך זיינען זיי געווען אזוי שטייף ביי זיך, אז זיי זיינען ארוים מיט אן ערקלערונג, דאס זיי וועלען קיינע קאנפערענצען האבען מיט דער יוניאן. די וואך אבער האבען זיי זייער מיינונג איינגאנצען געענדערט, ווען דר. מאסקאוויטש האט דורך א בריעף זיי איינגעלאדען צו א קאנפערענץ; זיי האבען דער איינלאדונג געפאלגט, און לעצטען מיטוואך, פיער אזייגער נאכמיטאג, האט זיך אנגעפאנגען די געכיינשאפטליכע בעראטונג צווישען די פארשטעער פון די באסעס און דער יוניאן.

וועגען דעם מעגליכען רעזולטאט פון דעם קאנפערענץ האט זיך ברודער ס. שאר, מענעדזשער פון דער יוניאן, אויסגעדריקט ווי פאלגט:

„עס איז שווער פאראויסצוזאגען, מיט וואס דיזער קאנפערענץ וועט זיך ענדיגען.

„אויב די פארשטעהער פון דער אססאסיאיישאן מיינען ווירקליך צו האבען פרידען אין טרייד, וועלען מיר קענען קומען צו אן איינפארשטענדניס. מיר פיהלען, אז אונזערע פאדערונגען זיינען גערעכטע און אויב די מאנופעקטשורערס זוכען ניט קיין פייט גלאט אין דער וועלט אריין, וועלען זיי אונזערע פאדערונגען נאכגעבען.

„אלענפאלס איז שוין דער קאנפערענץ אליין א באדייטענדער זיעג פאר דער יוניאן, ווייל בלויז מיט איין וואך פריהער האט די אססאסיאיישאן אנגענומען א באשלוס מיט דער יוניאן ניט צו פארהאנדלען".

אויסער די פארשטעהער פון דער ווהייט גודס יוניאן, איז ביי דעם קאנפערענץ אויך געווען דער אינטערנעשאנאל סעקרעטער, אב. בארָאף, און פארשטעהער פון די קאטערס יוניאן, לאקאל 10.

א וויכטיגער בריעף

פון דער אינטערניישאנעל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאן און פון דעם דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מייקערס יוניאן צו דער קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פּראטעקטיוו אססאסיאיישאן.

קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פּראטעקטיוו אסס'ן,
מר. פאול זינגער, פּרעזידענט,
220 פינפטע עוועניו, ניו יארק.

דזשענטלמען: —

חאטש דער אגרימענט צווישען אייער אסס'ן און אונזער ארגאניזיישאן, וואס איז געשלאסען געווארען מיט דריי יאהר צוריק, ענדיגט זיך ערשט אין עטליכע מאנאטען ארום, נעהמען מיר זיך דאך די פרייהייט פארצושלאגען, דאס אין אמבעטראכט, דאס דער אנפאנג פון די ארבייט-סיזאנס אין אונזער אינדוסטריע האט זיך גאנץ באדייטענד געענדערט אין דעם לויף פון די לעצטע דריי יאהר (אזוי הויבט זיך אן איצט דער פאלל-סיזאן פריה אין מאי, אנשטאט אין מיטען זומער), וואלט עס געווען זעהר ווינשענסווערטה, אז די קאמיטעס אין אונזערע רעספּעקטיווע ארגאניזאציעס זאלען אנהויבען אזוי שנעל ווי מעגליך צו האבען בעראטונגען און צו פארפאסען א נייעם אגרימענט און צו פארזיכערן די צוקונפטיגע הארמאניע אין אונזער אינדוסטריע.

די ראטזאמקייט פון אזעלכע באלדיגע קאנפערענצען ווערט נאך פארשטארקט דורך די באטראכטונג פון דעם פאקט, דאס ביז איצט זיינען אונזערע אגרימענטס געוועהנליך געשלאסען געווארען נאך פארצויגענע סטרייקס און נאך עהנליכע פעריאדען פון אויפרעגונג, ווען, אום צו ברייגען צוריק די נארמאלע צושטענדע אין דער אינדוסטריע אזוי שנעל, ווי מעגליך, זיינען פראגען פון א ברייטערער פאליסי און פון אויפבויענדע אינדוסטריעלע פּראבלעמען געבליבען אומבאריהרט. אז עס וועט זיין נענוג צייט, און אהן א צו שטארקען דרוק פון דרויסען, וועט מען קענען שענקען די געהעריגע אויפמערקזאמקייט צו פּראבלעמען, וועלכע ווערען פון טאג צו טאג אלץ מעהר וויכטיג אין אונזער אינדוסטריע.

ערנסט שלאגען מיר פאר, דאס די קאנפערענצען זאלען זיך אנפאנגען ביים סוף פון דעם מאנאט, און מיר גלויבען, אז איהר וועט געפינען דעם פארשלאג פאר באקוועם.

ערווארטענדיג צו קריגען אייער גינסטיגען און באלדיגען ענטפער, זיינען מיר
באמת אייערע,

אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאן.
(אונטערצייכענט) ב. שלעזינגער, פּרעזידענט.
דזש. באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכערס יוניאן.
(אונטערצייכענט) מאררים זיגמאן, מענעדזשער.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 10 „גערעכטיגקייט."

זייט 2. ביי אונז אין לאנד—הלל ראגאף.
זייט 3. אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער וועלט. — מ. קאלטשין. — א בריעף פון פילאדעלפיא. — א. נייבאוער.
זייט 4. די אינטערנעשאנעל איבער'ן גאנצען לאנד. — מאקס ד. דעניש.
זייט 5. די אידישע ארבייטער וועלט. — א סטעף רעפּארטער. — די רייגקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20. — ס. פריעדמאן.
זייט 6. מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער. — עהרענליסט. — די שיקאגא'ער לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל. — היימאן שנייד.
זייט 7. די פרויען-וועלט. — ראזא בעדריק. — מלאך און טייפעל. — י. ארלער.
זייט 8. אינגעבארג (ראמאן). — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן. ביי די סקוירט און דרעסמאכער פון לאקאל 23. — ה. וואנדער.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. דאס רעכט אויף ארבייט — ארטורא דזשיאוואנעטי.
זייט 12. רעוואלוציאן און פרויען שטימרעכט — דזשוליעט סטוארט פוינטץ. — מען וועט זיך צוגעוועהנען (פעדיעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. עדגאר ליע מאסטערס און זיין פאעזיע. — א. גלאנץ.
זייט 14. אין דער גאס פון די סטרייקענדע — יענטע סערדאצקי. — א פארבלאנדזשעטער בריעף אין רעדאקציע — א פעליעטאן.
זייט 15. שלוסען פון זייט 14.
זייטען 16, 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. דער אינטערנעשאנאל קריעגס דעפּארטמענט. — ל. פינקעלשטיין. — בילדער פון סטרייק — ס. ראסקין.

די היסטארישע מאנטאגס

הכל תלוי במזל! אלעס הענגט אפ פון מזל. דאכט זיך מען סטרייקט יעדען טאג, דינסטאג ווי מאנטאג, מיטוואך ווי דינסטאג, און אזוי יעדען טאג. דאך, אין דער צייט פון די איצטיגע סטרייקס פון אונזער אינטערנעשאנאל איז דער מאנטאג געווארען א גאנצער יחסן! מאנטאג פריה קומען פאר די גרויסע פיקעט-דעמאנסטראציעס. מאנטאג נאכמיטאג קומען פאר די שענסטע מיטינגען.

קורץ, דורך די צייט פון די סטרייקס זיינען די מאנטאגס געווארען היסטארישע טעג און די מאנטאגס צייכענען זיך אויס מעהר ווי אלע אנדערע טעג פון וואך. און נאר בעזאנדערס איז דאס געווען רען גאסט, קאנגרעסמען מאיר לאנדאן. ער האט גערעדט 11 א זייגער אין דער פריה אין טאמאשעווסקי'ס נעשאנאל טעאטער פאר די וויסטגודס סטרייקער און אביסעל שפעטער אין די האלס פון די וויסט און דרעס סטרייקער. ער האט גע-

די מיידלאך רופען איהם „דעד". זיין ריכטיגער נאמען איז ווייגער. ער איז אימער אויף דער פיקעט-ליין מיט אלעס וואס מען דארף.

איהר קענט איהם אלע, דעם קאנגרעסמען. אזוי האט ער אויסגעזעהן לעצטען מאנטאג, רעדענדיג צו די סטרייקענדע וויסט-גודס ארבייטער אין נעשאנאל טעאטער.

רעדט מיט'ן זעלבען פייער ווי אלע מאל און האט אריינגעגעבען פרישען מוט און נייע באגייסטערונג די פיעלע, פיעלע סטרייקער און סטרייקערינס וואס האבען איהם געהערט רעדען.

די סטרייקערס וואס פערזאמלען זיך אין פראגרעס קאסינא האל, 28 עוועניו איי, זיינען נאר געווען מזל'דיג, א חוץ מאיר לאנדאן האט דארט אויך גערעדט פרעזידענט שלעזינגער און זיי האבען אויך גענאסען א פיינעם קאנצערט אונטער דער אויפזיכט פון מיסיס עליאט, די גרויסע פארהערערין פון מוזיק, וועלכע פלעגט זינגען מיט די קלאוק מאכער סטרייקערס,

יער פאל דעם לעצטען מאנטאג. ער האט בשום איבערשטייגען אלע היסטארישע מאנטאגס פון פריהער. די פיקעט דעמאנסטראציע גאנץ פריה ארום די שעפער איז געווען גראנדיעז, און אזוי זיינען אויך געווען די מאסמיטינגען פאר די סטרייקער יענעם נאכמיטאג.

דעם מאנטאג האבען אונזערע סטרייקער געהאט צו זייערע מיטינגען א טייע-

אין דעם דזשענעראל סטרייק פון 1916. די סטרייקער וואס מיטען אין דעם האל האבען דעם מאנטאג געהאט א „גוד טיים", נאר פון די פיינסטע.

ברודער שלעזינגער האט דערצעהלט די סטרייקער, דאס די באסעס פון דער וויסט און דרעס אסס'ן באהויפטען, אז די וויסט און דרעס מאכער זיינען צופריעדען מיט די באדינגונגען וואס זיי, די גוטהארציגע באסעס ווילען געבען, מעהר ניט די יוניאן-פיהרער דערלאזען ניט די ארבייטער זיך צוריקקעהרען אין די שעפער. פרעזידענט שלעזינגער האט זיך דאן געווענדעט צו די סטרייקער מיט דער פראגע, אויב ס'איז אמת וואס די באסעס באהויפטען.

„ניין"! — האט א דונער געטאן איבער'ן גאנצען האל.

— מיינט דאס — פרעגט ער ווייטער — אז איהר זייט צופרידען צו ליידען און קעמפפען פאר די פאדערונגען וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, ביז די באסעס וועלען זיין געצוואונגען נאכצוגעבען דער יוניאנס פאדערונגען?

„יא!" — האבען אלע ווי איינער געענטפערט, מיט איין מאל, און דערביי געמאכט א גרויסע אוואציע דעם רעדנער.

און די זעלבינע שטימונג האט אויך געהערשט צווישען די וויסט סטרייקער אין די אנדערע האלס.

דער מאסמיטינג פון די וויסטגודס סטרייקער אין נעשאנאל טעאטער איז געווען ניט ווענינער באגייסטערנד ווי די מיטינגען פון די וויסט מאכער. א חוץ קאנגרעסמען לאנדאן איז דער מיטינג אדרעסירט געווארען פון גען. ה. לאנג, דער לייבאר עדיטאר פון „פארווערטס", מיס דזשוליעט סטוארט פוינטץ, אונזער מיטארבייטערין, און ברודער ס. שאר, דער מענעדזשער פון דער יוניאן. ברודער וו. דייוויס איז געווען דער טשערמאן.

אויף דעם מיטינג איז פארגעקומען א פאטעטישע, זעהר ריהרענדע סצענע. ברודער שאר האט פארגעשטעלט א סטרייקערין, שוועסטער ראוז בענקארד, וועלכע איז נור וואס צוריקגעקומען פון פריזאן. זי איז ארעסטירט געווארען פאר פיקעטען א שאפ און איז פארשיקט געווארען אויף 5 טעג אין פריזאן. די ארעסטאנטקע האט באקומען אן אויסערגעוועהנליכע אוואציע און אלע אנוועזענדע אין טעאטער האבען געשווארען פארטצוזעצען די ארבייט, פאר וועלכע דיזע שוועסטער איז געשיקט געווארען אין פריזאן.

אינט. עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

צו ביסלעך, צו ביסלעך, ווערט איינגעפיהרט אלע צוגעזאגטע זאכען פון אונזער עדיוקיישאנאל קאמיטע צו אונזערע מעמבערס. מיר האבען אמאל גערעדט פון מאווינג פיקטשורס. יעצט איז עס שוין א פאקט. מיר האבען אויפגעמאכט איין מאווינג פיקטשור פלאץ אין די בראנקס און יעדען שבת נאכמיטאג האבען אונזערע מעמבערס און זייערע פריינד די געלעגענהייט צו זעהן גוטע און באלעהרענדע מאווינג פיקטשורס, צוזאמען מיט א גוטער לעקטשור ווי אויך גוטע מוזיק אדער געזאנג. די מאווינג פיקטשורס זיינען פון די בעסטע.

דיעזען שבת וועט זיין דער דריטער, אין וועלכען דיעזער פראגראם וועט אויסגעפיהרט ווערען, און אזוי גיך ווי מעגליך וועלען מיר דאס אינסטאלירען אין אנדערע סענטערס אויך.

די שוויס-קלאסען, וועלכע מיר האבען שוין דערמאנט פריהער, וועלען אין גיכען געעפענט ווערען, איינער אין בראנזוויל און איינער אין מאנהעטען. עס איז נויטיג, אז די וואס ווילען זיך איינשרייבען אין דיעזע קלאסען, זאלען דאס יעצט טאן, ווייל מיר האבען נאר פלאץ פאר א באשטימטער צאהל מעמבערס.

די לעקטשורס איבער סעקס היידזשיען האבען געהאט א גרויסען ערפאלג. ניט ווענינער ווי 30 לעקטשורס זיינען געגעבען געווארען צו אונזערע מעמבערס אין פארשיעדענע פלעצער און זיי פארלאנגען נאך.

פון בראנזוויל יוניטי סענטער באריכטעט מען גרויס פראגרעס. דארט איז לעצטע וואך אויך געווען א שעהנע אונטערנעהמונג, א קאנצערט און טאנץ, ביי וועלכען עס איז געווען ביינאהע טויזענד מענשען.

דיעזען פרייטאג, 8 אזייגער אווענד, וועט זיין פאר אונזערע מעמבערס א ספעציעלער אווענד אין וואשינגטאן אירווינג היי-סקיהל, מיט פאלגענדען פראגראם: א קאנצערט, א רעדע פון דר. ב. אנדריוס פון דער „אמעריקען לייבאר לעדזשיסלייטשאן אסאסיאיישאן" איבער דעם ביל „סאשעל העלטה אינשורענס", און דאן וועט געוויזען ווערען א באלעהרענדע מאווינג פיקטשור. מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל זאלען ניט פארפעהלען דיעזען אווענד און אויך מיטברענגען זייערע פריינד, ווייל מיר האבען ציליעב דיעזען צוועק גענומען דעם גרויסען אודיטאריום, אין וועלכען עס קענען זיצען 1,600 מענשען גאנץ באקוועם.

* * *

אלע לאקאלס, וועלכע ווילען האבען לעקטשורס, מאווינג פיקטשורס אדער אנדערע עדיוקיישאנאל אקטיוויטעטען, זאלען זיך ווענדען צו דעם ארגאנייזער פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקוער, יעדען טאג. דאסזעלבע זאלען אויך טאן די פארשיעדענע סטרייק-קאמיטעס פון דער אינטערנעשאנאל. מיר זיינען אימשטאנדע צו באזארגען אונזערע מעמבערס מיט זעהר וויכטיגע און באלעהרענדע לעקטשורס.

לאקאל 9 האט דורך איהר עדיוקיישאנאל קאמיטע באשטעלט ביי אונז 5 לעקטשורס, וועלכע וועלען געגעבען ווערען ביי יעדען פון זייערע בראנטש-מיטינגען, אנפאנגענדיג שבת אווענד, דעם 22טען מארטש. דאס איז דער צעהנטער לאקאל, וואס באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט פון אונזער עקסטענשאן סוירוויס.

די יוניטי הויז פון לאקאל 25, פון 135 לעקסינגטאן עוועניו, האבען געפרעגען די מעגליכקייט צו ארגאנזשירען עטליכע לעקטשורס ביי זיי אין הויז. עס האבען דארט גערעדט ב. וולאדעק, ק. בערקאוויטש, מר. שולץ און אנדערע, און זיי וועלען פארזעצען די ארבייט רעגעלמעסיג.

א נייעס פאר אונזערע מעמבערס וועט זיכער זיין דאס פאלגענדע: מיר האבען אנגעפאנגען שפאצירען. איינער אזא שפאציר איז געמאכט געווארען לעצטען שבת אווענד אין מעטראפאליטען מוזעאום אוו ארט, און מר. סאקסאן, אונזער איסט סייד יוניטי סענטער דירעקטאר, איז געווען דער פיהרער. נאך דעם שפאציר איז געוועזען א קאנצערט און אלע אינזערע מעמבערס זיינען געבליבען ביז אם ענדע. דיעזען שבת וועלען מיר דיעזע שפאצירען פארטזעצען און מיר וועלען אזוי גיך ווי מעגליך די זעלבינע איינפיהרען פאר אלע סענטערס אדער לאקאלס, אויב זיי וועלען עס פארלאנגען.

איך וואלט געוואלט ספעציעל אויפמערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס, אז מיר האבען איינע פון די בעסטע פאבליק ספיקינג קלאסען יעדען זונטאג נאכמיטאג, אום 3 אוהר אין וואשינגטאן אירווינג היי סקוהל אין רום 119, און אז עס איז מעהר ווי ראטזאם, אז אונזערע מעמבערס זאלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט.

ווי געוועהנליך ווערען אויך אונזערע אנדערע קורסען פארטגעזעצט: מאנטאג עווערט דין מארטין, דאנערשטאג דר. הענרי ניומאן איבער ליטעראטור, פרייטאג דר. גאלדענווייזער איבער סאציאלע פראבלעמען און דער אויבען-דערמאנטער פאבליק ספיקינג קלאס. אויך דארפט איהר ניט פארגעסען וום. דוראנט'ס לעקטשורס איבער סאציאלאגיע און סיוויליזיישאן יעדען פרייטאג אווענד און די מאווינג פיקטשורס יעדען שבת נאכמיטאג אין בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עוו. און פרימאן סט.; דר. אלגין'ס לעקטשורס יעדען פרייטאג אווענד אין פאבליק סקוהל 40; דעם בראנזווילער יוניטי סענטער מיט זיינע טעטיגקייטען פאר דראמא, דענסעס א. ז. וו. דאס זעלבע אויך אין פאבליק סקוהל 63, איסט 4טע סט. אין אלע דיעזע סקוהלס האבען מיר אויך ענגלישע קלאסען יעדען מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אווענד.

אבער שטאלץ זיין מיט דעם, וואס אייער ארגאניזאציאן טוט אויף, איז ניט גענוג. באנוצט זיך מיט דיעזער געלעגענהייט 100 פראצענט. לערענט אליין און זעהט, אז אנדערע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל זאלען לערנען. קומט צו אונז מיט אייערע פארשלעגע, פארלאנגען אדער באמערקונגען.

ס. ליבערטי,
עדיוקיישאנאל ארגאנייזער.

ער פארשטעהט ניט, וואס זיי ריידען. און ער קומט צום שלוס, אז ניט אנדערש, ווי דאס מוזען זיין די ריכטיגע באלשעוויקעס.

אין דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער וועלט

פון מ. קאלטשין.

די אונטערזוכונג פון די קוילען-ביזנעס אין ענגלאנד.

ווי די לעזער וויסען, האט די ענגלישע רעגיערונג אנגעשטעלט א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע זאל אונטערזוכען די קוילען-אינדוסטריע אין פארבינדונג מיט די פאדערונגען פון די מיינערס. די פאדערונגען, ווי באוואוסט, באשטעהן ניט בלויז פון די געוויינליכע (אדער, ריכטיגער, דאס מאל אויסערגעוויינליכע) פונקטען ווי א קירצערען ארבייטס-טאג, העכערע שכירות, א. ז. וו., נאר אויך, און הויפטזעכליך, אז די רעגירונג זאל איבערנעמען די קוילען-מינען. און די קאמיסיע, וועלכע האט אונטערזוכט די לאגע פון דער אינדוסטריע, האט אויסגעפונען גאנץ גוטע אינפארמאציאנען. צווישען אנדערע זאכען, צ. ב., האט זי אויסגעפונען, אז די קוילען - קאמפאניעס האבען פאר די מלחמה-יאהרען געמאכט מעהר פון 25 פראצענט פראפיטען, ניט קוקענדיג אויף אלע באשרענקונגען, ווער-פראפיט טעקס, א. ז. וו. אזא פראפיטירען, אונטער אזעלכע אומשטענדען און אין אזעלכע צייטען, האט זיך קיינעם אויף'ן מח ניט געלעגט. עס איז אבער א פאקט, און די פארשטעהער פון די מיינערס האבען דיזען פאקט אויסגענוצט.

אויף די פארהערען, וועלכע זיינען אפגעהאלטען געווארן לעצטע וואך, האבען איינינע פארשטעהער פון די מיינערס ערקלערט, אז איצטער, נאך דער אונטערזוכונג פון דער קאמיסיע, קען שוין אפילו קיין פראגע ניט זיין פון ניט סטרייקען, סיידען די רעגירונג וועט ערקלערן, אז זי וועט די קויל-מינען איבערנעמען. פארשטעהער פון די מיינערס האבען אנגעוויזען אויף דעם, אז אויב די רעגירונג וואלט איבערגענומען די מינען מיט פיער יאהר צוריק, ווי די מיינערס האבען געפאדערט (וואס מעהר מען לעבט, דאס מעהר ווייסט מען. מיר האבען גארניט געוואוסט, אז די מיינערס האבען נאך פריהער געפאדערט, אז די קוילען-מינען זאלען נאציאנאליזירט ווערען), וואלטען די מינען שוין לאנג אויסגעקויפט געווארן. די רעגירונג וואלט נאך אפילו געקענט פארקויפען קוילען ביליגער, ווייל א חוץ די מינען-קאמפאניעס זיינען פאראן נאך פראפיטירס, די האלסיילערס און ריטיילערס.

די מיינערס זענען בערייט צו סטרייקען, די רעגירונג איז אבער נאך ניט באַרייט צו נאציאנאליזירען די מינען.

די דייטשע ארבייטער און מאיאריטעט סאציאליסטען.

אויף דער צווייטער אויפשטאנד פון די ספארטאקעס אין דייטשלאנד האט זיך געענדיגט אומערפאלגרייך. ווי דער ערשטער איז ער דערשטיקט געווארן פון הערר נאסקע, וועלכער, ווי עס ווייזט אויס, האט זיך ניט אומזיסט מעהר פון פיער יאהר געפריינדעט מיט די מיליטערישע פיהרער פון דייטשלאנד. ער האט פון זיי פיעלעס געלערנט, ער האט זיך גאנץ גוט אויסגעלערנט צו דערשטיקען ארבייטער-אויפשטענדע.

דער צווייטער אויפשטאנד איז געווען נאך בלוטיגער, ווי דער ערשטער. אין דעם ערשטען האבען די שיידעמאן'ס און די נאסקע'ס געשטרעבט — און ערפאלגרייך — אויסצוהרג'ענען די ליעדערס פון דעם אויפשטאנד. זיי האבען געמיינט, אז דערמיט וועלען זיי די גאנצע באוועגונג פארניכטען. דער צווייטער אויפשטאנד האט אבער באוויזען, אז א באוועגונג איז ניט קיין אויפטו פון ליעדערס. האבען דאן די שיידעמאן'ס און די נאסקע'ס זיך געסטארעט אויס'הרג'ענען די מאסען, אפילו ווען די מיליטער האט זיי איינגענומען, אפילו ווען זיי זיינען געווען אין געפענגניס.

די לעצטע נאכריכטען פון בערלין צייגען אבער, אז דאס איז אויך ניט קיין מיטעל נעגען רעוואלוציעס. דער ערשטער אויפשטאנד איז געווען אן אויפשטאנד פון א קליינע גרופע ספארטאקעס; דער צווייטער איז שוין געווען אן אויפשטאנד פון ברייטערע מאסען, צווישען וועלכע עס זיינען שוין געווען אנהענגער פון די אונאבהענגיגע סאציאליסטען; און דער דריטער אויפשטאנד, צו וועלכען מען גרייט זיך איצטער, ווי די צייטונגען מעלדען, וועט שוין זיין אן אויפשטאנד פון ברייטע מאסען ארבייטער, ספארטאקעס, אונאבהענגיגע סאציאליסטען און בכלל ארבייטער. אין פיעלע פלעצער האבען שוין די טרייד-יוניאנס, וועלכע זיינען תמיד געווען די הויפט פעסטונגען פון די קייזערליכע סאציאליסטען, באשלאסען גיט צו האבען צו טאן מיט די שיידעמאן'ס און נאסקע'ס. זיי האבען באשלאסען, אז בלויז אונאבהענגיגע סאציאליסטען זאלען האבען דאס רעכט צו פערנעמען פאראנטווארטליכע עמטער אין די טרייד יוניאנס, און דאך הייסט אז די ברייטע מאסען ארגאניזירטע ארבייטער הויבען אן צו פארלאזען די מאיאריטעט סאציאליסטען.

די מאיאריטעט סאציאליסטען קריגען אלץ מעהר און מעהר חן ביי זייערע געוועזענע שונאים, אבער זיי פארלירען זייערע געוועזענע פריינד.

ארבייטס-רעפארמען אין שפאניען.

מיר האבען שוין לעצטע וואך געמעלדעט וועגען דער ארבייטער לאגע אין שפאניען און וועגען דעם, וואס די שפאנישע רעגירונג, נאך דעם ווי זי האט פארגאסען טייכען ארבייטער-בלוט, האט דערזעהן אז מיט פאנראמען אויף ארבייטער קען מען זיך לאנג ניט האלטען. אלפאנס'עס רעגירונג האט באשלאסען איינצופיהרען ארבייטער רעפארמען, א גאנצע רייהע רעפארמען.

אזוי ווי די ארבייטסלאזיגקייט אין שפאניען איז זעהר גרויס און אזוי ווי ארבייטסלאזיגקייט איז געווען און איז איינע פון די הויפט-אורזאכע פון די איצטיגע ארבייטער „אונרוהען“, האט די רעגירונג קודם כל אריינגעבראכט אין פארלאמענט א געזעץ-פראיעקט וועגען ארבייטסלאזיגקייט-פארזיכערונג. און די רעגירונג האפט אז דיזער געזעץ-פראיעקט, אויב ער וועט ווערן א געזעץ, וועט העלפען באפרידיגען די ארבייטער. געוויס, די רעגירער פארשטעהן, אז זיי האבען זיך עטוואס צו שפעט גענומען צו רעפארמען, אבער זיי דענקען, אז די קאנאנען און טורמעס וועלען עטוואס אונטעריאגען די צייט. מיליטערישע צושטענדען זיינען דאריבער אין קראפט.

די צווייטע רעפארמע, צו וועלכער די שפאנישע רעגירונג האט זיך גענומען, איז דער אכט-שטונדען-ארבייטס-טאג. אז מען מוז, מוז מען, מען קען זיך ניט העלפען. האט די שפאנישע רעגירונג באשלאסען איינצופירען אן אכט שטונדען ארבייטס-געזעץ, אבער ביז דער געזעץ וועט אנגענומען ווערן, פיהרט איין די רעגירונג אן אכט-שטונדען ארבייטס-טאג אהן א געזעץ. אז מען וויל, קען מען, און עס איז קאנסטיטוציאנעל, דערווייל איז דער אכט שטונדען טאג איינגעפיהרט געווארן אין אלע בילדינג-טריידס. די שכירות וועלען באשטימט ווערן דורך ספעציעלע קאמיסיעס פון פארשטעהער פון די קאפיטאליסטען און פון די ארבייטער.

אין אירלאנד.

מיר הערען און לעזען אזוי פיעל וועגען די סין-פעינערס, די איירישע ציוניסטען, גלייך ווי די סין פעינערס וואלטען געווען די איינציגע וואס וואהנען אין אירלאנד און גלייך ווי דער קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט וואלט געווען דער איינציגער קאמפף אין אירלאנד. אין דער אמת'ען איז דאס ניט אזוי. די סין פעינערס טוען טאקי זייערס און אין דעם קאמפף פאר זעלבסט-באשטימונג האבען זיי טאקע די שטיצע פון דער מעהרהייט פון פאלק, אבער אין דערזעלבער צייט קומט דארט פאר אן אנדער קאמפף. די ארבייטער קעמפפען פאר א בעסער לעבען און קעמפפען ניט בלויז געגען די ענגלישע קאפיטאליסטען, נאר אויך געגען די איירישע פאטריאטען. דער קלאסען-קאמפף, ווי עס ווייזט אויס, מאכט ניט קיין אונטערשייד צווישען נאציאנאליטעטען.

געוויס, אירלאנד איז מעהר פון אלץ אן אגריקולטורע לאנד, אינדוסטריעל זעהר ווייניג ענטוויקעלט און מיט זעהר א שוואכער ארבייטער-באוועגונג. מיר ווייסען אבער, אז די לאנד-ארבייטער שפיעלען זעהר א באדייטענדע ראלע אין אירלאנד, די טראנספארט ארבייטער, וועלכע האבען, מיט א פאר יאהר פאר דער מלחמה, אנגעפירט אזא ריזיגען סטרייק, זיינען גוט ארגאניזירט, און די טעקסטיל אינדוסטריע באשעפטיגט א גרויסען צאהל ארבייטער. און וואו עס זיינען פאראן ארבייטער דארט איז פאראן אן ארבייטער-קאמפף. און אזוי ערנסט זיינען איצטער די ארבייטער אונרוהען אין אירלאנד, אז די לאנדאנער צייטונג „דעילי מעיל“, זאגט, אז די ארבייטער אונרוהען אליין זיינען גענוג צו צווינגען די בריטישע רעגירונג צו באפרידיגען די איירישע נאציאנאליסטען. „די ארבייטער אונרוהען וואקסען“, זאגט די צייטונג, „און די בריטישע רעגירונג איז ניט אימשטאנד עפעס צו טאן. אין אלע ווינקלאך פון אירלאנד גרייטען זיך איצטער די ארבייטער צו סטרייקען און זיי וועלען ארויסשטעלען אזעלכע פאדערונגען, אז קיין איין ארבייטס-געבער וועט זיי ניט קענען נאכגעבען“.

דער סטרייק פון די פארם-ארבייטער אין אגענטינא.

די סטרייקס אין ארגענטינא, וועלכע האבען זיך פאר די לעצטע עטליכע וואכען ענטוויקעלט אין אן אמת'ען אויפשטאנד פון די ארבייטער און וועלכע האבען ארויסגערופען אמת'ע מיליטערישע אפעראציעס נעגען די סטרייקערס מצד דער רעגירונג, וועט זיך, ווי עס ווייזט אויס, ניך ענדיגען. דער וויכטיגסטער סטרייק, ווי באוואוסט, איז געווען דער סטרייק פון די לאנגשארמען און שיף-ארבייטער. געוויס, עס האבען אויך געסטרייקט פיעלע אנדערע ארבייטער און אפילו די טעלעפאניסטקעס האבען ערקלערט א סטרייק לעצטע וואך, האבען אפגעהאלטען א דעמאנסטראציע אין בוענאס איירעס און האבען ארויסגעשטעלט א פאדערונג פון העכערע שכירות און אן אכט שטונדען ארבייטס-טאג, אבער די פאן-טרעגער, אזוי צו זאגען, זיינען געווען די ארבייטער פון פארם.

דער סטרייק פון די פארם-ארבייטער האט זיך אנגעהויבען נאך דעם ווי די שיפ-נג קאמפאניעס האבען געמאכט א לאקאוט פון גאנצע מאסען ארבייטער און האבען געוואלט אנדינגען ניט יוניאן-ארבייטער. די ארבייטער האבען געסטרייקט, די רעגירונג האט זיך אריינגעמישט, מיט ביקסען און מיט ארביטרייטארס, אבער עס האט ניט געהאלפען. די בעלי-הבתים זיינען יא וויליג צונעמען די ארבייטער צוריק, אבער מיט א באדינגונג, אז די יוניאנס זאלען זיך ניט „מישען“ אין די ביזנעס, די קאמפאניעס זאלען קענען אנשטעלען ניט יוניאן-ארבייטער.

די סטרייקערס, פארשטעהט זיך, האבען זיך ענטזאגט. די פארלוסטען פון די קאמפאניעס זיינען אבער גרויס און נאך גרעסער זיינען די פארלוסטען פון די אויסלענדישע עקספארטערס. דער ענגלישער אמבאסאדאר האט דאריבער פארגעלעגט צו זיין דער מידיאייטאר צווישען די צדדים, וועלכע האבען זיין פארשלאג אנגענומען. און עס קען זיין, אז דער סטרייק וועט זיך אין גיכען ענדיגען.

דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער טשארטער.

די ארבייטער קאמיטע פון דער פרידענס קאנפערענץ, די אינטערנאציאנאלע טרייד יוניאניסטישע קאנפערענץ און די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנפערענץ האבען אלע אויסגעארבייט „ארבייטער טשארטערס“. צווישען וועלכע עס איז קיין אונטערשיעד ניטא. עס איז דערזעלבער טשארטער.

די אורזאכע דערפון איז דאס פאלגענדע: די אלע דריי קערפערשאפטען האבען אנגענומען, מיט איינינע אמענדמענטס, דעם טשארטער, וועלכען די ענגלישע ארבייטער האבען אנגענומען. די צוויי קאנפערענצען אין בערן האבען איהם אנגענומען, ווייל דיזער טשארטער איז תמיד געווען די מינימום ארבייטער-פראגראם פון די סאציאליסטישע פארטייען און די קאמיטע פון דער פרידענס-קאנפערענץ האט איהם ניט געקענט ניט אנגעמען, ווייל מען דארף דאך זיין אן ארבייטער קאמיטע. האט מר. גאמפערס אנגענומען א טשארטער מיט פונקטען, געגען וועלכער ער האט תמיד געקעמפפט.

א בריעף פון פילאדעלפיא

ווערטער רעדאקטאר: —

לעזענדיג די באריכטען און טעטיגקייט פון אונזערע ברידער פון אזוי נאהענט-ווי סאן-פראנציסקא און שיקאגא, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק פיליכט וועט זיך אונזער ה' רעדאקטאר דערמאנען, אז ערגעץ ווייט, ווייט, געפינט זיך א קליין שטעדטעל, וואס הייסט פילאדעלפיא, און אז אויך דארט ווערט געמאכט קלאוקס, און טרייען געבען א באריכט פון דארטען? און פיעלייכט איז אונזער רעדאקטאר, זאל ער מיר מוחל זיין, א „גרינער“, און ווייסט נישט פון פילאדעלפיא, וועלען מיר זיך אליין דערמאנען. *)

וועל, ה' רעדאקטאר, איהר זאלט וויסען אז אין פילאדעלפיא איז יעצט אויך דא קלאוקס, און ווי נאך קלאוקס! מיר האבען זיך קיין מאל אליין נישט גערעכענט אויף אזוי פיעל! עס רעגענט מיט באנדעלס קלאוקס... קיין ליידינ-געהער, דאנקען גאט, האבען מיר איצט נים אפילו אויף א רפואה. פארקעהרט, מיר האבען זיך נאך געווענדעט צו די אמאלגאמייטעד. פיעלייכט האבען זיי אביסעל שניידער אונז צו שענקען. און מיר וועלען זיי פארזארגען מיט ארבייט.

אזוי שטעהט עס מיט קלאוק אפרייטארס, מיט קלאוק פינישערס איז נאך ערגער. דאס איז נאר אן אנטיק וואס מען קען יעצט אין פילאדעלניא נישט קריגען! מען צאהלט פון 10 ביז 15 דאלאר פאר ארויסכאפען א פינישער פון איין שאפ אין צווייטען.

מיט די פארדיענסטען האבען זיך די פילאדעלפיער קלאוקמאכער אויך נישט צו שעהמען פאר אלע קלאוקמאכער פון גאנצען לאנד. אין יעדען גוטען יוניאן שאפ (און עס איז גאר ניטא קיין שלעכטער) פאנגען זיך נישט אן די פארדיענסטען נידעריגער פון 45 דאלאר און עס געהט ביז 90 דאלאר א וואך.

אין א טייל שעפער ארבייט מען ביי אונז פון וואך און זיי געהען אויך אהיים מיט 50 ביז 60 דאלאר א וואך „פיידע“.

ווי איהר זעהט, פארדינען זיי א קאפיטשקע ווענינער, האבען זיי דערפאר א געוויסע באשטימטע צייט וואכען צו ארבייטען און זיי וועלען האבען א לענגערען סיזאן.

איז דאס נים, הערר רעדאקטאר, גוטע נייעס פון פילאדעלפיא?

* * *

מיט א קורצע צייט צוריק האבען מיר געקויפט אן איינענע הויז פאר אונזער יוניאן פאר 22 טויזענט דאלאר. מיר האבען איינגעצאהלט 10 טויזענט דאלאר, אין קעש און דאס איבעריגע אויסצוצאהלען.

שבת, דעם 1טען מארטש האבען מיר גערופען א מיטינג פון אונזערע מעמבערס אין איינעם פון די גרעסטע האלס אין פילאדעלפיא וואו איבער דריי טויזענד מעמבערס זיינען אנוועזענד געווען און פאלגענדע רעזאלוציע, וועלכע רעדט פאר זיך אליין, איז איינשטימיג אנגענומען געווארן.

„מיר, די מעמבערס פון דער קלאוק און סקירט מאכערס יוניאן לאקאלס 2, 53, 69 פארזאמעלט ביי א מיטינג שבת, דעם 1טען מארטש, אין לייבאר לייסעאום האל, באשליסען אז:

„נעהמענדיג אין אנבעטראכט דאס עס איז אימער געווען דער ווילען און דאס שטרעבען פון די מעמבערס צו האבען אן איינענע היים פאר אונזער יוניאן, א היים וועלכע זאל זיין דער שטאלץ פון אונזער יוניאן בפרט און פאר דער אידישער ארבייטער באוועגונג בכלל;

„נעהמענדיג אויך אין אנבעטראכט, דאס א הויז איז שוין געקויפט געווארן אין דעם רעכטען מיטעל-פונקט, וואו אונ-

*) אויף דעם, זעהט איהר, האבען מיר טאקע געווארט. מיר האבען געוואלט זעהן ווי לאנג עס וועט אייך נעהמען זיך צו דערמאנען, אז אויך איהר דארפט לאזען וויסען דער וועלט וועגען אייערע פריידען און ליידען, ווי עס טוען דאס די יוניאנס פון אנדערע שטעדט. זאל דאס זיין פאר אייך א גוטער אנזאג. — רעד. „גערעכטיגקייט“.

ביי אונז אין לאנד

די וויכטיגסטע פאליטישע און עקאנאמישע פראגען פון טאג.

פון הלל ראגאף.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Mar. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער געיעג נאך „באלשעוויקעס“ אין אמעריקא הערט ניט אויף. יעדען טאג „ענטדעקט“ די פאליציי א נייעם נעסט פון שרעקליכע רעוואלוציאנערען. די צייטונגען פויקען און שרייען קאראאול. די גלחים אין די קירכעס דרש'ענען וועגען דעם „רויטען טעראר“, וועלכער קומט אן אין דיעזען לאנד. קאנגרעסלייטע אין וואשינגטאן זוכען עצות, וואס פאר נייע געזעצע צו מאכען געגען די „געפעהרליכע מענשען“.

עס פארשטעהט זיך, אז פאר די בעלי בתים פון פעקטארים און פון מיינס און דאס גלייכען איז דאס ווי געוואונשען. זיי באנוצען זיך מיט דער „רויטער געפאהר“ צו פארדאמען און באשמוצען און פארלוימדען אלע יוניאנס, סאציאליסטען, אלעמען און יעדען וואס זוכען אויפקלערען זייערע ארבייטער און אויסקעמפפען פאר זיי בעסערע ווייזשעס און א בעסערען לעבען.

פאר דער סענאט קאמיטע אין וואשינגטאן, וועלכע אונטערזוכט דעם באלשעוויזם אין רוסלאנד און דא אין אמעריקא, זיינען פארגעלעגט געווארען דאקומענטען צו באווייזען אז די באלשעוויסטישע פראפאגאנדא איז פארשפרייט אין אלע טיילען פון לאנד. די דאקומענטען באשטעהען פון די טשארטערס און צייטונגען און ליטעראטור פון די יוניאנס פון די אינדאסטריעל ווארקערס. אזוינע יוניאנס זיינען אין אמעריקא און אין קענעדע דא 8,334. די דעטעקטיווס, וועלכע האבען די פאקטען געזאמעלט, בהויפטען, אז די אינדאסטריעל יוניאנס אגיטירען פאר דער אומשטירצונג פון דער רעגיערונג דורך געוואלד. די דעטעקטיווס פארזיכערען אויך, אז ארום און ארום זיינען אין אמעריקא פאראן 15 טויזענד ארגאניזאציאנען, וועלכע פראפאגאנדירען דעם באלשעוויזם, און מיט „באלשעוויזם“ פארשטעהען דיעזע דעטעקטיווס א בלוטיגען אויפשטאנד געגען דער רעגירונג.

די עדות פאר דער סענאט קאמיטע האבען אויך אונטערשטראכען דעם פאקט, אז צוויי־דריטעל פון דיעזע ארגאניזאציאנען זיינען פרעמד שפראכיגע, אז צוויי־דריטעל פון די באלשעוויסטישע צייטונגען וואס ווערען דא געדרוקט זיינען אין פרעמדע שפראכען, און בלויז איין דריטעל אין ענגליש. דערמיט נאטירליך זוכען זיי צו באווייזען, אז די אימיגראנטען זיינען שולדיג אין דער גאנצער באוועגונג, און אז אום צו דערשטיקען די באוועגונג איז נויטיג צו זוכען מיטלען געגען די אימיגראנטען.

און דערפאר טאקע האט דער טשערמאן פון דער אונטערזוכונגס־קאמיטע ערקלעהרט, אז אזוי שנעל ווי דער נייער קאנגרעס וועט זיך עפענען וועט אהין אריינגעטראגען ווערען א ביל צו פארווערען פרעמד שפראכיגע צייטונגען אין אמעריקא.

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט, וואס די „שרעקליכע דאקומענטען“ זיינען פארגעלעזען געווארען אין וואשינגטאן, האט די ניו יארקער פאליציי געמאכט אן איבערפאל אויף א קלאב פון רוסישע ארבייטער און דארטען ארעסטירט אן ערך פון צוויי הונדערט מענשען. די צייטונגען זיינען גלייך ארויס מיט א געוואלד: „צוויי הונדערט באלשעוויקעס געכאפט אין נעץ“. נאך איידער מען האט געוואוסט וואס, ווען, האבען די צייטונגען די ארעסטירטע פאר'משפט, ארויסגעשיקט צו ווערען פון לאנד. עס האט געהייסען, אז די פאליציי האט באוויזען, דאס די צוויי הונדערט זיינען געווען ארגאניזירט אין א סאוויעט און אז זיי זיינען געווען פארבונדען מיט סאוויעטען אין אנדערע שטעדט, און די פרייד ביי די צייטונגען איז געווען גרויס, וואס די אלע ארעסטירטע זיינען ניט קיין סיטיזענס און וואס די מעהרסטע פון זיי קענען קיין ענגליש ניט ריידען.

פון דער גאנצער סענסיישאן האט זיך געבאך אויסגעלאזען גארניט מיט גארניט. נאך א קורצען פארהער אין קאורט האט מען כמעט אלעמען באפרייט. פארהאלטען האט מען פון די צוויי הונדערט בלויז פיער, און געגען זיי ווייזט אויס איז אויך זעהר וועניג באווייזע פאראן. זוי עס ווייזט זיך ארויס, איז דער קלוב געווען א בילדונגס־פאראיין פון רוסישע ארבייטער, וואו מען פלעגט דיסקוטירען אלערליי פראגען.

אן עהנליכע פיאסקא איז די וואך פארגעקומען אין באפאלא. אין א שעהנעם פריהמארגען האבען די צייטונגען געדרוקט די נייעס, אז אן ארמעע פון ארבייטסלאזע גרייטען זיך צו מאכען א רעוואלוציאן אין באפאלא, אז זיי געהען אומווארפען די רעגיערונג אין יענער שטאדט און גרינדען אויף איהר פלאץ א סאוויעטען רעגיערונג. די צייטונגען האבען געמאלדען, אז דער מעיאר פון באפאלא געהט זיך ווענדען צום גאווערנאר ער זאל איהם שיקען א פאר רעגימענטען סאלדאטען. און קורץ נאכדעם איז אנגעקומען די נייעס, אז די ארמעע שטעהט שוין גרייט און אז גלייך ווי די סאלדאטען וועלען אין באפאלא אנקומען וועט די מלחמה אויסברעכען.

עס פארשטעהט זיך, אז די גאנצע מעשה איז געווען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אין באפאלא אזוי ווי אין אלע אנדערע שטעדט אין לאנד זיינען פאראן היבשע טויזענדע ארבייטסלאזע. עס איז אמת, אז דיעזע ארבייטסלאזע האבען זיך געווענדעט צו דער שטאדט־רעגיערונג אז זי זאל עפעס טאן פאר זיי, און עס איז אויך אמת, אז די שטאדט־רעגירונג האט זייער פארלאנג איגנארירט. אבער ווייטער איז עס ניט געגאנגען. די ארבייטסלאזע האבען דאן געוואלט ארגאנזשירען א דעמאנסטראציע, אבער די דארטיגע בעאמטע האבען זיי עס ניט ערלויבט. וועגען ארויסרופען מיליטער איז ערגעץ קיין קלעהר זאגאר ניט געווען. דער מעיאר און די פאליציי האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז די ארבייטער וועלען אראפבויגען די קעפ און שווייגען, אזוי ווי זיי האבען עס אימער געטאן, ווען עס איז קיין אורזאכע ניט געווען צו זיין אומרוהיג.

די איינציגע האלב באלשעוויסטישע שטימע וואס האט זיך דורך דער צייט געהערט אין לאנד איז געקומען פון צוויי מיינער לאקאלס אין וועסט ווירדזשיניא. אין יענעם סטייט וויל די לעדזשיסלייטשור דורכפיהרען א געזעץ וועגען א סטייט פאליס, א קאזאקען פאלק, ווי ביי אונז אין ניו יארק, וועמעס הויפט אויפגאבע עס וועט נאטירליך זיין צו העלפען ברעכען סטרייקס. די צוויי מיינער לאקאלס, פיהלענדיג אז דיעזער ביל איז א דירעקטע געפאהר פאר זיי האבען געפאסט רעזאלוציאנען, אין וועלכע זיי ווארנען די לעדזשיסלייטשור מיט געוואלד, אויב זי וועט געהן צו ווייט. די אויסדריקע אין די רעזאלוציאנען זיינען ווירקליך שטארקע. אט איז איין שטעלע אזא:

„ווען עס וועט קומען דערצו וועלען מיר זיך ניט צוריקהאלטען ארויסצוטרעטען געגען אונזערע פיינד אויפ'ן שלאכטפעלד, און דארטען, אין דעם קראכען פון קאנאנען און קרעכצען פון שטארבענדע, צוריקגעווינען די בלוט געקויפטע פרייהייט, וועלכע געהערט אונז.“

עס איז ווערט צו באמערקען, אז פון די עוזער גאנץ ערנסטער פאסירונג האבען די צייטונגען קיין טומעל ניט געמאכט. זיי האבען די נייעס געמאלדען מיט קליינע קעפלאך און אויף איהר קיין פרושים ניט געמאכט. איז דאס דערפאר וואס יענע יוניאנס אין וועסט ווירדזשיניא באשטעהען פון אמעריקאנער? אדער איז עס דערפאר וואס די שפראך פון דער רעזאלוציאן קלינגט ווירקליך ערנסט?

* * *

נאך א סענסיישאן אין פארבינדונג מיט דער „באלשעוויסטישער געפאהר“ אין אמעריקא האלט זיך איצטער אין פאנאנדערוויקלען. אין דער געשיכטע זיינען פארמישט ניט יוניאנס, ניט ארבייטער, נאר פארקעהרט צייטונגס לייט און רייכע לייט. די פאקטען אין דיעזער געשיכטע זיינען ניט אין גאנצען קלאר.

די סיטי עדיטארס פון אלע אמעריקאנער צייטונגען, די רעדאקטערע וועלכע האבען די אויפזיכט פון די נייעס־אפטיילונג אין די צייטונגען, האבען אן אסאסיאיישאן. דער פרעזידענט פון דיעזער אסאסיאיישאן איז איינער א מר. סטין. מיט אונגעפעהר א מאנאט צוריק האט דיעזער סטין ארויסגעשיקט א געהיימען אפיעל צו אלע סיטי עדיטארס פון אלע צייטונגען אין לאנד זיי זאלען זאמלען א פאנד פון א מיליאן דאלאר אנצופאנגען א קעמפיין געגען באלשעוויזם אין אמעריקא. אויף דעם אפיעל זיינען אויסער סטין'ס נאמען געווען אונטערגעשריבען די נעמען פון נאך עטליכע שרייבער, א פאר פאליטישענס און א באנק פרעזידענט.

וואס עס האט פאסירט זייט דאן ווייס מען ניט. אבער פלוצלונג האבען זיך גענומען הערען פראטעסטען פון געוויסע קוועלען, אז סטין האט קיין רעכט ניט געהאט אליין ארויסצושיקען אזא אפיעל אין נאמען פון די סיטי עדיטארס אסאסיאיישאן אהנע צו קריגען די צושטימונג פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע. דאן האבען די אונטערגעשריבענע אויף דעם אפיעל זיך אויך גענומען איינציגווייז ארויסרוקען. איינער האט אין גאנצען רעזיגנירט פון דער קאמיטע, א צווייטער האט ערקלעהרט, אז ער האט קיינמאל ניט געהייסען זיין נאמען אונטערשרייבען, און זא ווייטער.

סטין האט זיך אבער ניט איבערגעשראקען. ער ערקלעהרט, דאס ער וועט מיט זיין ארבייט אנגעהן, דאס ער וועט זאמלען דעם מיליאן דאלאר און וועט אויפהויבען א קאמפף געגען באלשעוויזם אין אמעריקא. אין וואס דיעזער קאמפף וועט באשטעהן קען מען זיך לייכט פארשטעלען. מסתמא וועט יעדער ראדיקאלער מענש, יעדער וואס וועט וואגען ארויסריידען א ווארט געגען בעלי בתים, יעדער וואס וועט וואגען העלפען ארבייטער אין א סטרייק פארדאמט ווערען אלס באלשעוויק, אלס א געפעהרליכער רעוואלוציאנער. אונטער דער מאסקע פון קאמפף געגען באלשעוויזם וועלען פארפאלגט ווערען אלע סאציאליסטען און טרייד יוניאניסטען.

וואס עס איז פארגעקומען הינטער די קוליסען ביי די סיטי עדיטארס, ווארום מאנכע זיינען ארויס מיט פראטעסטען געגען סטין ווייס מען פארלויפיג ניט. די געגנער זיינען ניט חס ושלום מעהר ליבעראל ווי סטין. זיי זיינען אויך מיט דער מיינונג, אז יעדער וואס האט נאר אין זיך א דוך פון באלשעוויזם מוז געבראכטען ווערען לעבעדיגערהייד. ווי עס ווייזט אויס, האט מען זיך ניט געקענט איינטיילען מיט די געלד. א מיליאן דאלאר איז דאך א שעהנע מטבעה, און א סיטי עדיטאר איז דאך אויך ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש, האט מען, ווייזט אויס, איינער דעם אנדערען ניט פארגונען.

* * *

די 54 ארבייטער, וועלכע מען האט געבראכט פון דער וועסט קיין עליס איילאנד ארויסגעשיקט צו ווערען דערפאר וואס זיי זיינען „אי ניט קיין סיטיזענס, אי רעוואלוציאנערען“, זיצען נאך אויף דעם אינזעל. דער סעקרעטערי אוו לייבאר האט אפגעהאלטען א פארהער וועגען 31 פון דער גרופע און האט צוגעשטימט ארויסצולאזען 12 פון זיי. דיעזע צוועלף האבען די בעאמטע געוואלט שוין לאנג צוריק באפרייען נאך פאר א יאהרען, ווען זיי זיינען געזעסען אין פריזאן אין די וועסט. זיי האבען אבער זיך ענטזאגט ארויסצוגעהן אהן די איבעריגע. ווי זיי וועלען איצטער האנדלען, צי זיי וועלען בלייבען ביי זייער באשלוס צו שטעהן מיט זייערע קאמעראדען און געהן אין גלות צוזאמען מיט זיי, צי ניט, ווייס מען ניט.

* * *

די קאר ארבייטער פון די שטעדט און שטעדטלעך אין דעם נארדליכען טייל פון ניו דזשוירזי סטייט האבען אין איינע פיער טעג געוואונען א פארצוויפעלטען קאמפף מיט די בעלי בתים. דער סטרייק האט אויסגעבראכען מיטוואך אין דער פריה און מאנטאג נאכמיטאג איז ער שוין געווען א געסעטעלטער. ווען דיעזע ציילען ווערען געשריבען, זיינען גענוי אלע פונקטען פון דעם סעטעלמענט ניט באקאנט. דאס ווייס מען אבער, אז דער הויפט פונקט איבער וועלכען דער סטרייק האט אויסגעבראכען, די אנערקענונג פון דער יוניאן, האבען די ארבייטער געוואונען.

די קאר קאמפאניעס האבען זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כחות דעם סטרייק צו צוברעכען. זיי האבען אדווערטייזט נאך סקעבס און זיי אנגעבאטען ניין דאלאר א טאג. זייער האפנונג איז געווען, אז איצטער, ווען עס געהען ארום אזוי פיעל מענשען לעדיג, וועט עס זיי געלינגען צו געפינען גענוג סקעבס. דער חשבון האט זיך אבער אויסגעלאזען פאלש. קיין קארס זיינען אין די טעג פון סטרייק ניט געלאפען. די ווארלייבאר באארד פון וואשינגטאן האט אראפגעשיקט איהרען א פארטרעטער און נאך איינינע קאנפערענצען איז איהם געלונגען צו ברענגען ביידע צדדים צו א פארשטענדניס און דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען.

* * *

דער סטרייק פון די האפען ארבייטער געהט נאך טיילוויז אן. די לאגע איז דארטען פארפלאנטערט געווארען דורך די סעטעלמענטס וואס זיינען געמאכט געווארען מיט די רעגיערונגס־דעפארטמענטס. די ריילראוד אדמיניסטריישאן האט געסעטעלט מיט דער יוניאן די ערשטע און די ארבייטער אויף די ריילראוד פעריס האבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער ארבייט. דאן האט די נייווי דעפארטמענט געסעטעלט און זא ווייטער. די פריוואט קאמפאניעס זעצען אבער פארט דעם קאמפף געגען די ארבייטער. דער פלאנטער איז געשאפען געווארען דורך דעם וואס די רעגיערונגס דעפארטמענטס זיינען אפט געצוואונגען צו באנוצען שיפלעך פון די פריוואט קאמפאניעס. די יוניאן האט פארלאנגט, אז די רעגיערונג זאל אפדינגען די שיפלעך ביי דיעזע קאמפאניעס און סעטלען מיט די ארבייטער. די רעגיערונגס דעפארטמענטס האבען פארהאנדעלט וועגען דעם מיט די פריוואט קאמפאניעס, אבער די פריוואט אייגענטימער פון די שיפלעך האבען זיך ענטזאגט די שיפלעך צו פארדינגען. א שטיקעל צייט האט מען גערעדט, אז די רעגיערונג זאל זיי צווינגען דאס צו טאן, אבער דערפון איז גארניט געווארען.

דער סטרייק אויף די האפענס ביי די פריוואט שיף קאמפאניעס ווערט דארום פארטגעזעצט. די לאנגשארמען העלפען די שיף סטרייקערס אין ענטזאגען זיך אנצוריהרען די פראכט אויף שיפען, וואס ווערען געפיהרט פון סקעבס.

סאל זיידמאן אין האספיטאל.

ברודער סאל זיידמאן, דער מענעדזשער פון די וועיסט און דרעסס מאכער יוניאן לאקאל 25, דער וויים טשערמאן פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, איז פלוצלונג קראנק געווארען און געפינט זיך אין מאונט סיינאי האספיטאל.

מיר האפען אז ס'וועט איהם קיין בייז ניט זיין און דאס ער וועט גאר אין גיכען ווידער זיין מיט אונז אין די קעמפענדע רייהען.

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטים און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

קלאוק מייקערס, אויפמערקזאם!
מיר לאזען אייך וויסען דאס דער
דאון־טאון אפיס
האט געמופט פון 40 א. 2טע סטריט, און 35 א. 2טע סטריט (אין טעאטער בילדינג), דעם 21טען מארטש, 1919.
פון דעם דייט וועלען אלע קאמפליינטס דארט אויפגענומען ווערען. דיוס געצאהלט, און אלע אנדערע שאפ ביזנעס פארהאנדעלט ווערען.
מיט גרוס.
די דזשאינט באארד קלאוק מאכער'ס יוניאן

די אידישע ארבייטער וועלט

פון א סטעף רעפארטער.

דער ארבייטער רינג און די קאאפעראטיווע באוועגונג. — די פעריערס יוניאן פייערט איהר זיעג מיט א גרויסער נדבה פאר'ן פיפעלס רעליעף. — די ניט ארגאניזירטע שקלאפען. — די בראנקס פארנעהמט זיך אויפצובויען א לייבאר טעמפעל. — דער סטרייק פון די קינדער שיך־ארבייטער.

מיר גלייבען, דאס פאר די מיטגליעדער פון אונזער אינטערנעשאנאל דארפען מיר ניט דערצעהלען וואס דער ארבייטער רינג איז; מיר דארפען זיי אויך ניט דערצעהלען וועגען דעם גוטען איינפלוס, וואס ער איבט אויס אויף דער אידישער גאס און אין דער היים פונ'ם אידישען ארבייטער. א סך פון אונזערע מיטגליעדער באלאנגען צום ארבייטער רינג און זיי ווייסען דאס אזוי גוט ווי מיר. לעצטענס אבער האט דער ארבייטער רינג זיך שטארק פאראינטערעסירט אין א נייער טעטיגקייט, אין דער קאאפעראטיווער באוועגונג, און עס איז כדאי צו זאגען וועגען דעם א פאר ווערטער.

וועגען קאאפעראציאן הערט מען שוין אין אידישען קווארטאל פון א סך יאהרען. עס עקזיסטירט א סטאר דא, א סטאר דארט. די באוועגונג איז אבער ניט גענוג פאפולער געווען צו פאראינטערעסירען דעם ברייטען עולם, די גרויסע מאסען אידישע ארבייטער. די קאאפעראטיווע באוועגונג האט דעריבער ביז איצט, אויף דער אידישער גאס ניט אנגענומען קיין פראקטישע פארם, האט ניט באקומען קיין פראקטישען אויסדרוק, ווי אזא באוועגונג האט ווירקליך געדארפט באקומען. די גרופע מענשען, וואס האבען זיך ביז איצט אפגעגעבען מיט דער קאאפעראטיווער באוועגונג, זיינען באטראכט געווארען ווי עפעס אן אפגעזונדערטע סעקטע, ווי, למשל, די וועגעטאריאנער, און האבען פון ברייטען עולם ניט באקומען גענוג אויפמערקזאמקייט. און דאסזעלבע איז אויך געווען מיט אונזער פרעסע; אויך דא האט זי ניט באקומען גענוג אויסדרוק.

ענדליך איז געקומען דער ארבייטער רינג, און ווען ער האט אריינגענומען די קאאפעראטיווע באוועגונג אין זיינע הענד, האט עס שוין גאר אן אנדער פנים באקומען! די באוועגונג וואקסט און שפרייט זיך אויס. פון א סעקטע קאאפערייטארס ווערט עס איצט אן אמת'ע פאלקס־באוועגונג, און מען מעג האפען, אז באלד, באלד און דיזע באוועגונג וועט נעהמען שפיעלען א וויכטיגע ראלע אין דעם עפענטליכען לעבען פון די אידישע ארבייטער.

די „ארבייטער רינג קאאפעראטיווע געזעלשאפט" אין ניו יארק איז צוזאמענגעשטעלט פון איבער פופציג ברענטשעס, צווישען וועלכע עס געפינען זיך די גרעסטע ברענטשעס אין ניו יארק.

א קאאפעראטיווע בעקעריי אויפ'ן גרויסען מאסשטאב מיט די בעסטע סאניטארישע איינריכטונגען, וועלכע וועט דעליווערען די בעסטע און געשמאקסטע געבעקס אין אלע קווארטאלען פון שטאדט, וואו אידישע ארבייטער וואוינען — דאס איז די ערשטע פראקטישע ארבייט, וואס דער „ארבייטער רינג קאאפעראטיווע געזעלשאפט" געהט פארווירקליכען אין דער גאר נאהענטער צוקונפט.

צו דערגרייכען דעם צוועק האט די קאאפעראטיווע געזעלשאפט ארויסגעלאזען פאר 50 טויזענד דאלאר סטאק, אין 5 דאלארדיגע שערס, און די שערס ווערען געקויפט אי פון די ברענטשעס, אי פון די איינצעלנע מיטגליעדער פון דעם ארבייטער רינג, און אזוי גיך ווי עס וועט צוזאמענגעבראכט ווערען די ערשטע 25 טויזענד דאלאר, וועט מען גלייך אנפאנגען עפענען די בעקעריי. און דאס וועט גאר גיך געשעהן.

דאס איז בלויז אן אנפאנג. אזוי גיך ווי די בעקעריי וועט געעפענט ווערען, וועט די „ארבייטער רינג קאאפעראטיווע געזעלשאפט" נעהמען טראכטען וועגען אנדערע נויטיגע אונטערנעהמונגען, און עס איז קיין צווייפעל ניט, דאס די קאאפעראטיווע באוועגונג וועט זיך איצט וואס ווייטער אלץ מעהר פאנאנדערוואקסען אויף דער אידישער גאס.

פון טיעפען הארצען ווינשען מיר גליק דעם ארבייטער רינג אין זיין נייער ראלע אין דער קאאפעראטיווער באוועגונג.

* * *

אין די רייהען פון דער פעריערס יוניאן הערשט ששון ושמחה מיט דעם זיעג, וואס זיי האבען דא ניט לאנג צוריק געוואונען אהן א קאמפף. זיי האבען געוואונען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, א העכערונג אין די שכירות, עס איז אפגעשאפט געווארען די צווייערליי פרייזען, וואס זיי האבען געהאט פאר'ן ביזי סיזאן און פאר'ן סלעק סיזאן, און נאך אנדערע טרייד־איבלען זיינען אפגעשאפט געווארען. קורץ, זיי האבען געהאט א גרויסען זיעג און זיי פרעהען זיך.

אבער אין מיטען פון זייער שמחה האבען זיי זיך דערמאנט ווי שרעקליך עס ליידען זייערע שוועסטער און ברידער פון יענער זייט ים; זיי האבען זיך דערמאנט ווי שרעקליך עס ליידען דארט די אידישע מלחמה־קרבנות און זיי האבען באשלאסען אפצוגעבען א האלבען טאג ארבייט פאר יענע דערשלאגענע מענשען. ווי מיר הערען, האט דער דזשאינט באארד פון דער פעריערס יוניאן אין ניו יארק באשלאסען, דאס די ארבייטער אין דעם פאך זאלען ארבייטען שבת, דעם 29טען מערץ, ד ע ם ג א נ צ ע ן ט א ג, און די שכירות פון דעם צווייטען האלבען טאג ארבייט זאל אפגעגעבען ווערען צום פיפעלס רעליעף, פאר די אידישע מלחמה קרבנות. דאס וועט, פארשטעהט זיך, איינברענגען א היבשע פאר דאלאר.

די פאר־ארבייטער האבען זיך, אלזא, אוועקגעשטעלט גאנץ שעהן און עס בלייבט צו זעהן, ווי אזוי עס וועלען דא האנדלען די פאר־מאנופעקטשורערס, זייערע בעלי בתים.

עס האנדעלט זיך נעמליך וועגען דעם:

לויט די רולס פון דער יוניאן רעכענט זיך די ארבייט פון שבת נאכמיטאג אלס „אווערטיים ארבייט", פאר וועלכע די ארבייטער זיינען בארעכטיגט צו באקומען דאבעל באצאהלט. די יוניאן טענה'ט דעריבער, דאס די באסעס דארפען פאר יענעם האלבען טאג ארבייט געבען פאר א ג א נ צ ע ן טאג שכירות, און דאס וואלט פארדאפעלט די סומע הילף פאר די אידישע מלחמה קרבנות. איז אבער די פראגע, צי די פאר־מאנופעקטשורערס וועלען איינוויליגען דאס צו טאן. געוועהנליך זיינען די בעלי בתים צופריעדען צו צאהלען דאבעל פאר אווערטיים־ארבייט, און זיי דארפען נאך זיך איינבעטען, די יוניאן זאל ערלויבען אווערטיים צו ארבייטען. אבער ווער ווייס, צי זיי וועלען דאס טאן דעם מאל?

שוין דאס אליין, וואס די יוניאן דארף גאר אגיטירען צווישען די באסעס, זיי זאלען פאר יענעם האלבען טאג צאהלען דאפעלט, ווייזט גאנץ קלאר, דאס די פאר־ארבייטער שטעהען מאראליש א סך העכער פון זייערע בעלי בתים.

* * *

ווען מען איז פאר א לענגערער צייט אריינגעטאן אין יוניאן־זאכען און מען לעבט זיך איין אין דער סביבה פון ארגאניזאציאן, פארגעסט מען זיך גאר, אז ביי דער היינטיגער צייט זיינען נאך דא אויף דער אידישער גאס אזעלכע דומע ארבייטער, ניט ארגאניזירטע שקלאפען, מיט וועלכע מען דארף נאך איצט לערנען דעם אלף בית פון טרייד יוניאניזם, צו וועלכע מען דארף נאך רעדען, אגיטירען פאר זיי, דאס זיי זאלען זיך ארגאניזירען און אויפהערען שקלאפען 59 שטונדען א וואך פאר א קלענליכען לוין. ווארום איהר ווייסט דאך, לאנגע ארבייטס־שטונדען געהען אימער האנד אין האנד מיט קורצע שכירות! וואס לענגער עס זיינען די ארבייטס־שטונדען, אלץ קלענער זיינען די פארדיענסטען.

מיט א פאר טעג צוריק האבען מיר געלעזען אין „פארווערטס" דעם פאלגענדען אויפרוף:

„אן אויפרוף צו אלע ברעס און אייזען בעד מייקערס.

„ברידער! עס איז ניטא כמעט איין טרייד, וואס זאל ניט זיין ארגאניזירט. עס זיינען ארגאניזירט אלע אפטיילונגען פון בעדינג טרייד און זיי האבען גוטע קאנדישאנס, קורצע ארבייטס־שטונדען, מענשליכע ווידזשעס און גוטע באהאנדלונג. אייער פאך פון מאכען אייזערנע און ברעסענע בעטען דארף מען לאנג לערנען. עס איז א שווערע ארבייט און איהר שאפט נאך אין פיעלע שעפער 59 שטונדען א וואך. הייסט די פארדיענסטען און די באהאנדלונג וואס איהר קריגט!

„ברידער! ערוואכט פון אייער שלאף. איצט האט איהר די בעסטע געלעגענהייט. עס איז שוין דא א שטארקע יוניאן, שליסט זיך אן אן איהר און איהר וועט אויך געהאלפען ווערען."

ווירקליך, ווען מען לייענט היינטיגע צייטען אזא אויפרוף, נים עס א ריס אין אויער. עס דערמאנט אייך, אז די וועלט איז נאך היבשליך הינטערשטעליג און אז אין די מוחות פון מאנכע ארבייטער איז נאך שטאק פינסטער! שטעלט אייך פאר, ביי דער איצטיגער צייט זיצען ארבייטער און שקלאפען 59 שטונדען א וואך פאר א קלענליכען לוין און מען דארף זיך בעטען ביי זיי, זיי זאלען ווערען יוניאן־לייט און פארבעסערען זייער לאגע! קען נאך זיין עטוואס טראגישערעס ווי דאס איז?

העניריך היינע'ס פראגע: „גאט, ווי גרויס איז דיין טיערגארטען!" וועט, דאכט זיך, קיינמאל ניט אלט ווערען...

* * *

די בראנקס פארקוקט זיך אויף בראנזוויל; די אידישע ארגאניזאציאנען אין די בראנקס האבען זיך גענומען צו שאפען א לייבאר־טעמפעל און אויב זיי וועלען ניט באלד מיעד ווערען צו ארבייטען דערפאר, וועלען זיי דעם אידעאל פארווירקליכען. עס האט זיך שוין געגרינדעט א „לייבאר טעמפעל אסס'ן" און דערוויילע געהט די ארבייט צו גאנץ לעבעדיג.

עס איז ווערט צו באמערקען, דאס די אידישער בעקער־יוניאן לאקאל 169 צייכענט זיך באזונדערס אויס אין דער ארבייט. עס ווערען אפגעהאלטען מיטינגען און אחוץ ארבייטער־ארגאניזאציאנען שליסען זיך אן אין דער אסס'ן אויך איינצעלנע, ראדיקאלע מענשען, און ווי עס שיינט וועט די בראנקס זיין די נעקסטע אין ליין צו בראנזוויל אויסצובויען אן איינענע היים פאר'ן פרייען געדאנק פון דער אידישער באפעלקערונג אין די בראנקס.

* * *

דער סטרייק פון די קינדער שיך ארבייטער האט זיך פארענדיגט אזוי ערפאלגרייך ווי ער האט זיך אנגעפאנגען.

בלויז דריי וואכען האט די טשילדרען שוה וואירקערס יוניאן געפיהרט דעם סטרייק און די באלעבאטים האבען איינגעזעהן די נוצלאזיגקייט פון קאמפף און האבען אלע פאדערונגען נאכגעגעבען.

די ארבייטער האבען דיעזען מאל גאר קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו באווייזען זייער מוט, מיט וועלכען זיי האבען זיך אזוי שטארק אויסגעצייכענט אין די פריהערינע שווערע סטרייקס. די יוניאן האט אזוי פעסט קאנטראלירט דעם טרייד, דאס די באסעס האבען ניט אנגעפאנגען צו עפענען זייערע שעפער, ווי די מאדע איז ביי אלע סטרייקס. זאגאר „דר." אדלער, וועמעס שאפ עס האט באדארפט זיין א פעסטונג, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט פון דער יוניאן, איז ווי דורך א כשוף אויך ארונטער, און ביז דער „דאקטאר" האט ניט געסעטעלט מיט דער יוניאן זיינען די ארבייטער פרעהליך געשטאנען ארום שאפ אין פיקעט־ליין.

דער צווייטער שאפ, וואס די יוניאן האט פארשאפט דורך דיעזען ערפאלגרייכען סטרייק, איז מרס. ליעבערמאן'ס — וועמעס ארבייטער האבען זיך אפגעריסען פון דער קינדער שיך־ארבייטער יוניאן אין לעצטען ביטערען סטרייק. דיעזען מאל האבען מרס. ליעבערמאן'ס ארבייטער באוויזען וואס זיי האבען דורכגעפיהרט די גאנצע צייט זינט זיי זיינען געווען אפגעריסען פון זייער יוניאן. ווי העלדען זיינען זיי געשטאנען ביים שאפ, ביז דער פארשטעהער פון זייער יוניאן האט זיי אריינגעפיהרט זיעגרייך אין שאפ.

וועגען די איבעריגע שעפער האט קיינעם ניט איבערראשט צו זעהן ווי זיי פוסטעווען. קיינער האט ניט ערווארט, דאס די קינדער שיך־ארבייטער זאלען וועלען פארראטען זייער יוניאן און פאר די גאנצע דריי וואכען איז קיין איין פאל ניט פארגעקומען, וואו דער פיקעט־קאמיטע זאל אויסקומען אימיצען אפצוהאלטען פון געהן אין שאפ.

די בעלי בתים האבען עס פארשטאנען און האבען ניט געמאכט קיין פארזוך די שעפער אפילו צו עפענען. די שעפער זיינען געווען געשלאסען, ביז די באסעס האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן.

די ארבייטער פרעהען זיך זעהר שטארק מיט זייערע געווינסען, איבערהויפט מיט די 4 שטונדען, וואס זיי האבען ארונטערגעריסען פון דער ארבייטס־וואך. אויך פיהלען זיי, דאס די יוניאן איז ארויס פיעל שטארקער, גרעסער און רייכער פון דיעזען סטרייק. איבערהויפט פארשטעהען די מעמבערס פון דער טשילדרען שוה־וואירקערס יוניאן, דאס יעצט, מיט דעם געוואונענעם סטרייק, וועט די יוניאן פארערעכענט ווערען אלס איינע פון די בעסטע ארגאניזירטע קערפערשאפטען צווישען די פיעלע שוסטער־יוניאנס אין לאנד.

די ריינקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20

די ריארגאניזיישאן און ארגאניזיישאן ארבייט וואס אונזער לאקאל האט אונטערנומען, פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען ווערט דורכגעפיהרט מיט ערפאלג, טראץ די אונגינסטיגע באדינגונגען אונטער וועלכע עס קומט אונז אויס דיזע ארבייט צו טאן.

ווען מיר ריידען וועגען אונגינסטיגע באדינגונגען מיינען מיר, אז עס איז ווירקליך געווען א געפאהר פאר'ן טרייד, די הונדערטער און הונדערטער נייע סימענטערס וואס זיינען אריין אין אונזער טרייד אין דער צייט פון די „סלוקערס" און זיינען מיט איין מאל געבליבען אונבאשעפטיגט. מען האט געמיינט, אז דיזע אריינגעקומענע וועלען זיין גרייט צו געהן ארבייטען פאר אירגענד וועלכען פרייז אבי צו קענען פארבלייבען אין טרייד. ווי עס שיינט אבער, וועט דיזער אריינגעקומענער „סליקער מייקער" צוריקגעהן צו זיין אייגענער טרייד פון וועלכער ער איז אויף א ווייל אוועק, און וואס שנעלער דאס וועט פאסירען אלץ געזונטער וועט דאס זיין פאר אונז און טאקע אויך פאר זיי.

ווי געזאגט, טראץ די אונגינסטיגע אומשטענד'ען, א דאנק די אונערמידליכע ארבייט פון אונזער מענעדזשער, ברודער ל. וועקסלער, איז אונז אין דער לעצטער צייט געלונגען נאהענט פון 20 שעפער צו רעארגאניזירען און ביי א 10 שעפער צו ארגאניזירען וואס זיינען ביז איצט אונטער א יוניאן קאנטראל ניט געווען. מיר קענען מיט זיכערקייט באהויפטען אז אין גרייטער נויארק האבען מיר כמעט 95 פראצענט פון דעם טרייד ארגאניזירט, און יעצט בלייבט אונז צו ארגאניזירען די שעפער ארום נויארק און די שטעטליך יוניאן היל, וועסט נויארק, מאונט ווערנאן, סאוט נארפאלק, טרענטאן, מארמאראנעק, א. ז. וו.

דעם ערשטען אנפאנג האבען מיר געמאכט אין מאונט ווערנאן.

מיט איינינע טעג צוריק איז דארט ערקלערט געווארען א סטרייק, אין ראזענפעלדס שאפ, א פירמא וואס איז אמאל געווען אין נויארק און האט אהין ארויסגעמופט אום צו אנטלויפען פון דער יוניאן. די ארבייטער פאדערן העכערע ווידזשעס און יוניאן באדינגונגען. אלע ארבייטער זיינען ארונטער. זיי זיינען 50 אין צאהל, אפרייטארס און סעמענטערס. די מעהרסטע פון זיי זיינען איטאליענער, און דער יוניאן־גייסט צווישען זיי איז אן אויסגעצייכענטער. עס וועט ניט לאנג נעמען און דער סטרייק וועט זיין א געוואונענער.

פאר די לעצטע עטליכע וואכען האבען מיר געהאט עטליכע סטרייקס וואס זיינען ווערט צו פארצייכנען:

די ווערבעסט ריינקאוט קאמפ. פון 151 וועסט 19טע סט. האט זיך דעם לעצטען יאהר איינגעגעבען זיך אויסצודרעהן פון יוניאן קאנטראל, לעצטענס ווען מיר האבען באזוכט דעם שאפ, האט זיך די פירמא ענטזאגט צו פארהאנדלען מיט דער יוניאן. דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק. נאך איינינע וואכען סטרייקען האבען מיר געוואונען א רייז אויף די פרייזען פאר די אפרייטארס און סעמענטערס, און יעצט איז דער שאפ פאלשטענדיג אונטער אונזער קאנטראל.

העללער'ס שאפ פון 221 סקול סט. ברוקלין, איז נאך פיעל טראבעל ערקלערט געווארען אין סטרייק. די פירמא האט געטרייעט פארשידענע סקימס און איז שליסליך געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער יוניאן. אין דיזען שאפ האט מען געסעטעלט פאר וואך־ארבייט אויף דעם באזיס פון 35 דאלער א וואך פאר א מי־

(שלוס אויף ז. 15)

די אינטערנעשאנאל איבער'ן גאנצען לאנד

פון מאקס ד. דעניש.

שיקאגא רייןקאוט מאכער.

לואיס גרינספון, מענעדזשער פון לאקאל 54, שרייבט:

„די שיקאגא רייןקאוט מאכערס יוניאן איז דערזעלבער ביהנשטאק פון טעטיגקייט היינט ווי זי איז ווען געווען. איך געדענק קוים די צייט, ווען די שיקאגא רייןקאוט מאכער זיינען געזעסען מיט פארלענגטע הענד. ווען עס איז נאר דא ווייניג וואס צו טאן אין דער היים, טראכטען אונזערע באס ניט איבער לאנג און פאהרען ארויס פון שטאדט צו ארגאניזירען די ארבייטער וואו זיי קענען נאר.

ניט לאנג צוריק האט די פירמע פון סעמועל מייערס, וועלכע איז געווען א יוניאן שאפ אין פארלויף פון אכצעהן מאנאט דא אין שיקאגא, באשלאסען זיך צו צושיידען מיט אונז, און זי איז אוועק קיין מילוואקי. די יוניאן, וויסענדיג גאנץ גוט וואס דיזע באסעס בעאבזיכטיגען, איז זיי נאכגעפאהרען, און איידער ס'האט זיך זיי איינגעגעבען צו געפינען אן אנהאלט אין מילוואקי, האט זיי די יוניאן געגעבען צו פיהלען, אז דער ארם פון ארגאניזירטער ארבייט איז לאנג גענוג צו דערגרייכען איבעראל. ווי מען מעלדעט אונז, זעהט שוין דיזע פירמע איצט אן אנדער „ערי מקלט", וואו זיך צו ראטעווען...

מיר האבען גענוג צו טאן אין שיקאגא צו ארגאניזירען ניט יוניאן שאפס און מיר געהען אן אונערמידליך מיט אונזער ארבייט. אונזער סכסוך מיט דער פירמע פון ראזענוואלד און וויל, איינע פון די שטארקסטע יוניאן פיינדליכע פירמעס אין דיזער שטאדט, האט אונז געגעבען די געלעגענהייט זיי ארויסצושטעלען אין זייערע אמת'ע קאלירען פאר דער עפענטליכער מיינונג פון שיקאגא.

עס איז איצט דא א היבש ביסעל ארבייטסלאזיגקייט אין אונזער אינדוסטריע אין שיקאגא. ווען מען האט געענדיגט צו מאכען די ארמעע-ארבייט זיינען א מאסע ארבייטער געבליבען אהן דזשאבס. כדי צו לייזען דעם פראבלעם האבען מיר געטאן אלעס מעגליכע צו פארטיילען די ארבייט אין די שאפס אויף גלייך צווישען אלע ארבייטער און אויף אזא אופן פארלייכטערען די ארבייטס-לאזיגקייט. איצט איז פאראן בלויז א קליינע צאהל אהן דזשאבס, און מיר גלוי-

---

זערע שעפער געפינען זיך, נעמליך אין 112-114 נארטה 9טע סטריט;

„נעהמענדיג אויף אין אנבעטראכט, אז דאס הויז דארף יעצט איבערגעבויט און אויפגעפיקסט ווערען אזוי, אז עס זאל ווירקליך זיין אן ארבייטער טעמפעל, און אזוי ווי די איינריכטונגען דארפען קאסטען פון 10 ביז 15 טויזענד דאלאר;

„זיי עס באשלאסען, דאס יעדער מעמבער זאל זיין פארפליכטעט צו באצאהלען א טעקס פון 5 דאלאר, אום מיר זאלען קענען אונזער פלאן דורכפיהרען.

„זיי עס אויך באשלאסען, אז דיזער טעקס זאל מוזען איינגעצאהלט ווערען אין 8 טעג צייט, נעמליך אנפאנגענדיג שבת, דעם 8טען מארטש ביז שבת, דעם 15טען מארטש".

לעצטען שבת איז געווען די ערשטע איינצאהלונג און א באדייטענדע סומע איז שוין קאלעקטעט געווארען.

* * *

יעס, ה' רעדאקטאר, אויב עס זיינען פאראן נאך וואו ניט איז ארגאניזירטע ארבייטער אין קלאוק-טרייד, מעגען זיי זיך נעמען א ביישפיעל פון פילאדעלפיא מיט איהר יוניאן. נאך א פארלארענעם סטרייק פון 27 וואכען, וועלכער ליגט נאך יעדען ארבייטער גוט אין געדעכניס, איז יעדער פון אונזערע מעמבערס געבליבען שטעהן מיט אונזער יוניאן, ווייל ער האט געוואוסט וואס עס הייסט זיין ארגאניזירט. די דיסציפלין אין אונזער יוניאן, די ליעבע פון אונזערע מעמבערס צו אונזער יוניאן, דער צוטרויען פון אונזערע מעמבערס צו אונזער יוניאן האט געבראכט אונזער יוניאן צו דעם שטאנד ווי זי איז יעצט — 100 פראצענט ארגאניזירט. אונזערע מעמבערס מאכען אן אנשטענדיגען לעבען אין די שעפער, און זיי זעהען איצט איין, אז זיי זיינען געגאנגען דעם ריכטיגען וועג, וועלכער פיהרט צו פיעל, פיעל בעסערע אומשטענדען זייענדיג ארגאניזירט.

א. נייבאוער,
סעק. ל. 2 א. ל. ג. וו. י.

בען, אז גאר אין גיכען וועט יעדער איינער זיין באשעפטיגט. מען ערווארטעט א זעהר גוטען הערבסט סיזאן, און אזוי ווי אן אנצאהל פון ארבייטער, וועלכע זיינען אין משך פון לעצטען יאהר אריינגעקומען אין אונזער טרייד, האבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע פריהערדיגע באשעפטיגונגען, האבען מיר גענוג גרינדע צו האפען, אז דער פראבלעם פון ארבייטסלאזיגקייט וועט ניט זיין אזא ביטערער אין אונזער ארגאניזאציאן.

אויב דער רייןקאוט טרייד האט ווען געדארפט די הילף פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פארם פון א דזשענעראל ארגאנייזער פאר דיזער אינדוסטריע, פיהלט זיך די נויטיגקייט דערפון איצט זעהר שטארק. איבער דער גאנצער וועסט, באזונדערס אין די סטייטס אהייא און וויסקאנסין, זיינען דא מאסען ניט - ארגאניזירטע רייןקאוט מאכער, וועלכע ארבייטען אונטער קלעגליכע באדינגונגען. אין פארלויף פון די לעצטע אנדערהאלבען יאהר זיינען טויזענדער פון נייע ארבייטער אריינגעצויגען געווארען אין דער ראבער גארמענט אינדוסטריע. איצט מאכען די באסעס, איבערהויפט די טראסט-פירמעס, פלענער צו געברויכען דיזע רעזערוו ארמעע פון ארבייטער אלס בייטש געגען די ארגאניזירטע ארבייטער אין טרייד. דער פאקט איז, אז די יוניאן ארבייטער זיינען אונפארגלייכליך בעסער אפ און פארדיענען א סך מעהר ווי די ארבייטער אין די טראסט שעפער, וועלכע געפינען זיך גרעסטענטיילס אין די קלענערע שטעדט פון מידעל-וועסט. די נויטווענדיגקייט צו ארגאניזירען דיזע שעפער אזוי שנעל ווי מעגליך איז דארום א זעלבסטפארשטענדליכע זאך. מיר דא אין שיקאגא גלויבען און האפען, אז די אינטערנעשאנאל וועט איינזעהען די וויכטיגקייט פון דיזען פראבלעם און וועט איהם לייזען צו די בעסטע אינטערעסען פון די ארגאניזירטע ארבייטער אין דעם וואטערפרוף גארמענט טרייד פון דיזען לאנד."

באסטאן לידיעס טיילארס.

ברודער דזשייקאב וואהים, מענעדזשער פון באסטאן דזשאינט באארד, שרייבט:

„מיר האבען אנגעפאנגען א קעמפיין צו ארגאניזירען די לידיעס טיילארס פון באסטאן, און מיר האבען ביז איצט געהאט א באדייטענדען ערפאלג. מיר האבען געהאט איינינגע גוט באזוכטע מיטינגען און ביי יעדען מיטינג האבען גרויסע צאהלען פון טיילארס זיך ערקלעהרט גרייט צו אנשליסען זיך אן דער יוניאן. באסטאן האט אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר געהאט צוויי לאקאלס פון לידיעס טיילארס. ס'איז שווער דא אין עטליכע ווערטער צו ערקלעהרען די אורזאכע ווארום זיי איז ניט געלונגען אנצוגעהן. צו ארגאניזירען לידיעס טיילארס, וואס פיעלע פון זיי באטראכטען זיך אלס די קינסטלער אין די נידעל-טריידס, ניט קוקענדיג דערויף וואס זיי זיינען צווישען די אם ארעמסטע באצאהלטע — איז קיינמאל ניט געווען קיין לייכטע אונטערנעהמונג זאגאר אין ניו יארק. דאך גלויבען מיר, אז עס איז די העכסטע צייט זיי צו ארגאניזירען און מיר האבען בדעה אנצופיהרען דעם קעמפיין אזוי שיכטיג ווי מעגליך. מיר האבען די טעג זיך געווענדעט צו דער אינטערנעשאנאל פאר דער באנייאונג פון זייער טשארטער.

ניט לאנג צוריק, אין דער צייט פון דעם היקסאן סטרייק אין ניו יארק, איז ברודער מאגנאוויטש, פון לאקאל 80, ניו יארק, געקומען קיין באסטאן צו דעם היגען היקסאן ברענטש, און אהן שוועריגקייט האט ער ארונטערגענומען דעם גאנצען שאפ. דאס איז אן איבערצייגענדער באווייז, אז די היגע לידיעס טיילארס מאכען שנעלע פארטשריטע, און אז זיי זיינען פונקט אזא גוטער ארגאניזירונגס-מאטעריאל ווי אירגענד וועלכע אנדערע ארבייטער אין וואס פאר עס איז אנדער אינדוסטריע.

מיר האבען ניט לאנג צוריק באזוכט די קלאוקמאכער פון וואוסטער און מיר האבען געפונען, אז אלעס געהט ביי זיי צו גאנץ צופריעדענשטעלענד. אונז איז געלונגען צו סיינען נייע אגרימענטס מיט די באסעס, וועלכע זיינען מרוצה געווארען צו מאכען געוויסע פארבעסערונגען פאר די ארבייטער."

דער נייער אגרימענט פון די סינסינאטי קלאוקמאכער.

ברודער איבראהאם סניידער, מענעדזשער פון דעם סינסינאטי דזשאינט באארד, שרייבט אונז:

„מיט צוויי יאהר צוריק האט די אינטערנעשאנאל, נאך אן אונטערברעכונג פון עטליכע יאהר, אנגעפאנגען א קעמפיין צו ארגאניזירען דעם קלאוקמאכער טרייד אין סינסינאטי. נאך וואכען פון פארבערייטונגס-ארבייט איז ארויסגערופען געווארען א דזשענעראל סטרייק, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר אונז. די באסעס האבען געסיינט אגרימענטס, וועלכע זיינען באטראכט געווארען אלס זעהר גינסטיג פאר די ארבייטער, און זיי האבען אנערקענט די יוניאן.

דיזע אגרימענטס האבען זיך געענדיגט באלד אין אנפאנג פון דיזען יאהר, און מיר האבען ניט פארלארען קיין צייט און פארגעלעגט נייע פאדערונגען פאר אונזערע פירמעס. מיר האבען פארלאנגט העכערונגען אין ווייזשעס — פון 2 ביז 4 דאלאר צו וואך ארבייטער און אונגעפעהר אזא העכערונג פאר שטיק-ארבייטער. אין אלגעמיין גענומען, זיינען אונזערע פאדערונגען געווען געמעסיגט, און מיר האבען גלייך אין אנפאנג ניט ערווארטעט קיין שום ווידערשטאנד פון דער זייט פון די באסעס. מיר זיינען דארום געווען גאנץ ערשטוינט, ווען מיר האבען ניט באקומען דעם ערווארטעטען ענטפער פון אונזערע מאנופעקטשורערס, נאכדעם ווי עס איז אריבער דער טערמין וואס איז באשטימט געווארען אין אונזער בריעף צו זיי. א ספעציעלער מיטינג פון דזשאינט באארד, צוזאמען מיט די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע אונזערע לאקאלס, איז גערופען געווארען צו באטראכטען די וויכטיגע, דרינגענדע פראגע. דער מיטינג איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע וואס איך האב ווען עס איז ביינגעוואוינט אין סינסינאטי. באריכטען זיינען אפגעגעבען געווארען פון אלע שעפער, און נאכדעם ווי מיר האבען אונטערזוכט גענוי די לאגע, האבען מיר אויסגעפונען, אז אנשטאט דעם וואס זיי זאלען אויפנעהמען אונזערע באשיידענע פאדערונגען אין א פריינדליכען גייסט, האבען זיך די באסעס גאר געפונען שטארק געטראפען פון אונזער פארלאנג פאר א העכערונג אין ווייזשעס, באהויפטענדיג, אז יעצט, ווען די קריטישע צושטענדע אין לאנד זיינען אריבער, האבען די ארבייטער קיין רעכט ניט צו פאדערען גענוגענדע ווייזשעס צו קענען מאכען א לעבען. ווי געפעלט עס אייך! די יוניאן באשטעהט פאקטיש, אז די אפרייטארס זאלען פארדיענען ניט ווייניגער ווי 90 סענט א שטונדע, פרעסערס ניט ווייניגער ווי 85, סקוירט מאכער ניט ווייניגער ווי 75 סענט און פינישערס ניט ווייניגער ווי 60 סענט א שטונדע! די יוניאן באשטעהט אויך דערויף, אז דארט וואו די פרייזען זיינען פריהער געסעטעלט געווארען אונטער דעם איצט באשטימטען סטאנדארד, זאלען זיי איבערגעמאכט ווערען.

די לאגע נאך דיזען מיטינג איז געווען א זעהר אנגעשטרענגטע; די באסעס זיינען געווען איינגע'עקשנ'ט און האבען זיך צוגעגרייט צו א קאמפף. דאך האבען זיך אלע אויגען אין דעם טרייד געווענדעט צו דער פירמע פון בישאף, סטערן און שטיין, די גרעסטע אין שטאדט, וועלכע באשעפטיגט אן ערך 250 יוניאן ארבייטער. ס'האט אויסגעקוקט אזוי ווי קיינער וואלט ניט געוואלט מאכען קיין באשטימטען שריט, ביז וואנען די שטעלונג פון דיזער פירמע וועט באקאנט ווערען. דערווייל האט דער דזשאינט באארד אנגענומען א רעזאלוציע, אז אויב דער אגרימענט וועט ניט אונטערשריבען ווערען ביז דעם 15טען פעברואר, זאל ערקלעהרט ווערען א סטרייק, אין אלע שאפ קאמיטעס זיינען בעאויפטראגט געווארען אויפצוהערען ארבייטען אווערטיים אין די שעפער און צו האלטען די ארבייטער גרייט צום קאמפף. דיזע פעסטע שטעלונג האט געבראכט דעם געווינשטען רעזולטאט. אויף מארגען איז יעדער שאפ אין סינסינאטי געקומען אין באריהרונג מיט דער יוניאן און מען האט אנגעהויבען סיינען אגרימענטס. די פירמע פון בישאף, סטערן און שטיין האט, נאך צוויי קורצע באראטונגען, איינגעוויליגט אויף אלע פאדערונגען פון דער יוניאן. באלד נאך דעם האבען אלע אנדערע שעפער געטאן דאס זעלבע און די אנגעשטרענגטע לאגע איז אריבער.

די סינסינעטער קלאוקמאכער זיינען פאלשטענדיג צופריעדען מיט דיזען סעטלמענט. זיי זעהען פאראויס דאס אנקומען פון דער פיער און פערציג שטונדיגער ארבייטס-וואך אין דער אינדוסטריע, און זיי פיהלען, אז מיט אזא גרויסער סאלידאריטעט וואס זיי האבען נאר וואס ארויסגעציינט, וועט דיזע גרויסע רעפארמע ניט אויף לאנג אפגעלעגט ווערען. זיי זיינען דאפעלט צופריעדען, ווייל עס איז אונז געלונגען צו קומען צו א סעטעלמענט אויף א פריינדליכען וועג און אהן א קאמפף.

די מערקווירדיגע ענדערונג פון די ארבייטס-צושטענדע אין דער היגער אינדוסטריע, אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר, לאזט ניט איבער קיין צווייפעל ביי אונזערע קלאוקמאכער, אז די יוניאן פארדיענט זייער פולע שטיצע. דער דזשאינט באארד האט, דעם 28טען פעברואר, געפייערט דאס סיינען פון דעם אגרימענט דורך א קאנצערט און טאנץ, וואס האט געצויגען א גרויסען עולם און איז פון יעדען שטאנדפונקט געווען א זעלטענער ערפאלג.

באסטאן ווייסט און דרעס-מייקערס.

ברודער סעמועל דזשייקאבסאן, מענעדזשער פון לאקאל 49, שרייבט:

„זינט עס איז ארויסגערופען געווארען דער דזשענעראל סטרייק אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע אין ניו יארק, האבען מיר געהאלטען די אויגען אפען דא אין באסטאן און אומגעגענד און אויפגעפאסט אויף שעפער, וואו מען קען פרובירען מאכען ארבייט פאר די ניו יארקער שעפער. פון צייט צו צייט האבען מיר אויסגעפונען א פארדעכטיגען פלאץ אין גענומען די נויטיגע שריטע דערצו.

די טעג האט מען אונז געלאזט וויסען פון ניו יארק, אז סטרייק-ארבייט ווערט געמאכט אין פאל ריווער, ביי די „ארדער מייד ווייסט קאמפאני" פון יענער שטאדט. די ארבייטער האבען ערקלעהרט, אז די גארמענטס באלאנגען צו א ניו יארקער מאנופעקטשורער, וועמעס שאפ איז אין סטרייק. מיר האבען געמאכט א גענויע אונטערזוכונג און אויסגעפונען, אז וועהרענד די ארבייט באלאנגט טאקע צו א ניו יארקער פירמע, ביי וועמען מען סטרייקט, איז זי אבער אנגענומען געווארען מיט א לאנגער צייט פריהער, איידער ס'איז נאך געווען אירגענד וועלכע אויסזיכט, אז עס וועט אויסברעכען א סטרייק אין דער ניו יארקער אינדוסטריע. כדי אבער צו פארמיידען א סטרייק אין דיזען שאפ, האט די פירמע איינגעוויליגט צוריקצושיקען קיין ניו יארק 350 געשניטענע און אונגעשניטענע ווייסטס, וועלכע מיר האבען ביי איהר געפונען.

איך בין אויך געפאהרען קיין וואוסטער צו אונטערזוכען די לאגע און זעהן וואס עס קען געטאן ווערען, אום צו באנייען די אגרימענטס מיט די באסעס פאר לאקאל 43, און אויך אויסצופארשען, צי דארט ווערט ניט געמאכט אירגענד וועלכע סטרייק-ארבייט פאר ניו יארק. פון וואס איך האב אויסגעפונען וועגען דער לאגע פון טרייד האב איך ערקלעהרט דער לאקאלער ארגאניזאציאן, אז די צייט איז ניט גאנץ צוגעפאסט פאר סעטעלמענטס, ווייל די דארטיגע שעפער זיינען ניט זעהר ביזי. איך דענק אין גיכען ווידער צו זיין אין וואוסטער און צו העלפען דעם לאקאל מיט וואס איך וועל נאר קענען, אום צו קריגען נייע אגרימענטס און בעסערע באדינגונגען פאר די ארבייטער."

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, March 21, 1919. No. 10.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

די פרויען-וועלט

פון ראזע בעדריק.

אמעליא ע. באַרר, באַריהמטע אמעריקאַנער שרייבערין, שטאַרבט אין עלטער פון 88 יאָהר.

פאראכטאגען מאנטאג ביינאכט איז אין איהר היים, אין ריטשמאנד הילל, לאנג איילאנד, געשטארבען די באריהמטע אמעריקאנער שרייבערין און פארפאסערין פון א גרויסע צאהל ערצעהלונגען און ראמאנען, אמעליא עדיטה באַרר, אין טיעפער עלטער פון נאהענט צו אכט־און־אכציג יאהר.

אנגעהויבען שרייבען האט מיסעס באַרר, ווען זי איז שוין געווען אריבער די פופציגער. איהר ערשטע נאוועלע, „דזשאן וועדער'ס ווייב", איז געשריבען געווארען אין יאהר 1884. די שרייבערין איז שוין דעמאלט אלט געווען 53 יאהר. אין די עטליכע־און־דרייסיג יאהר, פון 1884 אן, האט מיסעס באַרר אנגעשריבען ניט ווע־ניגער ווי אכציג נאוועלען. א היבשע צאהל פון איהרע ווערק זיינען פון א באדייטענדען ליטעראַרישען ווערטה, און פאר־נעהמען א גאנץ־אנגעזעהענעם פלאַטץ אין דער אמעריקאנער ליטעראטור. איהר לעצטע נאוועלע, „דהי פּעיפּער קעפּ", האט מיסעס באַרר געענדיגט ערשט פאראיאה־רען זומער. די דאזיגע נאוועלע איז באַ־זירט אויף די פאסירונגען אין די ארבייטער אינרוהען אין איהר געבורטסלאנד — ענגלאנד.

אמעליא ע. באַרר איז געבארען געווא־רען דעם 29טען מערץ, 1831, אין אלווער־סטאן, לאנקעשייער, ענגלאנד. איהר פא־טער איז געווען א גייסטליכער, און, לויט יענע יאהרען — א פארמעגליכער מענש. איהר בילדונג האט אמעליא נעקראגען אין א הויך־שולע אין גלאזגאו, סקאטלאנד. צו אכטצעהן יאהר האט זי געהייראט ראבערט באַרר — דעמאלט א יונגער ענגלישער שריפטשטעלער. אין א פאר יאהר ארום זיינען זיי ביידע, אמעליא מיט איהר מאן, געקומען אהער און, נאך א לאנגען ארומ־וואנדערן איבער פארשיעדענע טיילען פון די פאראייניגטע שטאאטען, האבען זיי זיך באזעצט אין אוסטין, טעקסעס, און האבען דארט אפגעוואוינט א לאנגע צייט. דורך דער דאזיגער צייט זיינען ביי זיי געבארען געווארען זיעבען קינדער, פיער זיהן און דריי טעכטער. נאכ'ן בירגער־קריעג, אין 1865, האט די פאמיליע באַרר אריבערגע־צויגען נאך גאלוועסטאן, וואו מיסעס באַרר האט אין א קורצער צייט ארום ערליטען א שווערען אומגליק: אין דעם עפידעמישען אויסברוך פון דעם „געלען פיבער" אין אנ־הויב פונ'ם יאהר 1867 האט מיסעס באַרר פארלארען איהר מאן און איהרע אלע פיער זיהן. אין א גאנץ־קורצען משך צייט זיי־נען זיי אלע פינף געפאלען קרבנות פון דער דאזיגער שרעקליכער ראנקהייט. נאך אט דעם גרויסען פאמיליען־בראך איז די אלמנה, מיסעס באַרר, מיט איהרע דריי יונגע טעכטער, וועלכע זיינען ווי דורך א נס ניצול געווארען פון דער מגפה, געקומען אין ניו יארק און זי האט באלד באקומען א שטעלע פון א לעהרערין אין רידזשוואוד, ניו דזשוירסי.

איהר שריפטשטעלער קאריערע האט מיסעס באַרר אנגעהויבען אויף א ריין צו־פעליגען אופן. נאך איהרער א רעדע, וואס זי האט געהאלטען ערגעץ אויף א באנקעט, איבער דער פראגע פון קינדער־ערציהונג, האט אימיצער פון די אנוועזענדע איהר קאמפלימענטירט פאר איהר זעהר שעהנער רעדע, און האט איהר געזאגט, אז ווען זי זאל קענען אזוי גוט שרייבען ווי זי קען ריידען וואלט זי פארדיענט א סך געלט און זיך געמאכט א גרויסען נאמען. אין א שטיקעל צייט ארום האט מיסעס באַרר זיך אויסגעלענקט א פוס און איז געבליבען ליגען אין בעט אויף עטליכע וואכען. קלע־רענדיג מיט וואס זיך צו באשעפטיגען אין די לאנגע טעג, וואס זי מוז בלייבען אין בעט, (און זיין מיט עפעס באשעפטיגט האט זי תמיד געמוזט), האט זי זיך דער־מאנט אן די ווערטער פון יענעם באקאנ־טען אויפ'ן באנקעט און דער געדאנק אויס־צופראוווען איהרע ליטעראַרישע פעהיגקיי־טען איז איהר שטארק געפעלען געווארען. זי האט זיך טאקע באלד ערנסט און ענער־גיש א נעהם געטאן צום שרייבען, און האט אין עטליכע וואכען צייט, וואס זי איז ניט ארויסגעגאנגען פון הויז, אנגעשריבען איהר ערשטע נאוועלע, „דזשאן וועדער'ס ווייב", אויף וועלכער זי האט באלד געפונען א בעלן אן ארויסגעבער. דערנאך איז ביי איהר דאס שרייבען שוין געגאנגען ווי א מזמור. זייענדיג בטבע זעהר ענערגיש, איז מיסעס באַרר אלס שרייבערין געווען אויסערגעוועהנליך פראדוקטיוו, און — ווי יענער באקאנטער האט איהר פאראויס־געזאגט — האט זי מיט איהר שרייבען אי פארדיענט א סך געלט, אי זיך געמאכט א גרויסען נאמען.

הארווארד אוניווערזיטעט שטעלט אן א פרוי אלס פראפעסאר.

די פארוואלטונג פונ'ם באריהמטען הארווארד אוניווערזיטעט אין מאסאטשו־זעטס, אנאנסירט די אנשטעלונג פון דר. עלים העמילטאן פון שיקאגא אלס פראפע־סאר אויף דעם מעדיצינישען פאקולטעט. דר. העמילטאן איז די ערשטע פרוי צו פארנעהמען א פראפעסאר־שטעלע אין הארווארד אוניווערזיטעט.

איהר דיפלאם פון דאקטאר מעדיצין האט עליס העמילטאן געקראגען פון דער מישיגען אוניווערזיטעט אין יאהר 1893. זי האט אבער דערמיט איהר שטודיום ניט געענדיגט. זי האט ווייטער שטודירט די זעלבע וויסענשאפט אויך אין אנדערע אוניווערזיטעטען אין אמעריקא און אין איירעפא. שפעטער איז זי געווארען פרא־פעסאר פון פאטהאלאגיע אין דעם „וואר־מענ'ס מעדיקאל קאלעדזש" פון דער נארט־וועסטערן אוניווערזיטעט. פון דארטען איז זי, אין א פאר יאהר ארום, איבערגעגאנגען אין שיקאגא'ער מעמאריאל אינסטיטוט פאר אנשטעקענדע קראנקהייטען, וואו זי האט אפגעדיענט אכט יאהר צייט אלס באקטעריאלאג. זינט 1910 האט זי זיך אפ־געגעבען מיט אונטערזוכען אינדוסטריעלע ערקראנקונגען, וואס קומען דורך פארגיפ־טונג פון ארבייטען ביי שעדליכע מאטע־ריאלען אדער אונטער אונסאניטארע בא־דינגונגען. די דאזיגע אונטערזוכונגען האט זי אנגעפיהרט פאר דעם „יונייטעד סטייטס דעפארטמענט אוו לייבאר", צו וועלכען זי פלעגט צושטעלען איהרע בא־ריכטען.

דר. עליס העמילטאן ווערט היינט גע־רעכענט צווישען די גרעסטע עקספערטען אין אמעריקא איבער פראגען פון אינדוסט־ריעלע קראנקהייטען. איהרע לעקציעס פאר די סטודענטען פון דער מעדיציניש־ער פאקולטעט פון הארווארד אוניווערזיטעט, וואו זי איז איצט אנגעשטעלט געווארען אלס פראפעסאר, וועלען זיין איבער אינ־דוסטריעלער מעדיצין. די אנשטעלונג פון דר. עליס העמילטאן אלס פראפעסאר אין דער גרויסער הארווארד אוניווערזיטעט ווערט פון די וויסענשאפטס־פרויען בא־טראכט אלס א וויכטיגער געווינס פאר דער פרוי אין דער וויסענשאפט.

פרויען אלס ריכטער.

דאס שטימרעכט וואס די ניו יארקער פרויען האבען ערשט ניט לאנג געוואונען, דאס רעכט צו וועהלען און ערוועהלט צו ווערען, דאס רעכט געשיקט צו ווערען אין סטייט לעדזשיסלייטשור אדער אין קאנ־גרעס און דארט באגלייך מיט די מענער מאכען געזעצען פאר דער געזעלשאפט, — אט די ניי־געוואונענע גלייכבארעכטיגונג פון די ניו יארקער פרויען' גרויס און וויכ־טיג ווי זי איז, איז זי דאך נאך ווייט פון צו זיין א פאלשטענדיגע גלייכבארעכטי־גונג. מיט אלע געווינסען און זיגען, איז דאס פרויען־שטימרעכט אין שטאאט ניו יארק נאך אלץ זעהר באגרעניצט. די היגע סאפרעדזשעטס וועלען נאך דארפען לאנג און שווער קעמפפען ביז זיי וועלען געווי־נען אן אמת'ע פאלשטענדיגע גלייכבא־רעכטיגונג מיט די מענער אויף אלע געבי־טען פון'ם געזעלשאפטליכען לעבען.

אט איז איצט אויף דער טאגעס־ארד־נונג פון דער היגער סאפרעדזש באוועגונג די פראגע פון געווינען פאר די ניו יאר־קער פרויען דאס רעכט צו דינען דער גע־זעלשאפט אלס דזשוראַרס און אויך ער־וועהלט צו ווערען אלס ריכטער. דאס הייסט, אז די פרוי זאל זיין בארעכטיגט ניט נאר צו'מאכען געזעצען, נאר אויך צו פארטייטשען און אויסטייטשען די גע־מאכטע געזעצען, ווען עס קומט צו זייער פראקטישער אנווענדונג.

פון די אלע שטאאטען, אין וועלכע די פרויען האבען שוין היינט שטימרעכט, האט נאר אין 6 שטאאטען די פרוי אויך דאס רעכט צום ריכטער און דזשוראר־שטול. די זעקס זיינען: איידאהא, נע־וואדא, קאליפארניע, וואשינגטאן, יוטאה און קענזעס. אין דריי פון די זעקס שטא־אטען איז די דזשורי־דיענסט זאגאר א פליכט אויף דער פרוי־בירגער אזוי גוט ווי אויף דעם מאן. אין די געריכטס־רע־קארדס פון די דערמאנטע זעקס שטאאטען זיינען פארצייכענט א היבש ביסעל שבחים פון די ריכטער פאר זייערע פרויען־דזשו־ראַרס. אין'ם שטאאט קאליפארניע פאר־נעמען די פרויען א גאנצע העלפט פון אלע פלעצער אין די דארטיגע דזשוריס. דאס באווייזט, אז די פרויען זיינען אי באריים, אי פעהיג צו דינען דער געזעלשאפט אויך אויף דעם געביט צוגלייך מיט דעם מאן.

מיט דער דאזירער טענה באנוצט זיך טאקע די ניו יארקער באר־אסאסיאיישאן פון פרויען־אדוואקאטען אין דעם קאמפף וואס זי האט איצט איפגעהויבען פאר דער אפשאפונג פון דעם לעכערליכען גע־זעץ, וואס פארווערט דער היגער פרוי צו דינען אלס דזשוראר און ריכטער אין דער צייט ווען זי האט דאס רעכט צו די־נען אלס קאנגרעסמאן און סענאטאר, ד. ה. אלס געזעצמאכער. די אסאסיאיישאן האט אויסגעארבייט א געזעץ־פראיעקט, וועלכער וועט אין גיכען פארגעבראכט ווע־רען פאר דעם לעדזשיסלייטשור אין אל־באני. אין דעם פראיעקט ווערט אנגעוויי־זען' אז דער יעצטיגער געזעץ איז א פאל־שטענדיגער אבסורד און א ווידערשפרוך אין זיך אליין. צו אט דער געזעץ־פרא־יעקט וועט אנגענומען ווערען אין דער פארם ווי ער וועט פארגעשלאגען ווערען, צו ער וועט פון דער לעדזשיסלייטשור גע־ענדערט ווערען אדער איגנאנצען פאר־שיבט ווערען, איז לעת־עתה שווער צו זא־גען. רעכענענדיג זיך מיט דער באקאנטער פיינדליכער טענדענץ פון אונזערע געזעצ־געבער צו געזעץ־רעפארמען בכלל, מעג מען זיך ריכטען אויף א גאנץ שווערען קאמפף איבער אט דעם פארשטעהענדען געזעץ־פראיעקט. די רעאקציאנערע כוחות אין די געזעצגעבענדע קערפערשאפטען, וועל־כע באציהען זיך מיט אן אפענעם פאר־דאכט און מיט א באהאלטענער שנאה צו דער נייער פאליטישער מאכט, וואס איז ארויסגעוואקסען פון די לעצטע סאפרעדזש געווינסען, וועלען מסתמא ארויסשטעלען זייער גאנצע שווערע ארטילעריע געגען דער נייער פאדערונג פון דער פרויען באר־אסא־סיאיישאן. צו זייערע אלע אלטע טענות, מיט וועלכע זיי האבען פריהער געזוכט צו באקעמפפען דאס פרויען־שטימרעכט, — די טענות: אז דער פרוי'ס פאליטישע טע־טיגקייט וועט צושטערען די איינינקייט און גאנצקייט פון דער פאמיליע; אז דאס וועט האבען א שעדליכע ווירקונג אויף דער פרוי אליין און אויף דער גאנצער געזעלשאפט; און אז די פרוי איז איבער־הויפט ניט פאסענד און ניט פעהיג פאר פאליטיק, — צו אט די אלע אויסגעדרא־שענע ארגומענטען וועלען איצט נאך צו־קומען גאנצע פעק מיט נייע ארגומענטען געגען דער פרוי'ס געריכטליכער טעטיג־קייט. זיי וועלען טענה'ן, אדער זיי טענה'ן שוין, אז די פרוי איז צו בארמ־הערציג, צו עמאציאנעל און ווערט צו גרינג באאיינפלוסט, אז זי זאל קענען משפט'ען ווי עס בעדארף צו זיין, דאס הייסט, קאלט, שטרענג און אביעקטיוו.

די דאזיגע „מורא" פאר דער פרוי'ס בארמהערציגקייט און ווייכקייט אין איהר אורטיילען און פארורטיילען אלס ריכ־טער און דזשוראר איז, אייגענטליך, ניט איינגאנצען גרונדלאז. אין געוויסע סאר־טען פון פארברעכען, מעג מען ערווארטען, וועט די פרוי־דזשוראר האנדלען גאנץ אנ־

מלאך און טייפעל

פון י. אדלער

מיין פרוי:

זי איז מיין חלום, מיין טרייסט; די שעהנסטע פון אלע שעהנע; די קליג־סטע פון אלע קלוגע; די עהרליכסטע פון אלע עהרליכע.

זי איז דער גלאנץ פון מיין לעבען, די זונן פון מיין הארץ.

קוק איך אויף איהר, זעה איך דעם גן־עדן, זעה איך דעם פריהלינג; הויב איך אן אין מלאכים צו גלויבען.

און דאך— —

געהט זי יענע נאכט, בעת איך שלאף, צו צו מיינע הויזען־קעשענעס און ליידיגט זיי אוים ...

מיין „נשמה !"

מיט איהרע אויגען מאכט זי ליכטיג אלע וועלטען; מיט איהר שמייכעל טרייבט זי אוועק דעם טרויער און ברענגט די פרייד; מיט איהר ליכטיגען בליק צינדט זי אן א הייליגען פלאם אין מיינע אדערן און מאכט קאכען דאס רויטע בלוט.

איהרס א ווארט ברענגט א גלייטער־טען טרוים פון פריידען און גליק.

און דאך — —

האט זי קיין אנדער זאך ניט אין זינען ווי נייע העטס, זיידענע קליידער און פינף דאלאר'דיגע זאקען ...

מיין טייערע !

הער איך איהר שטימע, דאכט זיך מיר אז הארפען קלינגען; אז זעלטענע פעריל האגלען אויף גאלדענע סטרונעס; פיהל איך א זיסע בענקשאפט נאך דאס יונגע, נאך דאס בליהענדע; דאכט זיך מיר: ווייסע מלאכים־פליגעל רוישען; דאכט זיך מיר: פרייע שטראמען טאנצען ארונטער פון הויכע פעלזען און זייער שטיל מתפלל פאר גאט; דאכט זיך מיר, אז טויזענד פריהלינגס האבען זיך צוזונ־גען.

און דאך — —

ליגט איהר מעהר ניט אין זינען ווי לייקוואוד ...

מיין נאלד !

זי לאזט ניט צו קיין זיפצען צו מיר; זי פערזאגט די טרעהרען פון מיר; זי וויל מיך תמיד גליקליך זעהן. זי איז צו מיר דאס אייגענע וואס דער טהוי פאר די גראזען; וואס די שטראהלען פאר די בלומען. גלעט זי מיך, צוגיסט זיך א חיות אין אלע גליעדער; טאנצט יעדער אבר אין מיר.

און דאך — —

דערגעהט זי מיר די יאהרען, אלעמאי מיין חבר אשר לאפידות פערדיענט מעהר פון מיר מיט דריי דאלאר א וואך ...

מיין זונן !

מיט איהר רייץ קען זי פינסטערע נעכט אין זומער־טעג פערוואנדלען; קען זי דאס כליפען אין שמייכלען פערבייטען. איך בין זיכער, אז גאט איז מיר מקנא וואס איך בעזיץ אזא אוצר, אזא שטילע טויב .... איך בין זיכער, אז גאט וואלט זיך פון זיין נ א ט ה י י ט אפגעזאגט, ווען ער זאל זי ביי מיר קענען צונעהמען... איך בין זיכער, אז דאס ליכט פאר דער זונן האט ער פון איהרע אויגען ארויס־גע'גנב'עט ....

און דאך — —

ליג איך אין דער ערד ווי א בארג ! מען הערט ניט מעהר נאר: „געלד! געלד! געלד! וואס מעהר געלד !"

זאג איך: טייערע ! איך האב ניט מעהר; מעהר פארדיען איך ניט.

ענטפערט זי מיר מיט איהר הארפען שטימעלע: „געה בעראבעווע א קלויסטער"

מיין פויגעלע !

קוקט איהר אויף איהרע האאר, דאכט זיך אייך זונען־פעדים; קוקט איהר אויף איהרע באקען, דאכט זיך אייך שטיקעו זונען אונטערגאנג; קוקט איהר אויף איהרע ציין, ווערט איהר זיך וועטען אין א מיליאן דאלאר, אז דאס זיינען די שעהנסטע פעריל ארויסגענומען פון דער רייכסטער קרוין; קוקט איהר אויף איהרע ליפען דאכט זיך אייך אז ס'איז א רויטע רויז ערשט געעפענט פון א זונען שטראהל.

און דאך — —

פערמאכט זיך ביי איהר קיין מאל ניט דאס דאזיגע מיילכעל. דאס איז פעך און שוועבעל; פייער און פלאם.

געגען איהר מיילכעל פערשעהמט זיך דער גיהנום.

מיין טרגים !

איין מאהל האט זי אויף פערוועלקטע בלומען געקוקט, האבען זיי באלד אויפגע־לעבט צוריק און זיך ווידער צובליהט; איינמאל האט זי אויף א גרויען וואלקען געקוקט, איז דער וואלקען פון איהר בליק באגילדעט געווארען.

איינמאל האט זי א קוש געטאן א יתום האט ער אויף אויביג זיין טרויער פארגע־סען — — —

איינמאל האט זי אויף אן אייז־בארג געקוקט, איז ער באלד צושמאלצען געווא־רען ....

און דאך — — —

דרעהט זי זיך אויפ'ן קנאפעל; טרעט ניט אפ פון שפיגעל; קרייזעלט זיך די פאה'לאך, און מאכט זיך ווייס דאס נעזעל, און זוכט בעקאנטשאפט מיט דאקטוירים וואס האבען אויטאמאבילס ....

פאר אן אויטאמאביל־רייזע, וועט זי אייך אוועקשענקען איהר מאן !

מיין מלאך! מיין טייפעל; מיין גליק און מיין אומגליק! מיין שיר־השירים און מיין תוכחה! הלואי וואלט דיך גאט אין גאנצען ניט בעשאפען!

און שא ! — — — און אפשר האב איך א טעות ? וואס פאר א פנים וואלט די וועלט טאקע געהאט אהן די פרויען?...

די שיקאגא'ער לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל

פון היימאן שנייד, (ארגאנייזער פ. א. ג.)

צוגעזאגט איז צוגעזאגט. אט נאט איך אביסעל פון דעם לעבען און טעטיגקייט פון די שיקאגא'ער לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל.

די ליידיעס טיילארס לאקאל 104, ווי איך האב שוין אנגעדייטעט אין מיין לעצטען בריעף, האבען שוין ניט נאר ארויסגעשטעלט פאדערונגען, זאנדערן זיי סטרייקען שוין און האבען שוין צו פארצייכענען א היבשע ביסעל איינגענומענע פאזיציעס.

זייערע פאדערונגען האבען זיי ארויסגעשיקט צו די באסעס מיט וועהניג צייט זיי צו באטראכטען — ביז דעם 25טען פון לעצטען מאנאט. די באסעס האבען זיך געמאכט „כלא ידע", און דער רעזולטאט איז געווען, דאס דער לאקאל האט ביי אן אויסערגעוועהנליכען, גוט ז־אסטישען מיטינג באשלאסען צו ערקלעהרען א גענעראל סטרייק.

מיטוואך, דעם 26טען האט זיך דער סטרייק אנגעפאנגען, און צו דעם קרעדיט פון דער יוניאן איז געמאכט געווארען א „קלין סוויפ", און באלד טאקע האבען זיך אלאז געטאן א מענגע באסעס פאר סעטלמענטס. און אין עטליכע טעג צייט איז דער סטרייק שוין געווען 70 פראצענט געוואונען.

די פאדערונגען וואס די ליידיס טיילארס האבען ארויסגעשטעלט זיינען געווען אן 8־שטונדיגער ארבייטס טאג, די מיני־מום שכירות זאל זיין 33 דאלאר א וואך, און קיין אווערטיים זאל ניט ווערען געארבייט, סיידען אויספינישען א ספעשעל, און נאך אייניגע אנדערע פאדערונגען. ביי היינטיגען טאג, ווען איך שרייב דיעזע שורות, זיינען נאך פאראן איבער א הונדערט סטרייקערס, און אויך זיי זיינען זיכער מיט אן ערפאלג. דער סיזאן איז אויפ'ן שוועל. קיין נייע „קינסטלער" קומען ניט צו. טו פאר וואס זאלען זיי ווירקליך ניט זיין זיכער מיט זייער זיעג?

עס איז אמת, אז די באסעס וואס האבען זיך ביז איצט נאך ניט אונטערגעגעבען זיינען די „בערען" פון טרייד, אבער ניט געזארגט, אויך זיי וועלען מוזען נאכגעבען. קיין נייע הענט האבען זיי ניט, און וועלען מן הסתם אויך ניט האבען. הכלל, עס איז אלל־רייט!

עס וואלט אבער ניט געשאדט די ניו יארקער ליידיס טיילארס זיך א נעהם צו טאן צו אזעלכע פירמעס, וואס האבען אויך ברענטשעס אין ניו יארק, ווי, למשל ראשעל און פערגיסאן ווילארד. אדרבא, טראכט אייך אריין אין דעם.

די ליידיס וויסט מאכער יוניאן לאקאל 100, איז איצט אין פולען בליהען. די ארגאניזאציאנס־ארבייט וואס ווערט געפיהרט פון דזשענעראל ארגאנייזער, בר. האכמאן, מיט דער הילף פון ברודער גינסבערג און דארע ליפשיץ, געהט בעסער ווי גע־וואונשען.

ווי נאר דער ארגאניזאציאנס קאמפיין האט זיך אנגעפאנגען, זיינען די מאנופעקטשורערס באלד געווארען צוטומעלט און ניט געוואוסט מיט וואס איינצושטילען דעם עולם. האבען זיי אנאנסירט א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, אנפאנגענדיג פון דעם ערשטען אפריל (אפריל פול...) געמיינט האבען זיי, אז דאס וועט צושטערען דעם חשק פון די ווייסט און דרעס מייקער פאר ארגאניזירען זיך, אבער עס האט געווירקט להיפוך. די ארבייטער אין דעם טרייד האבען ערשט פארשטאנען וואס פאר א מאכט עס איז די ארבייטער־איינינגקייט, און גאנצע שעפער האבען זיך געלאזען צום אפיס פון דער ארגאניזאציאן צו ווערען מיטגלידער.

עס פארשטעהט זיך, דאס ברודער האכמאן האט אויסגענוצט די געלעגענהייט און ער האט אנגעפאנגען א באוועגונג פאר איינפיהרען די 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, אביסעל פריהער ווי די באסעס האבען צוגעזאגט. פריהער האט מען אנגעפאנגען מיט די יוניאן מאנופעקטשורערס, ביי וועלכע עס איז אהן שוועריגקייטען באלד איינגעפיהרט געווארען די 44 שטונדען א וואך ארבייט און א העכערונג אויף די שכירות, און באלד האבען די אסאסיאיישאן באסעס זיך גענומען ראנגלען מיט זיך אליין. פיעלע פון זיי האבען גלייך געביטען דעם „מאניפעסט" צו די ארבייטער און נאכגעבען באלד דער יוניאנס פאדערונגען.

דער אפיס איז יעדען טאג און אבענד ביזי מיט ארגאניזאציאנס־ארבייט. עס איז א פרייד צו זעהן ווי די מיידלאך קומען גלייך פון שאפ מיט פרעהליכע געזיכטער און ברענגען נייע רעקרוטען אין דער יוניאן. עס איז אלרייט! מיינט ניט, אז נאר אין ניו יארק איז אי אי אי... שיקאגא וועט אייך באלד צייגען וואס זי קאן. ערוווארטעט פרעהליכע נייעס.

* * *

די רעין־קאוט מאכער לאקאל איז איצט אביסעל ניט מיט אלעם. איהר דארפט זיך אבער ניט שרעקען, עס איז ניט געפעהרליך. עס איז פשוט סלעק אין טרייד, און אזא מין סלעק, אז עס איז נאך קיין מאל ניט געווען אירגענד ווען בעפאר.

עס פארשטעהט זיך, אז ווען דער סלעק קומט אן ווערען די באסעס גאנצע „יא־טע־ביע דאמס", און פאנגען אן צו מאכען „פוילע שטיק". ארונטערנעהמען פון די פרייזען, ארויסציהען זיך פון שטאט, סאב־קאנטראקטינג, און נאך פארשיעדענע קונצען. אבער אז מען פאנגט זיך אן מיט די רעין־קאוט מאכער שניידט מען אזוי לייכט ניט אפ. ארונטערנעהמען פון די שכירות? „נאטהינג דואינג"! ארויסציהען פון שיקאגא? פאהרט מען נאך און מען גריינדעט לאקאלס אין דער אנדער שטאדט. הכלל, שוין בעסער ניט אנפאנגען מיט די חברה רעין־קאוט מאכער.

א שטיקעל צייט האבען זיי געהאט פראספעריטי; געוועהן מיליטער ארדערס; זיינען אנגעקומען פיעלע נייע לייטע אין טרייד, און ווען זיי האבען פארזוכט דעם טעם פון די רעין־קאוט שכירות ווילט זיך זיי שוין בלייבען אין טרייד. נו, קומט מען אויס, מען צוטהיילט די ארבייט צווישען זיך ווי עס דארף זיין ביי גוטע יוניאן־לייט.

די רעין־קאוט מאכערס וועלען דיעזע סלעק אריבערטראגען, און וועלען שוין זעהן אניאגען די צייט. מען קאן זיך פארלאזען אויף זיי!

* * *

די עמבראידערי ארבייטער, די איינגסטע אין דער אינטערנעשאנאל, האבען זיך גענומען ארגאניזירען, און האבען א גאנץ היבשען פראגרעס. דער ערשטער סימן אז זיי האבען אן ארגאניזאציאן איז, וואס די „שיקאגא ברייידינג קא." האט ארויסגעווארפען 4 אקטיווע מיטגלידער, און א סטרייק איז דארט ערקלעהרט געווארען.

און דורך דעם אינצידענט איז געלונגען צו ארגאניזירען כמעט די גאנצע טרייד. עטליכע באסעס האבען זיך דערשראקען און גלייך נאכגעגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער. 2 פירמען האבען אונטערגעשריבען יוניאן קאנטראקטען, און די אלע סטרייקער האבען געקראגען בעסערע דזשאבס.

ברודער סקולמאן האט פיעל מיטגעהאלפען אין דעם סעטלמענט. און איצט ערווארטען זיי זייער טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל, און מיט דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל וועלען די עמבראידערי ארבייטער פון שיקאגא ווערען א טהייל פון ארגאניזירטע ברענטשעס אין דער אינטערנעשאנאל יוניאן.

* * *

ווי איהר זעהט איז פאראן א רעכט ביסעל יוניאן אקטיוויטעט ביי אונז אין שיקאגא. איך האב ניט פארטשעפעט די קלאוק־מאכער, ווייל זיי האבען דא ביי אונז א רעכט ביסעל טוער, וואס ווייסען און קאנען שרייבען וועגען זייער לאגע בעסער ווי איך קאן דאס טאן. אבער פון די אויבען־דערמאנטע לאקאלס וועט איהר פון מיר קריגען פון צייט צו צייט פאר דער „גערעכטיגקייט" אביסעל אינפארמאציע.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין ניו יארק

עס ווערט אויפגענומען און דיסקוטירט די פונקטען פאר א נייעם אגרימענט מיט די בעלי בתים אין טרייד. כמעט אלע דעלעגאטען באטייליגען זיך אין דער דיסקוסיאן.

עס ווערט באריכטעט, דאס די פונקטען פאר דעם נייעם אגרימענט אין קלאוקס טרייד זיינען אויך ארויסגעשיקט געווארען צו די לאקאלס פון דזשאינט באארד פאר א באטראכטונג, און עס ווערט באשלאסען אויפצופאדערן די לאקאלס אריינצושיקען זייער ענטפער צום נעקסטען מיטינג פון דזשאינט באארד.

עס ווערט דאן אויפגענומען די פראגע וועגען א צוזאמענקונפט מיט די מאנופעקטשורער און עס ווערט באשלאסען, עס זאל גלייך געשיקט ווערען א בריעף צו דער פראטעקטיוו אסס'ן און איהר איינלאדען צו א קאנפערענץ וועגען דער אלגעמיינער לאגע.

* * *

די פינאנץ קאמיטע באריכטעט אז זי האט געהאט פאר זיך דריי קאמיטעס פארלאנגענדיג שטיצע. די קאמיטע רעקאמענדירט אז דער אידישער בר. פון דער סאציאליסטישער פארטיי, זאל געשטיצט ווערען מיט 25 דאלער. די וויימענס טרייד יוניאן ליגע מיט 50 דאלער און דער בענעפיט וואס לאקאל 9 ארראנזשירט פאר א פאמיליע פון א פארשטארבענעם ברודער מיט 25 דאלער.

די רעקאמענדיישאן פון דער קאמיטע ווערט גוט געהייסען.

* * *

דער פארלאנג פון דער „נויארק קאל" ווערט אויפגענומען און דיסקוטירט. די דעלעגאטען זיינען מיט דער מיינונג, אז די צייטונג דארף געשטיצט ווערען אונטער אלע מעגליכע אומשטענדען, ווייל די „קאל" איז די איינציגע ענגלישע צייטונג אין נויארק וואס שטעהט אויפ'ן זייט פון דעם אמעריקאנער ארבייטער קלאס. לויט די לעצטע ענטוויקלונגען אין דעם לאנד ניט אונז גענוג אורזאכע צו גלויבען, אז די רעאקציאנערע עלעמענטען אין דעם לאנד זיינען ענטשלאסען צו פארניכטען יעדע ארגאניזאציאן וועמענס פאליסי עס איז מעהר אדער ווייניגער ראדיקאל, און אזא צייטונג איז דעריבער איצט נאך מעהר וויכטיג ווי אירגענד ווען פריהער.

נאך דעם ווי די פראגע ווערט ארומגערעדט, ווערט באשלאסען אז דער דזשאינט באארד זאל קויפען פאר 5000 דאלער שערס ביי דער „נויארק קאל" פאר אן אייגענער פרעס־מאשין, וואס וועט א סך העלפען די „קאל" צו פארלייכטערן איהר עקזיסטענץ.

ל. לאנגער, סעק.

עהרען־ליסט פון די הונדערט פראצענט יוניאן קלאוק און סקוירט שעפער

100 פראצענט יוניאן שעפער אין אינדעפענדענט אפטאון דעפארטמענט.

פון ביזנס אייזשענט נ. היינס דיסטריקט

אטוואוד קלאוק קאמפ. 148 וו. 24טע סט.
ווענוס קלאוק קא. 148 וו. 24טע סט.
ס. וועקסלער, 149 וו. 24טע סט.
עהרליך און בעלפארד, 32 וו. 24טע סט.
טווענטיעט סענטשורי ק. 131 וו. 24טע סט
ווירשבאוויץ און בערנאוויץ, 41 וו. 24 סט.
פיל. סאנטאג, 12 וו. 27טע סט.
ל. סאידען, 1 איסט 27טע סט.
סמיטה און שניידער, 42 וו. 27טע סט.
פישער און ראז, 111 וו. 27טע סט.
באסס און קליין, 142 וו. 24טע סט.
דזשיי בארענסטיין, 43 וו. 27טע סט.
עללים און לאוועס, 14 וו. 24טע סט.

פון ביזנעס אייזשענט פריינד'ס דיסטריקט

ס. בלום, 34 וו. 17טע סט.
א. פינקעלסטיין, 14 וו. 17טע סט.
ל. לייט, 15 וו. 17טע סט .
גלאסנער און לעהרער, 12 וו. 17טע סט.
ב. מארקס, 10 איסט 17טע סט.
נ. סינגער, 20 איסט 17טע סט.
פריד און דאלינגער, 21 א. 17טע סט.
ספרינגער און סאראלסקי, 13 א. 17טע סט
קאף און פרייסטאט, 18 א. 17טע סט.
קראון קלאוק קא., 42 וו. 17טע סט.
ראז און שווייצער, 21 איסט 17טע סט.

פון ביזנעס אייזשענט סענדערס דיסטריקט

הערמאן גאלדסטיין, 127 וו. 25טע סט.
ליכטער און שערר, 101 וו. 25טע סט.
אקספארד קל. קא., 108 וו. 25טע סט.
פעדעראל קל. קא., 101 וו. 25טע סט.
הענים און וואגנער, 130 וו. 25טע סט.
וו. און ל. שווארץ, 152 וו. 25טע סט.
דזשיי. מ. גאלדבלאט, 159 וו. 25טע סט.
ל. גערשען, 138 וו. 25טע סט.
ווישניאק, 107 וו. 25טע סט.
פייער און פרידמאן, 645 לעקסינגטאן עוו.

פון ביזנעס אייזשענט מאטשיגראסי'ס דיסטריקט

ליא עקסטער, 36 וו. 25טע סט.
גובערמאן, 120 וו. 20טע סט.
שווארץ און וואולף, 31 א. 28טע סט.

פון ביזנעס אייזשענט שוסטערס דיסטריקט

מ. וויינגארטען, 15 וו. 36טע סט.
דזשיי. קינצלער, 31 וו. 31טע סט.
סימאן שעכטער, 65 וו. 36טע סט.
ראז קל. קא., 14 א. 32טע סט.
פעפערקארן, 5 וו. 31טע סט.
ספינעלגלאס און ראז, 128 וו. 36טע סט.
באילינסאן און האראוויץ, 9 וו. 35טע סט.
ה. בארענסטיין, 7־3 וו. 35טע סט.
אייזענבערג און נאטט, 10 א. 33טע סט.
מש. ווערשבא, 113 וו. 31טע סט.
ל. ליטט, 12 וו. 31טע סט.

פון ביזנעס אייזשענט טש. פיין'ס דיסטריקט

לאפקין און פעלינק, 30 א. 23טע סט.
פרידמאן און פיינגאלד, 154 א. 23טע סט.
לעווענטאל און הארוויץ, 56 וו. 22טע סט.
קיטאי און וועקסלער, 42 ־ 40 וו. 22טע ס.

פון ביזנעס אייזשענט בראדפיעלד'ס דיסטריקט

היימאן בערנסטיין, 108 — 5טע עוו.
ברוקס בראס., 37 וו. 20טע סט.
גאלדספינער און פאבריקאנט, 293—7טע עוועניו,
ענגעלמאן, 352 — 6טע עוו.
קאפעל און פיינסטיין, 39 א. 20טע סט.
אירא דרייפוס, 510 — 6טע עוו.
אייזענבער און גיטעלמאן 717 — 7טע עוו
לייטנער און ספוירן, 245 — 7טע עוו.

פון ביזנעס אייזשענט בראנפיעלד'ס דיסטריקט

העניגסבערג און גאלדמאן, 8—6 וו. 18טע סטריט,
פאמעראנץ בראס. 36 וו. 1טע סט.
מאטין קלאוק קא. 9 וו. 19טע סט.
וואולפמאן בראס. 10 וו. 18טע סט.

פון ביזנעס אייזשענט בערקאוויץ'ס דיסטריקט

ביינגעל, 162 וו. 21טע סט.
ראזין און ליפקין, 54 וו. 21טע סט.
בענדאוויץ און מילער, 132 וו. 21טע סט.
סילווערמאן און האראוויץ, 133 וו. 21טע סטריט,

פון ביזנעס אייזשענט דזש. פרעסס'ס דיסטריקט

ברימבערג, 34—30 וו. 26טע סט.
ג. ל. ג. גארמענט קא. 130 וו. 29טע סט.
גרינבערג און קא. 142 וו. 29טע סט.
לייטמאן און קא. 145 וו. 28טע סט.
באבום און קאהען 32 וו. 28טע סט.

דאון־טאון דיסטריקט

מארקאוו און וואלף, 58 א. 13טע סט.
וויינשטיין, 265 גרין סט.
קאנטינענטאל קל. ק., 60 א. 8טע סט.
אימפיריאל קל. ק., 58 וו. 15טע סט.
עסטראף און וואלק, 60 וו. 15טע סט.
סטאר קלאוק קא. 50 א. 10טע סט.
גאלדבערג און וואלק, 38 דיוויזשען סט.
ר. ספערלינג, 25 וו. 15טע סט.
סטאר קלאוק קא. 50 א. 10טע סט.
קאלאניאל קלאוק קא. 34 א. 12טע סט.
ס. שיף, 20 א. 12טע סט.
פערלמאן, 123 איסט בראדוויי
שווארץ און וויינער, 63 א. 8טע סט.
בראדוויי קל. ק. 20 א. 12טע סט.
הארקאווי און קאהן, 124 יוניווערסיטי
מאדערן קלאוק, 10 דיוויזשען סט.
א. וו. קלאוק קא., 38 א. 8טע סט.
מיללער, 71 איסט בראדוויי.
פריש, 30 וו. 15טע סט.
גרענד קלאוק קא., 142 גרין סט.
לייבאוויץ, 175 סאפאלק סט.
ה. שאפירא, 40 א. בראדוויי.
ארנאוויץ בראס. און קאפלאן, 119 פרינס
אבסטגארטען, 145 רידזש סט.
בערלינער, 8 6איסט בראדוויי.
האבער און פאגעל, 64 א. 12טע סט.
פאסמאניק, 20 א. 12טע סט.

פון סקוירט און דרעס דעפארטמענט

גרינפיעלד, 120 יוניווערסיטי פלייס.
פינקעלשטיין סקוירט ק. 138 וו. 25טע סט.
דזש. העלמאן, 36 וו. 25טע סט.
ברוקער בראס., 12 וו. 29טע סט.
קליער בעלל דרעס קא., 39 א. 32טע סט.
רובין, 61 א. 9טע סט.
פרידלאנד און אקערמאן, 46 א בראדוויי.
י. דזש. רובין, 30 וו. 24טע סט.
ברוינשטיין און קאנטאר, 64 א. 8טע סט.
קראמער, 111 וו. 23טע סט.
סעם גריטץ, 141 וו. 22טע סט.
באומגארטען, 749 א. 6טע סט.
גרינבערג, 332 — 6טע עוו.
ב. רובעל, 11 וו. 29טע סט.
קימעלמאן, 30 סאפאלק סט.
שארנעל און ראפס, 63 סאפאלק סט.
גראס און קאהען, 67 לואיס סט.
ר. און ס. דרעס קא. 143 וו. 20טע סט.

איז פארבארגען א רעטזעלהאפטער געדאנק. זיי באדייטען: איך האב דיך ליעב, טייערע. זיי באדייטען: איך האב דיך ליעב, טייערע

איך ווידערהאל: וואס איז דא אויסערגעוועהנליכעס אין די דאזיגע ווערטער? אין זיי איז פארבארגען א רעטזעלהאפטער געדאנק. זיי באדייטען: וועלט, לעבען, טויט; זיי באדייטען: גאט, אייביגקייט, פרייהייט. נאך א מאל: וואס איז דא אויסערגעוועהנליכעס אין די דאזיגע ווערטער?

אין זיי איז פארבארגען א טיפער, טיפער געדאנק. זייער באדייטונג — ווער קען עס ערקלעהרען?

— ווילסטו ווין, טייערע?

— יא.

— רויטען? ווייסען?

— יא, רויטען, ווייסען!

— ווילסטו גיפט?

— יא, איך וויל גיפט!

— ווילסטו אויסטרינקען דעם בעכער פון טויט?

— יא, איך וויל אויסטרינקען דעם בעכער פון טויט.

אלע ווערטער בייטען איבער זייער באדייטונג.

מיר געהען אין וואלד. ווי א וואונדער זעהט אויס דער וואלד, אין א וואונדער פארוואנדעלט זיך דער רויש פון וואלד. מיר שפאצירען איבער לאנקעס, איבער פעלדער. יעדער זאנג זעהט אויס ווי א וואונדער, ווי א וואונדער — דאס אומבאדייטענדסטע בלימעל. אלץ זעהט אויס ווי א וואונדער.

— לאמיר צוקוקען ווי די זון פארגעהט, אקסעל.

די זון פארזינקט אונטער די בערג.

— א, א! — אינגעבארג דריקט די הענד צום הארצען, איהרע אויגען לויכטען.

איך הויב אן ציטערען.

— אקסעל, די לבנה נעהט אויף.

— א, א! קוק, א קליין שטערענדעל באגלייט זי. א גרויסער גאלדענער שטערען לייכט דארט איבער די טאנענבוימער! — איהרע אויגען זיינען פול מיט טרערען פון ענטציקונג.

ווי א וואונדער זעהען אויס די שטערען און דער מענש.

— ווער וואלט געקענט זאגען, צי די טעג זיינען בעסער פון די נעכט, צי די נעכט זיינען בעסער פון די טעג?

קיינער ניט.

א פאר מאל א וואך קומט צופאהרען גראף פלוגען. ער צושפרייט זיינע ארעמס, ווי נאר ער דערזעהט אינגעבארג. אינגעבארג מאכט מיט'ן טיכעל, קלאפענדיג פאהרט די בריטשקע צוריק אין וואלד אריין.

— דו האסט ביי מיר אלץ צוגענומען, אקסעל! — זאגט ער צו מיר; ער איז אין הארצען בייז אויף מיר. ער געהט ארום אן איינגעבויגענער; ער איז עפעס מיט אמאל אלט געווארען.

דער קאפ נעהמט זיך דרעהען ביי מיר, ווי נאר איך דערמאן זיך אן מיין גליק.

איך האב נאכאמאל אנגעשריבען א בריעף צו מיין פריינד בליטהאופט. — קום צופאהרען, קום! — האב איך איהם געשריבען. — איך בין גליקליך, אלץ פרעהט זיך אין מיר! קום צופאהרען, איך בין אויף ס'ניי געבארען געווארען, איך בין באצויבערט, פאר'כישופ'ט, קום, דיך ערווארט א גרויסער סורפריז!

איינמאל א נאכמיטאג איז הארי איזעדאם צוגעפאהרען צו מיין הויז אין א צובראכענער בריטשקע.

איך בין געזעסען אויף די שטיגען פון הויז און געווארעמט זיך אויף דער זון, איך האב ערווארט אינגעבארג, וואס איז געוועזען אין וואלד.

— מיט מיר האט פאסירט א קליינער אומגליק, — האט געזאגט הארי איזעדאם.

דער דישעל אין דער בריטשקע איז געווען צובראכען. די בריטשקע איז געווען איינגעבויגען אויף א זייט.

— איהר זייט פארוואונדערט? — האב איך איהם געפרעגט. ער איז אין גאנצען געווען באדעקט מיט שטויב.

— ניין, — האט ער ארויסגערעדט און א שמייכעל געטאן. איך בין בלויז ארויסגעפאלען פון דער בריטשקע. אלץ איז אבער גוט דורכגעגאנגען.

איך האב איהם געבעטען אריינגעהן אויף דער צייט, וואס די ארבייטער וועלען זיך פארנעהמען מיט פאררינכטען די בריטשקע.

מיר זיינען געזעסען אין מיין צימער און געפלוידערט.

— ביי אייך זיינען פאראן וואונדערבארע זאכען, — האט ער באמערקט און מיט א קינדישער נייגעריגקייט גענומען אלץ באקוקען. ער איז נאך אלץ געווען בלייך, אבער ער איז געגאנגען גלייך און פריי גערעדט. זיין בליק איז געפאלען אויף דער טיר, וואו עס איז געשטאנען: „דו געהסט שוין אוועק, אינגעבארג?" ער האט א ציטער געטאן, געקוקט אויף די דאזיגע ווערטער און רויט געווארען. דערנאך האט ער ווידער גענומען ריידען וועגען די זאכען, וואס זיינען געשטאנען אין מיין צימער.

ער האט מיך אויסגעפרעגט וועגען יעדער זאך באזונדער. ער האט זיך אינטערעסירט מיט זייער געשיכטע, פון וואנען זיי שטאמען; ער האט געשמייכעלט, אויפמערקזאם זיך צוגעהערט, נאר זיינע געדאנקען זיינען געווען ווייט פון דאנען. די בריטשקע האט מען פאררינכט.

אבער הארי איזעדאם איז אלץ ניט אוועקגעגאנגען.

ער האט פארטגעזעצט צו ריידען וועגען וואזען, צווישען אנדערעס איז ער צוגעגאנגען צום ראיאל און גענומען א פאר אקארדען. ער האט גערעדט, שטיל אונטערגעלאכט, הערענדיג אין דער זעלבער צייט. — האב איך ניט אמאל א פידעל?

איך האב איהם געבראכט א פידעל. גיך האט ער זי א כאפ געטאן און אנגעהויבען שפּילען. פאמעליך האט ער געשפאנט איבער'ן צימער שפּילענדיג אויף דער פידעל. ער האט געריסען די סטרונעס, ער האט געזונגען. זיינע אויגען האבען געגלאנצט, זיי זיינען געווען טרויעריג; זיין פנים האט געשפּילט צוזאמען מיט דער פידעל. איך האב גוט פארשטאנען וועגען וואס ער שפּילט אויף דער פידעל.

אין דער צייט איז אינגעבארג אריינגעקומען אין צימער.

איהר פנים האט געפלאמט, מיט א גרינעם גלאנץ האבען געלויכטען די אויגען. פּאַצאַ איז אריינגעקומען צוזאמען מיט איהר. ער האט גענומען בילען און געוואלט זיך ווארפען אויף הארי איזעדאם.

איזעדאם האט גלייך אויפגעהערט שפּילען. ער האט אוועקגעלעגט די פידעל אויפ'ן טיש, דערנאך האט ער זי אראפּגענומען פון טיש און אוועקגעלעגט אויפ'ן ראיאל. זיין האנד האט געציטערט אזוי, אז די פידעל האט א קלאפּ געטאן, ווען ער האט איהר אוועקגעלעגט אויפ'ן ראיאל.

— דו ביסט עס? — האט ארויסגערעדט אינגעבארג און געריכט איהם די האנד.

— ווי לעבט זיך?

— א דאנק! — האט ער געענטפערט און דורך זיינע ליפען איז א ציטער דורכגעלאפען. — עס האט פאסירט א קליינער אומגליק מיט מיין בריטשקע. דער דישעל האט זיך צובראכען. איך האב זיך דא אביסעל פארהאלטען, געפלודערט, — איך בין נאך אלץ פול מיט שטויב, ענטשולדיג... דערנאך אביסעל געשפּילט אויפ'ן פידעל... אזוי אומעטיג איז געווען... איך בין די גאנצע צייט אליין... ער האט זיך פארקנעפּעלט און לייכט זיך איינגעבויגען. ער האט א קוק געטאן אויף פּאַצאַ. מיט א ליעבען בליק א קוק געטאן אויף פּאַצאַ'ן און א גלעט געטאן איהם.

— בלייב, הארי. שפּיעל נאך אביסעל.

— א דאנק! — האט ער געענטפערט. — דו ביסט אזוי גוט, אזוי גוט, אינגעבארג. איך דאנק דיר פון גאנצען הארצען. מיט גרויס פארגעניגען וועל איך שפּילען, אויב דיר ווילט זיך. — ער איז צוגעגאנגען צו דער פידעל, נאר ער האט זי ניט גענומען.

— ניין, — האט ער ארויסגערעדט און א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ. — איך קען ניט שפּילען, איך קען איצט ניט שפּילען, — איך לעב אזויפיעל איבער, א, ס'איז א שרעקליכער מאמענט! דו ביסט אזוי גוט, — אלץ איבער מיר ווערט פארניכטעט! — ער האט פארשטעלט זיין פנים און טרערען האבען זיך געוויזען אויף זיינע אויגען.

— הארי! — האט צארט געזאגט אינגעבארג און אנגעריהרט זיין האנד.

מיט אמאל האט ער אוועקגענומען זיין האנד פון איהרער און א ווארף געטאן זיך אויף די קני.

— ...בלויז איין מאמענט, בלויז איין מאמענט, אינגעבארג.

אינגעבארג'ס אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערען. זי האט א שמייכעל געטאן.

— ...בלויז איין מאמענט, בלויז איין מאמענט, אינגעבארג.

א יאמער האט פארשטיקט זיין קול.

ער האט זיך אויפגעהויבען און א שמייכעל געטאן. זיין פנים איז געווען נאס פון טרערען.

— ענטשולדיג! — האט ער געזאגט און אוועקגעגאנגען. א גליקליכער, קינדישער שמייכעל האט געשטראהלט אויף זיין פנים.

— הערסט? — האט געזאגט אינגעבארג.

אונזערע בליקען האבען זיך באגעגענט. אין וואלד האט געזונגען א פידעל. א פידעל האט געיובעלט און געקלונגען. עס איז געווען פאלשטענדיג שטיל און די קלאנגען פון דער פידעל האבען זיך אזוי קלאר דערטראגען צו אונז, ווי זי וואלט געזונגען אונטער'ן פענסטער. קיינמאל אין לעבען האב איך ניט געהערט אזא הערליך ליעד. דאס גליק האט געיאמערט אין דעם ליעד.

אינגעבארג איז אונבאוועגליך געזעסען און געקוקט מיט ברייט צעעפענטע אויגען. מיט אמאל האט זי אנגעהויבען יאמערען; אהן אן אויפהער האט זי געיאמערט, פארדעקענדיג מיט די הענד דאס פנים, און פון דעם יאמערען האט איהר גאנצער קערפער געציטערט. איהרע אקסלען האבען זיך געהויבען ארויף און אראפּ.

עס האט זיך אנגעהויבען צו דערווייטערען דאס געזאנג פון דער פידעל און אין דער טיפער שטילקייט איז עס פארשטארבען.

— ענטשולדיג, וואס איך האב געוויינט, — האט אינגעבארג ארויסגערעדט.

— ענטשולדיג, וואס איך האב געוויינט, — האט זי ווידערהאלט.

דריי נעכט האט די פידעל געקלונגען אין דעם שווייגענדיגען וואלד.

מעהר האבען מיר זי דערנאך ניט געהערט. א פאר טעג נאך דעם איז פון ווייטען זיך געקומען אן אפענער בריעף. עס איז געווען אדרעסירט צו אונז ביידען: „איך דאנק" איז אויף איהם געשטאנען. מעהר גארנישט.

(פארטזעצונג פאלגט).

ביי די סקוירט און דרעס מאכער פון לאקאל 23

דער יעצטיגער סיזאן אין דעם סקוירט און דרעס טרייד איז נישט קיין שלעכטער. אונזערע מעמבערס זיינען אלע באשעפטיגט און פארדינען ניט שלעכט. איך בין ניט זיכער צי אלע אונזערע סקוירט און דרעס מאכער וועלען פון דעם סיזאן אפּשפּארען געלט, זיי זאלען קאנען נעהמען א וועקיישאן מיט זייערע פאמיליען פאר'ן גאנצען זומער, צוגלייך מיט זייערע בעלי הבתים, אבער דערווייל ארבייט מען, און מען ארבייט שוין אביסעל צופיעל אהן אן אפּשטעל. מען ארבייט אווערטיים ביז שפּעט אין דער נאכט, שבת און זונטאגס, די יוניאן איז זאגאר געצוואונגען צו שיקען קאמיטעס אפּצוסטאפּען די אונגעזעצליכע שטונדען. און לויט די קאמיטעס באריכטען טרעפען זיי בלויז ארבייטען אין די קלענערע שעפּער דארט, וואו עס זיינען באשעפטיגט א קליינע צאהל בעל מלאכות, וועלכע פארשטעהען נאך נישט דעם פעסטגעשטעלטען געזעץ, אז וואס די שטונדען זיינען לענגער, אלץ ווייניגער קריגט מען באצאהלט פאר דער ארבייט. דאס שטעלט נאך אמאהל פעסט דעם פאקט וואס מיר וויסען שוין פון לאנג, אז די קליינע שעפּער דריקען ארונטער דעם פרייז פון ארבייט און רואינירען דעם טרייד, איבערהויפּט לאזט זיך דאס שטארק פיהלען אין סקוירט טרייד, וואו די מייסטע ארבייט ווערט אויפגעמאכט אין אויטסייד קאנטראקטינג שעפּער. אונזער יוניאן וועט יעצט ביים באנייען דעם אגרימענט מוזען אנווענדען אלע מיטלען דיעזען איבעל אפּצושאפען.

* * *

אונזער סיק־פאנד, וועלכער איז ערשט עטליכע וואכען אלט, האט שוין אויפגעטאן פיעל גוטעס. דורך דער צייט האבען מיר שוין פיעלע מעמבערס ארויסגעהאלפען מיט פארשיעדענע סומען געלט. איין מעמבער וועלכער איז דורך קראנקהייט אומפעהיג צו ארבייטען קריגט די פולע סומע פון פופציג דאלאר. אנדערע, וועלכע האבען זיך געמאלדען, האבען מיר ווידער געמוזט צוריקווייזען דאפיר, וואס זיי האבען נאך נאר נישט איינגעצאהלט פאר דיעזען פאנד. מיר ווילען אלזא נאך אמאהל אויפמערקזאם מאכען אונזערע מעמבערס, אז צו בענעפיט זיינען בארעכטיגט בלויז די, וועלכע האבען פאר דיעזען פאנד איינגעצאהלט בעפאר זיי האבען זיך געמאלדען קראנק. די צאהלונגען זיינען בלויז איין קוואדער א מאנאט, די איבעריגע כללים וועגען דיעזען פאנד וועט איהר געפינען אויף אן אנדער פיידזש פון דיעזער צייטונג.

* * *

אונזערע סעקשאן מיטינגען האבען יעצט דורך דער צייט פון סיזאן געמוזט אונטערבראכען ווערען, אייכפאך דערפאר, וואס אונזערע מעמבערס זיינען נישט זעהר נייגעריג צו אטענדען די מיטינגען נאך א שווערען טאג ארבייט מיט אווערטיים. מיר וועלען אין קורצען רופען א דזשענעראל מעמבער מיטינג, וואו זעהר וויכטיגע פראגען וועגען באנייען דעם אגרימענט וועלען דיסקוטירט ווערען, און מיר ערווארטען, אז די מעמבערס וועלען קומען און אנטהייל נעהמען אין די דיסקוסיאנען.

* * *

דעם סטרייק וואס די בראוועי לידיס וויסט מאכער פיהרען אן געגען די פאר ביסענע מאנופעקטשורערס האט זיך יעצט ריכטיג צופלאקערט. די סטרייקערס זיינען יעצט מוטהיגער און קאמפּפלוסטיגער ווי אין די ערשטע וואכען פון סטרייק, אלעס וואס עס פאדערט זיך יעצט איז אביסעל מעהר אנשטרענגונג, און דער סטרייק וועט נעבראכט ווערען צו א זיעגרייכע ענדע. מיר פארלאנגען דארום פון אונזערע מעמבערס, אז זיי זאלען העלפען פּיקעטען די שעפּער יעדען פריהמארגען און פארנאכט, אזוי ווי זיי האבען עס געטאן ביז יעצט, און עס וועט לאנג נישט נעהמען, אז די וויסט בעל הבתים וועלען מוזען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די סטרייקערס.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

ווער האט געפונען?

א פּעי ענוועלאפּ מיט 19 דאלאר איז פארלארען געווארען ביי עטהעל וואלשטיין, מעמבער פון לאקאל 9 דאנערשטאג דעם 13טען מארטש. דער נאמען אויפ'ן ענוועלאפּ איז געווען מ. קאהען. די וואס האבען עס געפונען זאלען אזוי גוט זיין און אריינבריינגען עס אין אפיס פון לאקאל 9, 228 צוויטע עוועניו, קארנער 14טע סטריט.

רערש איידער דער מאן-דזשוראר, און ניט דוקא תמיד ווייכער און מילדער, נאר, אין איינינע פאלען, אויך שטרענגער איידער דער מאן. אזוי, למשל, ווען די פרוי אלס ריכטער אדער דזשוראר זיין מילדער און ברחמנות'דיגער מיט מינד-יעהריגע, עלענ-דע און פארוואגלטע פארברעכער, וועלכע זיינען געקומען צו זייער פארברעכען דורך אונוויסענהייט, ארימקייט, עלענד אדער נויט. דאגעגען, אבער, ווען זי בלי ספק זיין שטרענגער מיט פראפעסיאנעלע, העס-ליכע און פארדארבענע פארברעכער, דער-הויפט מיט אזעלכע, וואס זיינען באגאנ-גען פארברעכענס געגען קינדער, פרויען און מיידלאך. אבער, ווי עס זאל ניט זיין, קען דער פרוי'ס סוביעקטיוויטעט אין משפט'ען פארברעכער זיכער ניט טאן קיין שום שאדען, און אפשר נאך ברענגען א סך נוצען. און וואס אנבעטרעפט אזעלכע ערנסטע פארברעכענס, ווי רויב, מארד, פארגוואלטיגונג און א. וו., באווייזען די רעקארדס פון די ווערדיקטען, וואס די פרויען-דזשורארס האבען אין די געריכ-טען פון די אויבען דערמאנטע שטאאטען ארויסגעגעבען אין אזעלכע פאלען, אז אלס דזשוראר איז די פרוי פונקט אזוי קאמ-פעטענט, עהרליך און לאגיש, ווי עס איז היינט דער בעסטער מאן-דזשוראר אדער מאן-ריכטער.

לאמיר האפען, אז דער קאמפף פון די ניו יארקער פרויען-אדוואקאטען פאר דער צולאזונג פון דער פרוי צום ריכטער אמט און צו דער „דזשורי באקס" וועט פריהער אדער שפעטער געקרוינט ווערען מיט א זיעג פאר די פרויען; און אז די טענות און ארגומענטען פון די רעאקציאנערען גע-גען אט דער גערעכטער פאדערונג פון די ניו יארקער פרויען וועלען האבען דיזעלבע פארקעהרטע ווירקונג, ווי עס האבען גע-האט זייערע טענות געגען דעם אלגעמיי-נעם פרויען-שטימרעכט.

אזא זיעג פאר די ניו יארקער פרויען וואלט געווען א גרויסער זיעג פאר דער סאפרעדזש באוועגונג איבער'ן גאנצען לאנד. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס אלע אמעריקאנער סאפרעדזשיס-טען זיינען אזוי פאראינטערעסירט אין דער באוועגונג, וואס די ניו יארקער פרויען אדוואקאטען פיהרען איצט אן מיט אזוי פיעל ענערגיע פאר דעם רעכט פון דער פרוי צו זיין ריכטער און דזשוראר, און צו האבען א גלייכע דעה מיט דעם מאן אויך אין געריכט, וואו עס ווערט אפט ענטשי-דען די פראגע פון לעבען און טויט פון דער פרוי אזוי גוט ווי פון דעם מאן.

די פרוי אלס ריכטער האבען אויך אן אונגעהויערע ווירקונג אין דער ריכטונג צו ענדערען די גאנצע פיזיאנאמיע פון'ם איצטיגען אמעריקאנעם געריכט, וועלכע איז היינט צו טאג ווייט ניט קיין לויבענס-ווערטע; זי קאן מיט דער צייט שאפען א ראדיקאלען און מעהר מענשליכען באגריף איבער פארברעכען און שטראף, איידער דער וואס הערשט היינט אין אונזער יו-ריספרודענץ. און דאס קאן די פרוי-ריכ-טער טאן א סך לייכטער איידער דער מאן. מיט איהר כאראקטעריסטישער ווייכקייט און מילדקייט קאן די פרוי שאפען א ווײ-כען און מילדען טאן אין די באציהונגען צווישען דעם ריכטער און גע'משפט'ען, וועלכעס וואלט שוין ממילא געבראכט דערצו, אז די גאנצע געזעלשאפט זאל אנ-הויבען קוקען מיט א מילדערען בליק און זיך באציהען מיט מעהר ריקזיכט צו פאר-ברעכער אין אלגעמיין. וויפיעל די מענש-הייט בכלל וואלט פון אזא ענדערונג גע-וואונען איז ממש ניט אפצושאצען. דעם אמת'ען ווערט דערפון וועט מען באגרייפ-פען ערשט דעמאלט, ווען דאס וועט אויפ-הערען צו זיין בלויז א האפנונג, א וואונש, נאר עס וועט ווערען א פאקט, א ווירק-ליכקייט.

א מיידעל — אן עקספערט אין אגרי-קולטור און פארמעריי.

מיס בעסי ליפשיטץ, א אידישע מיי-דעל פון אוואקא, וויסקאנסין, האט צוגע-צויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנ-צער פרויען-וועלט צו א נייעם צווייג פון טעטיגקייט פאר דער פרוי אויפ'ן געביט פון אגריקולטור און פארמעריי. מיס ליפ-שיטץ איז איצט באריהמט אין דער גאנצער מידעל-וועסט אלס עקספערט אין אלע פראגען פון דער מילך און פוטער פרא-דוקציאן. זי האט אונטער איהר אויפ-זיכט ארום 25 פארמס אין יענער געגענד. יעדע פארם ווערט פון איהם באזוכט איין מאל אין מאנאט. איהר ארבייט בא-שטעהט אין דעם, וואס זי אונטערזוכט די מילך פון יעדער קוה, ווענט אפ די שפייז, מיט וועלכער די קוה ווערט געהא-דעוועט, און מיט דער הילף פון כעמישען אנאליז רעכענט זי אויס גענוי וויפיעל פוטער די מילך קען ארויסגעבען און ווי-פיעל עס דארף קאסטען דאס פראדוצירען. זי ווייזט אויך אן דעם פארמער פון וועל-כע קיה די מילך קען געמישט ווערען און וואס פאר א פראפארציע. מיס ליפשיטץ באנוצט זיך אין איהר ארבייט מיט די נייע-סטע און בעסטע וויסענשאפטליכע מעטא-דען, און האלט אויך א פינקטליכען רע-קארד פון דער פראדוקציאן פון יעדער פארם.

איהרע קליענטען, די פארמערס פון יענער געגענד, זיינען פון איהר ארבייט ממש ענטציקט. זיי שעצען זייער „מיס בעסי" ווי אן אבן-טוב, און איהר נאמען איז דארט אויף אזוי פיעל באריהמט און באליעבט, אז צווישען די פארמערס פון דער גאנצער מידעל-וועסט הויבען זיך שוין אן זאגאר צו שאפען לעגענדען וועגען איהר פעהיגקייט און וועגען איהרע וואונדערבא-רע אויפטוען.

מיס ליפשיץ אליין פיהלט זיך שטאלץ און גליקליך מיט איהר ערפאלגרייכער אר-בייט. און ווירקליך, וואס קען א פרוי פארשאפען נאך א גרעסערען פארגעניגען ווי דאס געפיהל און באוואוסטזיין, אז איהר ארבייט העלפט ארויסברענגען פאר די יונגינקע קליינע קינדערלעך זייער נוי-טיגסטע און בעסטע שפייז — מילך?

אינגעבאָרג

א ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארטזעצונג)

— און איך האב עפעס געפונען אין וואלד! — שרייט אינגעבארג. — זיבען צעטעלעך. דאס האסטו זיי געשריבען, אקסעל! אין אנפאנג האב איך געפונען איינע. איך לעז: „אינגעבארג". אקסעל'ס האנד, טראכט איך מיר. איך זוך ווייטער און געפין גאנצע זיבען. זיי זיינען גאל געווארען, אבער מען קען זיי נאך לעזען. ווען האסטו זיי געשריבען?

— איך האב זיי אויפגעשריבען א פאר טעג נאך אונזער געשפרעך אויפ'ן בארג, אינגעבארג! פיעל האב איך זיי גע-שריבען און צוואווארפען אויפ'ן ווינד.

— אקסעל, אקסעל!

איך לאז ארונטער מיין לולקע אין גראז, אום צו האבען אן אויסרייד צו קענען זיך שטעלען פאר איהר אויף די קני.

אפטמאל נעהמען מיר איינס דאס צווייטע פאר די הענד און לויפען איבער דער לאנקע, איבער'ן וואלד, מיר שרייען און לאכען. הורא! הורא! הא-הא-הא!

גרויס איז געווארען מיין נשמה. די גאנצע וועלט וואלט געקענט אריינגעהמען איצט אין זיך מיין נשמה, וואס איז בא-לויכטען מיט א ציטערדיג ליכט. מיין נשמה ברייטעט אויס אלץ מעהר איהר געזיכטס-קרייז. איך עפען זיך אליין. איך וואונדער און וואונדער זיך אויף זיך אליין. איך בין פון זיך אליין פארמאטערט. איך זיץ און קוק אין מיין איינענער נשמה, אין דעם בליהענדיגען כאאס. איך ציה אויס מיינע הענד און קוק אויפ'ן הימעל. קיינמאל האב איך פריהער ניט אריינגע-קוקט טיעפער אין אט דער גרענעצלאזער בלויקייט.

איך האב אויסגעשטרעקט מיינע הענד... אויב דו ביסט אזוי הערליך, גרויסער גאט, טא וויפיעל גוטסקייטען דארפען זיין אין דיינע הענד!

איך הער ווי עס קלינגט מיין בלוט, מיט א רויטען גלאנץ לויכט עס, עס קאכט ווי פייער, און א פריידיגער געלעכטער טראגט זיך דורך מיין קאפ, עס קלאפט אין מיין שארבען, ליכט שטראמט פון מיינע אויגען.

איך פיהל, ווי מיין הארץ ווארפט דאס בלוט אין די אדערען אריין; מיין בלוט רוישט — איך בין א שוימיגער בלוט-קוואל.

איך פיהל דאס לעבען ארום זיך. אין יעדען בלעטעל איז דא לעבען, אין יעדען גרעזעל; דאס גרעזעל ציטערט, די בלום וויעגט זיך, ציטערט פון ליידענשאפט — און גיט זיך אפ.

אינגעבארג האט צוגעלעגט א פינגער צו מיין הארץ און מיט אמאל האט עס גענומען קלאפען און עס קלאפט און קלאפט!

איך דערשטיק אין זיך דעם קול פון זעליגקייט, נאר דאס בלוט שרייט, איך ציטער אויף — יא —

געוועזען זיינען שעה'ן, ווען גאט האט אונזערע הערצער צוזאמענגעפלאכטען אין איינעם. איין שמייכעל איז געווען גענוג מיר זאלען זעהן, וואס עס קומט פאר אין הארצען ביים צווייטען, מיר האבען עס געפיהלט אהן ווערטער, אהן רייד.

איך האב אנגענומען אינגעבארג'ס שטימע פאר מיין איי-גענער, אינגעבארג'ס אטעם איז געווען מיין אטעם, נאך א פאר אויגען האב איך געקראגען, מעהר שארפערע, און די דאזיגע אויגען האבען געקוקט אין אן אנדער וועלט, וועמעס פארגע-פיהל האט מיך געמאכט ציטערען.

מיר זיינען געזעסען אין א פינסטער צימער און געקוקט ווי עס האט זיך פאנאנדערגעלאזען א בלום. דאס איז געווען א ווייסע ליליע. שטיל האט זי זיך פאנאנדערגעלאזען. מיעדע, אבער צופרידענע האבען זיך די בלעטער אראפגעלאזען, פול מיט האפנונג און פארטרויען.

א פאר שעה האט גענומען איידער די ליליע האט זיך פאנאנדערגעלאזען. מיר האבען עס צוזאמען דורכגעלעבט מיט איהר. עס האט זיך געדאכט, ווי גאט אליין וואלט ארויסגע-גאנגען אין דעם אראמאט פון דעם בלומען-קעלך און פול מיט פרייד איז אלץ ארום געווארען, פונקט ווי דאס דאזיגע קליינע בלימעל וואלט אויפגעטרייסעלט און איבערגעביטען די גאנצע וועלט. די וועלט האט געמאכט א טראט פאראויס און מיר האבען עס געפיהלט. קיין איין בלימעל האט זיך ניט געקענט פאנאנדערלאזען, קיין איין פויגעלע האט זיך ניט געקענט ארויס-פיקען פון איי אהן דעם, אז אלץ וואס לעבט זאל ניט מיט-פיהלען און ניט נעהמען קיין אנטייל אין דעם נייעם לעבען.

אפטמאל אין די שעה'ען, ווען מיר איז טרויעריג, באלייכט א שטילער שמייכעל מיין גאנצע וועזען און איך ווייס גוט פון וואנען עס נעהמט זיך אט דער שטילער שמייכעל.

צייטענווייז דערצעהלט אינגעבארג.

— כא-כא, — לאכט זי. — א, ווי הערליך עס איז גע-ווען! — נאך א פאר סעקונדען לאכט זי אין זיך און הויבט אן. שטענדיג דערצעהלט זי וועגען וואלד... עס איז געשטאנען אן אלטער, אלטער טאנען-בוים, בלויז מאך איז געהאנגען אויף איהם, ווי א גרויע בארד האט ער אויסגעזעהן. צייטענווייז פלעג איך קוקען אויף איהם. אט איינמאל האב איך אנגע-קלאפט אן בוים. צו וואס? — דאס געדענק איך שוין ניט. און שטעל דיר פאר, דער אלטער טאנען-בוים האט אנגעהויבען ריידען! עהרען ווארט, אקסעל, איך האב געהערט, איך אליין האב געהערט! די שטימע פון בוים האט אזוי דומפף געקלונגען, ווי זי וואלט ארויסגעקומען פון א פוסטען פאס... טויזענדער אזעלכע עהנליכע מעשיות פלעגט דערצעהלען אינגעבארג.

— און אט האט מען מיך געשיקט אין שטאדט אריין. איך האב זיך דאך געדארפט סוף-כל-סוף עפעס אויסלערנען. שטענדיג האב איך דעם וואלד געזעהן אין חלום. אמאל האט זיך מיר גע'חלום'ט א דורכגאנג אין וואלד אין גאנצען באדעקט מיט רויטע יאגדעס. איך האב קיינמאל ניט געזעהן אזויפיעל רויטע יאגדעס. איך האב זיך איינגעבויגען, די יאגדעס האבען זיך צושאטען, רויט איז געווארען דאס גראז ארום, זיי האבען זיך גענומען קלעבען צו די פינגער.

איין יאהר האב איך בלויז אויסגעהאלטען אין שטאדט. דערנאך האב איך זיך אומגעקעהרט אהיים. שטעל דיר פאר, אקסעל, ווי איך האב זיך דערשראקען! דער וואלד האט מיך ניט דערקענט. ער איז בייז געווען אויף מיר; א, ווי ער האט דאס א קוק געטאן אויף מיר! איך האב זיך צעוויינט. מיר איז אבער געקומען א גליקליכער געדאנק אין קאפ אריין. מיך פלעגט מען דאמאלט זעהר פוצען. איך האב די קעמלעך ארויס-גענומען פון קאפ, איך האב אנגעטאן מיין אלט קלייד, אויס-געטאן די שיך און זאקען, איבערגעקעמט די האר, אוועקגע-לאפען אין וואלד און אנגעהויבען שרייען ווי א באנומענע. ווען דו וואלסט עס זעהן, אקסעל; יא, דער וואלד האט מיך דערקענט.

אמאל איז א מענש געגאנגען דורכ'ן וואלד (איך האב איצט פארגעסען זיין אויסזעהן), נאר ער האט געשמייכעלט און אויגען האט ער געהאט ליכטיגע. א גרויס שטיק וועג בין איך צוזאמען מיט איהם געגאנגען. ער האט מיר א קוש געטאן אין קאפ. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך בין דאס געגאנגען מיט כריסטוס'ען, אבער שפעטער בין איך טרויעריג געווארען, ווען איך בין געוואר געווארען, אז כריסטוס האט געלעבט לאנג צוריק. מיט א פאר יאהר שפעטער האט זיך מיר אויף ס'נייע אויסגעוויזען, אז איך טרעף זיך צוזאמען מיט כריסטוס'ען, און אזוי ליכטיג איז מיר געווארען אויף דער נשמה.

— און איצט?

— פרעג ניט, טייערער.

זי האט זיך צעוויינט און אוועקגעלעגט דעם קאפ אויף מיין ברוסט.

אין א פאר מינוט ארום, ווען זי איז שוין געווען אויס-געוויינט, האט זי אויסגעמורמעלט: דאס ביסטו יענער מענש, וואס איז געווען אין וואלד, דאס ביסטו! איך האב דיך גלייך דערקענט, ווי איך האב דיך נאר דערזעהן צום ערשטען מאל, קום, קום אהער און פרעדיג, א, העלף די ארעמע מענשען.

.14

איך דערצעהל וועגען מיין גליק; א, ווי דאס איז אנגע-נעהם, זעהר אנגענעהם פאר מיר. זייט אזוי גוט, ערלויבט מיר פארטצוזעצען. איך וואלט געקענט מיין גאנץ לעבען — טוי-זענד נעכט...

א, ווען איהר וואלט וויסען ווי אנגענעהם עס איז צו דערמאנען וועגען דעם אלעם! יעדעס גליעד אין מיר טאנצט פאר שמחה, איך הויב אן ארומצולויפען און וויינען פאר פרייד. אפטמאל איז די פרייד פון עראינערונגען שטארקער ווי דער טרויער נאך דעם, אז דאס אלץ איז שוין פארגאנגען. אט פארוואס איך דערצעהל דאס אלץ.

דאס זיינען געווען טעג פון הע-ליכע ימים-טובים. זייער אפשיין פאלט נאך איבער מיר און באלייכט מיינע איינזאמע שעה'ן.

אלץ ווערט פארוואנדעלט אין רעליגיאן, די רעליגיאן ווערט אלץ.

ווערטער פארלירען זייער באדייטונג, די פשוט'סטע ווער-טער ווערען פארוואנדעלט אין רעטענישען.

מיר זיצען ביים טיש און עסען מיטאג, מיר רעדען די פשוט'סטע ווערטער.

— אט האסטו ברויט, טייערער.

— א דאנק דיר פאר'ן ברויט, טייערע.

וואס איז דא אויסערגעוועהנליכעס אין די דאזיגע ווער-טער? יא, דאס זיינען געוועהנליכע ווערטער, אבער אין זיי

דאָס רעכט אויף אַרבייט

פון ארטורא דזשיאָוואַנעטי

דער הויפט שטריים-פונקט אין דעם קאמפף אויף לעבען און טויט, וואָס געהט איצט אָן צווישען די ליידיעס וועיסט מייקערס יוניאָן און די דרעס און וועיסט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, איז דאָס וואָס די בעלי בתים באשטעהען דערויף צו קענען ענטזאגען זייערע ארבייטער ווען זיי ווילען נאָר, און די ענטשלאָסענהייט פון די ארבייטער, אז אזעלכע ענטזאגונגען זאָלען ניט פאָרקומען אָהן דער גוטהייסונג . פון א רעוויזיאָנס-באָארד, אויסגעקליבען פון ביידע צדדים. פון ביידע זייטען ווערט צוגעגעבען, אז דער קאמפף באשטעהט הויפטזעכליך אויף דיעזער פראגע; אַלע אַנדערע סכסוכים, ווי די 44 שטונדיגע ארבייטס-וואָך און גלייכער רעיז אין ווידזשעס, וואָלטען געקענט אויסגעגליכען ווערען אָהן א ווייטערדיגען קאמפף.

עס שטעלט זיך דארום די פראגע: איז די יוניאָן בארעכטיגט אַנצופיהרען א קאמפף, וואָס פאראורזאכט אזויפיעל ליידען די ארבייטער און גרויסע פינאנציעלע פארלוסטען אויף ביידע זייטען פון די טרענטשעס, בלויז כדי צו געווינען א פונקט וואָס האט אויגענשיינליך גאר קיין שום וויכטיגקייט ניט בנוגע צו די עקאָנאָמישע פארהעלטניסע צווישען ארבייטער און בעלי בתים? וואָס פאר אַן אונטערשיעד קען עס זיין פאר דער יוניאָן, ווען די באָסעס זאָלען ענטזאגען א געוויסע צאָהל ארבייטער, וויבאלד זיי זיינען געצוואונגען אויף זייער פלאץ צוצונעהמען אנדערע יוניאָן לייט, סיידען זיי וועלען פארקלענערען די פּראָדוקציאָן און דעדמיט אויך פארקלענערען זייערע פּראָפיטען?

כדי צו ענטפערען אויף דיעזען ארגומענט מוז מען פרעגען און פארענטפערען אן אנדער פראגע. וואָס איז דער הויפט-צוועק און די פונקציאָן פון אן ארבייטער-יוניאָן, זאגאר אזעלכע, וועלכע האט ניט קיין ווייטען סאָציאַלען בליק און באהויפט ניט, אז די ארבייטער מוזען סוף כל סוף איבערנעהמען די קאָנטראָלע איבער אַלע אינדוסטריעלע פּראָצעסען?

פרעגט אירגענד וועלכען קאָנסערוואטיווען ארבייטער-פיהרער און ער וועט אייך גלייך ענטפערען, אז דער ערשטער און דער הויפט ציעל פון אן ארבייטער-ארגאניזאציע איז צו באשיצען דעם ארבייטער אין זיין דזשאב. דער אמת איז, אז וואָס קאָנסערוואטיווער דער ליעדער איז, אַלץ מעהר וועט ער באשטעהן דערויף, אז די פראגע פון שטונדען און ווידזשעס, און זאגאר די פראגע פון סאניטארע באדינגונגען קומען ערשט נאָך דער פארזיכערונג פון דעם דזשאב פאר יעדען מעמבער פון דער יוניאָן. ס'איז ניטאָ קיין רעוואָלוציאָנערעס אין דעם, און אויפצוהויבען דעם געשריי פון באָלשעוויזם אין פארבינדונג מיט דיעזען עלעמענטארען פּרינציפּ פון טרייד-יוניאָניזם, ווי די מאנופעקטשורערס האָבען געטאָן, איז איינפאך נאָך א גלענצענדער ביישפּיעל פון זייער באריהמטער היפּאָקריטסטוואָ . אָבער לאָמיר עס ערקלעהרען דייטליכער.

אן ארבייטער יוניאָן איז קודם כל און הויפּטזעכליך אן אינסטרומענט פאר דער באשיצונג פון דעם עקאָנאָמישען לעבען און דאָס וואוילזיין פון די ארבייטער. זי האט גאָרנישט צו טאָן מיט די ארבייטער אלס סיטיזענס, וואָס דאָס באלאנגט צום שטאאט; אויך קען זי ניט רעגולירען זייערע סאָציאַלע, רעליגיעזע און פּאָליטישע טעטיגקייטען. איהר פונקציאָן איז באשרענקט בלויז צו דעם עקאָנאָמישען פעלד, דאָס הייסט, יענע ספּעציפישע ספערע פון מענשליכער טעטיגקייט, אין וועלכער עס ווערען געשאפען די מיטלען פון לעבען.

נון, דאָס ערשטע פּראָבלעם פון עקאָנאָמישען לעבען, אזוי ווייט ווי עס באריהרט דעם ארבייטער, וועלכער האט קיין אנדער זאך ניט צו פארקויפען אויסער זיין ארבייטס-קראפט, איז די באשטענדיגע אנהאלטונג פון זיין באשעפטיגונג, וועלכע איז דעם ארבייטער'ס איינציגע פארזיכערונג געגען עלענד און נויט און די איינציגע באשיצונג פון זיין לעבען. וואָס זיין מאָטיוו זאָל ניט זיין זיך אַנשליסענדיג אן דער יוניאָן, אָבער דאָס איז ביי איהם אן אַנגענומענע, א זיכערע זאך, אז זיין דזשאב וועט ניט פארלאָרען געהן, נאָר אדרבא, וועט נאָך פארשטארקט ווערען דורך זיין פארבינדען זיך מיט זיינע ברידער ארבייטער. קיינער וועט זיך קיינמאָל ניט אַנשליסען אַן אַן ארבייטער-יוניאָן אויף דעם בלויזען טשאנס צו פארבעסערען זיינע ארבייטס-באדינגונגען און דערביי בלייבען אין ריזיקע צו פארלירען זיין דזשאב, ווייל קיינער האט זיך נאָך ניט פארטראכט וועגען ארבייטס-באדינגונגען, ווען דער דזשאב אליין שטעהט אין קאן פארלאָרען צו ווערען.

אויב יוניאָן לייט וואָלטען געוועזען אין א גרעסערער ריזיקע ארויסגעטריבען צו ווערען פון זייערע דזשאָבס, איידער ניט יוניאָן לייט, דאן, מיט מיין גאנצען פייערדיגען גלויבען וואָס איך האָב אין דעם ארבייטער-קלאס, צווייפעל איך, צי עס וואָלטען גאָר איבערהויפּט געוועזען אירגענד וועלכע ארבייטער יוניאָנס. ס'איז א זעלבסטפארשטענדליכע זאך זאגאר פאר דעם ביטערסטען שונא פון יוניאָניזם, אז קיין אָרגאניזאציע קען ניט לאנג לעבען, אויב זי איז ניט פון איהר גרונד אויס פאראינטערעסירט אפּצוהיטען די באשעפטיגונג פון איהרע מעמבערס, און אין דעם פונקט זיינען אַלע יוניאָנס, ס'מאכט ניט אויס וואָס זייערע פּרינציפּען און ציעלען זיינען, פאָלשטענדיג איינשטימיג. דער אמת איז, אז דער הויפט אונטערשיעד צווישען קאָנסערוואטיווע יוניאָנס און ראדיקאַלע יוניאָנס אין דיעזער פראגע איז ניכער אן אונטערשיעד פון באדינגונגען, איידער פון פּרינציפּ — די קאָנסערוואטיווע ווילען ה א ל ט ע ן דזשאָבס אונטער א געגענזייטיגען אפּמאך מיט די באָסעס, און די ראדיקאַלען ווילען ב א ז י צ ע ן דזשאָבס אונטער דער איינציגער בעל הבית'ישקייט פון די ארבייטער. קיינער פון זיי קען ניט עקזיסטירען, סיידען דיעזע דזשאָבס זאָלען אויף א גרינדליכען קלאָרען אופן זיין געזיכערט. פאָדערען אן אנדער שטעלונג וואָלט געווען אזוי גוט ווי צו פאָדלאנגען פון אירגענד וועלכער ארבייטער יוניאָן צו באגעהן זעלבסטמאָרד אויס ליעבע צו די בעלי בתים און זייער וואונדערליכער אויפפאסונג פון גערעכטיגקייט און אומפארטייאישקייט.

זינט ארבייטער-קעמפּפע האָבען זיך אנגעפאנגען, איז דאָס צוריקקעהרען פון אַלע סטרייקערס צו דער ארבייט געווען דער ערשטער תנאי פון אַלע פריעדענס-אָפּמאכען — ס'איז, אין גרונד גענומען, געוועזען דער איינציגער פונקט, איבער וועלכען מען האט קיינמאָל ניט דעבאטירט, און וועלכער איז, אזוי ווייט ווי איך ווייס, קיינמאָל ניט פארגעלעגט געוואָרען פאר ארביטריישאָן. א זיעגרייכער סטרייק האט קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט קיין איין סטרייקער אויף דרויסען, אויסערהאלב דעם שאפּ; נאָך מעהר, די יוניאָן האט אימער אנגעווענדעט אַלעס מעגליכע צו זעהן, אז קיינער זאָל נאָכדעם ניט ענטזאגט ווערען אויף אירגענד וועלכען גרונד, וואָרים ווען ניט וואָלטען די בעסטע און די קאמפף-פעהיגסטע עלעמענטען פון דער יוניאָן געדארפט באצאָהלען פאר דעם זיעג פון די ווענינער קאמפף-פעהיגע.

וואָס אנבאלאנגט די פראגע, אז קוים ווערען נאָר יוניאָן לייט באשעפטיגט, אָדער זיי ווערען פארגעצויגען, דאַרף זיך שוין די יוניאָן ניט קימערען וועגען דעם ווער עס ווערט ענטזאגט און פארוואָס ער איז ענטזאגט געוואָרען — איז די אונגערעכטיגקייט פון דער טעאָריע הינטער דיעזען ארגומענט אזוי שרייענדיג, אז זי רופט ניכער ארויס צאָרן, איידער דיסקוסיאָן. א באנעפייד ארבייטער יוניאָן איז ניט קיין ביזנעס-פירמע, וועלכע האנדעלט מיט וואארע, אויך ניט קיין עמפּלאָימענט ביוראָ וואָס שטעלט צו ארבייט אויף געוויסע קאָנדיציאָנען און פאר א געוויסען פּרייז — נאָר עס איז א פרייע און פרייוויליגע פאראייניגונג פון מענשליכע וועזענס, וועלכע האָבען געוויסע געמיינשאפטליכע אינטערעסען און ציעלען און זיי מוזען זיך געבען אבסאָלוטען געגענזייטיגען שוץ. א באנעפייד ארבייטער יוניאָן (עס זיינען ליידער פאראן אנדערע אויך) סיינט קאָנטראקטען מיט די בעלי בתים ניט אין נאָמען פון דער יוניאָן, אלס א מאשין-ארטיגער, אונפערזענליכער אָרגאניזם, נאָר אלס דער באשטימטער אגענט און דער געזעצליכער פארטרעטער, אזוי צו זאגען, פון א ל ע איהרע מעמבערס, וועמעס מאָראַלע און מאטעריעלע אינטערעסען זי איז פארפליכטעט צו שיצען און אפּצוהיטען, — די אינטערעסען פון יעדען איינעם פון זיי באזונדער און אינדיווידועל, אונגעפעהר אויף דעם זעלבען אופן ווי א קאָרפּאָריישאָן איז מחויב צו פּראָטעקטען די אינטערעסען פון אַלע איהרע סטאָק-האָלדערס. א יוניאָן וואָס זאָל שליסען אן אגרימענט מיט די בעלי בתים אויף אירגענד וועלכען אנדערען באזיס, וואָלט זיך ניט געהאלטען קיין וואָך צייט; דאָס וואָלט געווען א יוניאָן בלויז אין נאָמען, און נאָך דעם ערשטען סטרייק וואָלטען זאגאר די באָסעס אליין מעהר ניט געהאנדעלט מיט איהר, ווייל זי וואָלט דאָך ניט געהאט קיין סאָלידען פעסטען באזיס און קיינע מיטלען דורכצופיהרען איהרע באשליסע.

אָבער דאָ אין דעם קאמפף איז פאראן נאָך אן עלעמענט, א ריין עטהישער, הגם איך באגרייף פאָלשטענדיג, אז עטהישע ארגומענטען וועלען ניט ענדערען קיין האָר אין דער האלטונג פון די באָסעס.

מענשליכע וועזענס קענען בלויז לעבען פריעדליך צוזאמען אויף א באזיס פון געגענזייטיגען אפּמאך, דאָס הייסט דורך געבען און נעהמען, דורכדעם וואָס זיי גיבען און קריגען, איינע פון די אנדערע דאָס וואָס איז פון ביידע צדדים אנגענומען אלס פאָלשטענדיג גלייכווערטיג. קיינע אנשטענדיגע און גערעכטע מענשליכע באציהונגען זיינען אנדערש ניט מעגליך, סיידען איין צד איז ענטשלאָסען צו אונטעריאָכען, אָדער אין גאנצען ארויסצוטרייבען דעם צווייטען צד. דאָס איז היינט ניט די אבזיכט פון דער ליידיעס וועיסט מייקערס יוניאָן, וועלכע פּראָטענדירט נאָך דערוויל ניט צו וועלען ארויסטרייבען די מאנופעקטשורערס אסס'ן פון ביזנעס. צי דאָס איז דער ציעל פון דער אסאָסיאיישאָן צו דער יוניאָן איז, פארשטעהט זיך, א זאך וואָס איך ווייס ניט, אָבער אזוי ווי זיי לייקענען אין דער עפענטליכקייט אָפּ אזעלכע בייזע אבזיכטען, וועל איך נעהמען זייער וואָרט. עס פאָלגט דארום, אז אזוי ווי קיין צד איז ניט אויסען צו אונטערדריקען דעם אנדערען, איז די איינציגע זאך וואָס קען פאָרקומען צווישען זיי א געמיינשאפטליכער אגרימענט.

דיעזער אגרימענט מוז, פארשטעהט זיך, זיין געגענזייטיג אין דעם זין, אז ער טאָר ניט אוועקשטעלען אירגענד וועלכען צד אין א נידעריגערער לאגע. ער טאָר ניט זיין איינזייטיג; ער וועט אויף אזא אופן ניט האלטען קיין מאָנאט צייט; וואָרים דער באשעדיגטער צד, זיך פיהלענדיג אפּגענארט און באשווינדעלט, וועט איהם ברעכען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. נון, וואָס איז דער פּרינציפּ פון יושר און געגענזייטיגקייט וואָס ווענן פארזיכערען פאר ביידע צדדים די פולע אויסאיבונג פון זייערע רעכטע? ס'איז איינפאך אָט וואָס: זאָלען די מאנופעקטשורערס איינזעהן און צוגעבען, אז זייער רעכט צו ענטזאגען די ארבייטער איז אויך כולל אין זיך דאָס רעכט פון די ארבייטער צו פארלאָזען זייערע דזשאָבס. אויב זיי ענטזאגען די ארבייטער דיעזעס רעכט און נעהמען דאָס ערשטע רעכט פאר זיך, דאן איז דער קאָנטראקט א שווינדעל. פון דער אנדער זייט, אויב זיי זאָלען ערלויבען ביידע רעכטע, דאן וואָלט דער קאָנטראקט געווען א פארס, ווייל מען וואָלט ניט געקומען צו קיין פעסטען אפּמאך און ביידע זייטען וואָלטען געבליבען אין א צושטאנד פון פאקטישען קריעג.

די איינציגע לייזונג אַלזאָ פאר די מאנופעקטשורערס איז זיך צו ענטזאגען פון דיעזען רעכט און איבערגעבען אַלע קייסעס פון ארבייטער, וועלכע זיי ווילען ענטזאגען פון דער ארבייט, צו א רעוויזיאָנס-באָארד. אירגענד וועלכער אנדער וועג וואָלט געווען אונגערעכט. זייער רעכט צו ענטזאגען ארבייטער, ווי זיי פּאָדערען עס איצט, האט ניט קיין מאָראלישען באָדען, ווייל עס איז אבסאָלוט. זיי קענען ארויסוואַרפען אירגענד וועלכען ארבייטער פאר אירגענד וועלכער אורזאכע, אָדער גאָר אָהן א שום אורזאכע. צונעהמענדיג דורך דעם אגרימענט, ווי זיי ווילען עס, יעדע מעגליכקייט פון דער יוניאָן צו קענען נעהמען שריטע געגען דיעזע ענטזאגונגען פון ארבייטער, וואָלטען זיי, די בעלי בתים, באנוצט זיך מיט דיעזען רעכט גאָר אָהן א גרענעץ. האָבענדיג אן אייגענע שטארקע אסאָסיאיישאָן, וואָלט דער ענטזאגטער ארבייטער געווען פאקטיש אפּגעשטעמפּעלט, פארורטיילט צו געצוואונגענע עקאָנאָמישע שקלאַפעריי. נאָך ערגער: נאָכדעם ווי ער וואָלט געשטאנען מאָנאטען לאנג אין סטרייק, וואָלט ער פאקטיש ארויסגעשטעלט געוואָרען פון דער יוניאָן, מיט דעם וואָס ער וואָלט ניט געקריגען די פּרוכט פון זיינע אייגענע יוניאָן-ארבייט. די יוניאָן וואָלט אויפגעהערט צו זיין פאר איהם אן אינסטרומענט פון באשיצונג. אין א קורצער צייט וואָלט ער געוואָרען א סקעב. איז דאָס וואָס די מאנופעקטשורערס מיינען, ווען זיי זאגען, אז זיי מאכען ניט קיין אויסנאַהמען געגען יוניאָן-ארבייטער?

פון דער אנדער זייט איז דאָס רעכט צו פארלאָזען די ארבייט בלויז רעלאטיוו, אזוי ווייט ווי עס באריהרט די ארבייטער אלס איינצעלנע. קיין ארבייטער וואַרפט ניט אוועק קיין דזשאב דערפאר ווייל ער וויל ניט אז זיין באָס זאָל געהערען צו דער אסאָסיאיישאָן, אָדער דערפאר ווייל ער ווערט אין כעס אויף זיין בעל הבית' מאניערען, אָדער ווייל עס געפעלט איהם ניט ווי ער קוקט אויס, אָדער ווייל ער קען ניט פארטראגען ווי ער רעדט ענגליש, אָדער דערפאר ווייל ער איז ניט איינפארשטאנען מיט איהם אין זיינע פּאָליטישע און רעליגיעזע אנזיכטען. דער פּערזענליכער עלעמענט שפּיעלט זעהר זעלטען, — אויב עס טרעפט איבערהויפּט, — א ראָלע אין דעם באשלוס פון דעם ארבייטער צו פארלאָזען זיין דזשאב, גאָר פשוט דערפאר ווייל דער ארבייטער פונקציאָנירט אין דעם איצטיגען סאָציאַלען סיסטעם בלויז אלס א קראפט פון פּראָדוקציאָן, וועמעס איינציגע ספערע פון טעטיגקייט איז דער פּראָדוקציאָנס-פּלאַץ. אויסערהאלב דיעזער ספערע איז ער גאָרנישט. ער איז פאקטיש פּיעל און פּאָטענציעל אַלעס בלויז אויף אזוי ווייט ווי ער בלייבט אַרבעטיג. דערפאר האלט ער זיך אזוי ביי זיין דזשאב, אפט זאגאר אויפ'ן חשבון פון זיין סאמע זעלבסט-אכטונג.

דער שלום איז, אז קיין ארבייטער, ווי קאמפּפסלוסטיג און ווי ראדיקאַל ער זאָל ניט זיין, וועט ניט פארלאָזען זיין דזשאב סתם אזוי מוטוויליג, וועהרענד די מעהרסטע בעלי בתים ענטזאגען ארבייטער אויף אזא אופן, סיידען זיי ווערען צוריקגעהאלטען דורך א העכערער מאכט. דאָס רעכט פון דעם אינדיווידועלען ארבייטער צו קענען פרייוויליג אוועקגעהן פון פּלאַץ איז נאָר א לעגאַלער און אקאַדעמישער קוואטש, וועהרענד דאָס רעכט פון דעם באָס איהם צו ענטזאגען איז אבסאָלוט. יעדער אגרימענט וואָס איגנארירט אַלזאָ דיעזע פאקטען און נעהמט ניט קיין שריטע געגען דעם מיסברויכען פון מאכט אויף דער זייט פון דעם איינציגען צד וואָס באזיצט דיעזע מאכט, איז שוין דערמיט אליין אונסאָציאַל און אונמאָראַליש.

אָבער וועט די מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן זיך לאָזען באוועגען דורך מאָראַלע גרינדע? ניין, וואָרים דערצו וואָלט נויטיג געווען די ענטשיידונג פון א דריטען צד, און דיעזער דריטער צד וואָס די יוניאָן האט ארויסגערופען, פאָרשלאָגענדיג אן אונפּארטייאישען אומפּייר אין אַלע צוקינפטיגע סכסוכים, איז מיט פאראכטונג צוריקגעוויזען געוואָרען פון דער אסאָסיאיישאָן. וואָס וועט זיין דער שלום דערפון?

באזוייטיגט דעם פשרה-מאכער און אַלע ווערטען ווערען רעדוצירט צו מאכט און אויסדויער, וואָס באווייזט ווידער א מאָל, אז דער שטארקער וועט אונטעריאָכען און דיקטירען דעם שוואכען, ניט קוקענדיג אויף קיינע פּרינציפּען. די ענדגילטיגע ענטשיידונג איז איצט, ווי אימער, אויף דער זייט וואָס האט די שטארקסטע עלעמענטען פון ווידערשטאנד און קאמפף. די פראגע פון רעכט און אונרעכט האט גאָרנישט צו טאָן דערמיט, אזוי ווייט ווי עס באריהרט דעם קאפּיטאל. אָט אזוי לערנען דאָס די בעלי בתים, וועלכע לייקענען אָפּ דעם קלאסען קאמפף, די ארבייטער צו געהן אויפ'ן וועג פונ'ם קלאסען-באוואוסטזיין און טרייבען זיי, דורך זייער איינענער בלינדער דומהייט, אַלץ ווייטער און ווייטער צו דעם ברייטערען פעלד פון דעם אומ'ברחמנות'דיגען סאָציאַלען קריעג.

פּרעזענטירט דעם שאָפּ טשערמאַן

דזש. בראַונשטיין, שאָפּ-טשערמאַן פון קלאַסיק וועיסט קאָ., 110 וועסט 17טע סטריט, איז פּרעזענטירט געוואָרען פון די ארבייטער מיט א ווערטפולען פּרעזענט אלס אנערקענונג פאר זיין גוטע יוניאָן-ארבייט פאר די ארבייטער אין דעם שאָפּ, און פאר די יוניאָן בכלל.

די פּרעס-קאָמיטע.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50
Vol. I. Friday, March 21, 1919. No. 10.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

די שטרוים־פויגעל פאליטיק פון די באסעס פון דער לײדיעס דרעס און וויסט מאנופעקטשורערס אסס'ן.

ווער האט עס ניט געהערט פון דעם נארישען שטרוים־פויגעל, וועלכער, כדי מען זאל איהם ניט דערזעהן, באהאלט זיין קאפ, וואס איז גראדע דער קלענסטער טייל פון זיין קערפער, אין זאמד, און דערביי רויבט ער זיך איין פון דער מעגליכקייט צו זעהן, וואס ארום איהם טוט זיך, צו מען מאכט אויף איהם יאגד, צו ניט, און ווערט אויף אזא אופן דאס גיכער געכאפט פון זיינע יעגער? דער נארישער פויגעל, ער מיינט, ווייל ער זעהט קיינעם ניט, דעריבער קען קיינער איהם ניט זעהן! אט פונקט אזא פאליטיק טרייבען די אסס'ן־באסעס אין דעם איצטיגען קריעג.

עס איז אונז געקומען צו האנד א ביכעלע, אזוי קליין, אזוי אויסגעדארט, אזוי איינגעשרומפט, ווי דער באסישער געהירן, אדער, א בעסערער פארגלייך, ווי די איצטיגע איינקיגפטע פון די אסס'ן־באסעס — א ביכעלע, וואס די מאנופעקטשורערס האבען א נאמען געגעבען „דרעס און וויסט ניוס".

אין דעם דאזיגען ביכעלע מאכען זיך די באסעס הארץ, באמיהען זיך, לויט אלע כחות זייערע, אונטערצוגעבען מוט איינע די אנדערע, צו מאכען פעסט און שטייף די יעניגע, וועלכע זיינען נעבאך דורך דעם לאנגען, באלד ניין־וואכעדיגען פוסטעוועז פון זייערע שעפער, וואו עס האט אמאל גע'רעש'ט און געקאכט מיט אזא ביזע, געווארען אזוי שוואך אויף די פיס, אז קוים, וואס זיי האלטען זיך. און אחוץ דעם טרייבען זיי אין זייער ביכעלע גלאט אביסעלע רכילות אויף דער יוניאן און איהרע פיהרער.

דאס ביכעלע איז פון אנפאנג ביז צום סוף העכסט אמוזאנט. מיר האבען געהאט בדעה איבערצודרוקען עס אין גאנצען, און זאלען אונזערע לעזער זעהן, וואס פאר א גייסטיגער דלות עס פייפט אין יעדען ווינקעלע פון דעם באסישען זשורנאל. אבער מיר האבען זיך איבערלעגט. מיר קענען ניט אפגעבען אונזער טייערען פלאץ פאר די באסישע נארישקייט. נאר עטליכע ביישפיעלע וועלען זיין פאלשטענדיג גענוג.

מיט א פאר וואכען צוריק האבען מיר געשריבען, אז ברודער שלעזינגער זעהט אויס געוועהנליך אביסעל צו הארט און שטרענג, נאר אין א געוויסען פריהמארגען, ווען מיר האבען מיט איהם גערעדט, האט זיין פנים געשטראהלט מיט דעם באוואוסטזיין פון זיגע. וואס־זשע טוט דער באסישער שרייב־קנעכט? לאזט ער אויס אין גאנצען אונזער שלוס, און ברענגט נאר אונזער ערשטען האלבען זאץ, אז שלעזינגער טוט קיינמאל ניט א שמייכעל, און ער ערקלעהרט עס דערמיט, וואס שלעזינגער האט ענדליך איינגעזעהן, אז „ער און זיין יוניאן קלאפען זייערע קעפ אן די שטיינערנע וואנד פון אונזער ענטשלאסענהייט ניט נאכצוגעבען איין איינציגע אונפארנינפטיגע פאדערונג פון דער יוניאן."

ווי געפעלט אייך די מליצה: „די שטיינערנע וואנד פון אונזער ענטשלאסענהייט"? א כלל זאלט איהר האבען, אז ווען איינער הויבט נאר אן געברויכען מליצה, איז עס געוועהנליך צו פארבאהאלטען אדער א ליגען אדער אן אונזין. אלזא איז טאקע כדאי צו דערטאפען אט דעם ליגען.

די שטיינערנע וואנד פון ענטשלאסענהייט! פון וועלכער וואנד רעדט איהר דא, הערערן באסעס? איהר האט געהאט אן אסס'ן פאר'ן סטרייק, וועלכע איז באשטאנען פון איבער 190 מיטגליעדער? וויפיעל צעהלט איהר איצט מיטגלידער? וויפיעל דרעס־מאנופעקטשורערס זיינען פארבליבען אין אייער אסס'ן? וויפיעל מאנופעקטשורערס פון וויסטס פעהלען אין אייער אסס'ן? וואס פאר א נארישקייט דאס איז צו ריידען פון א „וואנד פון ענטשלאסענהייט". אז איידער עס איז נאך טרוקען געווארען דער דרוקער־טינט פון אייער זשורנאלכעלע, האט איינער פון אייערע בערען, א מיטגליעד פון אייער עקזעקוטיוו קאמיטע, דער טשערמאן פון דעם לייבאר באארד, מר. ס. פאהרער, געסעטעלט מיט דער יוניאן און זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו אייער „שטיינערנער וואנד" (אסס'ן בלע"ז).

וועמען ווילט איהר דא פארערדען די ציין מיט אייער שטרוים־פויגעל פאליטיק? מיינט איהר, אז ווי באלד איהר אליין מאכט זיך ניט זעהענדיג, ווי פול מיט לעכער עס איז געווארען דורך די האוויצערס פון דער יוניאן אייער „שטיינערנע וואנד", זעהען עס אויך אנדערע ניט? אך, איהר נארישע שטרויסען!

היינט וועלכע „אונפארנינפטיגע פאדערונגען" זיינט איהר עס, באסעס, ענטשלאסען ניט נאכצוגעבען? וועמען ווילט איהר דא פארריידען די ציין? וואס אנבאטרעפט די שטונדען און די ווייידזשעס, האט איהר דאך שוין אליין עפענטליך ערקלעהרט, אז וועגען דעם וואלט איהר זיך ניט געקאמפערט. דאס האט איהר דאך גאנץ אפען ערקלעהרט אין דעם הענדביל, וועלכען איהר האט ארויסגעגעבען אונטער א פרעמדען נאמען, כלומרשט אונטער דעם נאמען פון ארבייטער. דאס האט איהר אויך צוגעגעבען אין פיעלע אנדערע אייערע ערקלעהרונגען. טו וועלכע נאך פאדערונגען האט אייך די יוניאן געשטעלט, וואס איהר רופט אן „אונפארנינפטיגע". די דיסטשארדזש פראגע — דאס איז דאך אייער פאדערונג צו דער יוניאן, אז זי זאל אייך צוריקגעבען דאס, וואס זי האט ערקעמפפט מיט זעקס יאהר צוריק! זעקס יאהר נאכאנאנד האט איהר געפיהרט אייערע געשעפטען נאכקומענדיג אט דער פאדערונג פון דער יוניאן; טו ווי קען מען אזא זאך, וואס האט געארבייט אין דער פראקטיק פאר גאנצע זעקס יאהר, פלוצלונג ערקלעהרען אלס א גאר שפאגעל־נייע אונפארנינפטיגע פאדערונג?

אך, איהר באסעס! די אונפארנונפט איז ניט אין קיין איינציגער פאדערונג פון דער יוניאן, נאר אין אייך. איהר זיינט איין שטיק נארישקייט. ניטא אין אייך קיין פינטעלע, וואס זאל קענען באטיטעלט ווערען מיט'ן נאמען שכל.

אין א צווייטען זאגענאנטען ארטיקעל זאגט איהר, אז די וועלט ווייס ניט, אז די לײדיעס ווייסט מייקערס זיינען די בעסט־באצאהלטע ארבייטער אין דער גאנצער נאדעל־אינדוסטריע. איהר ערקלעהרט, אז אין דער ניט־גודס אינדוסטריע, אין דעם אנדערוועאר־טרייד פארדיענען מיידלעך אין גאנצען 14—15 דאלאר א וואך, און אין דער ווייסט אינדוסטריע פארדיענען „מיידלעך", וועלכע ארבייטען נאר זעקס מאנאטען, דורכשניטליך 18, 20 דאלאר פאר יעדער וואך אין יאהר."

און איהר מיינט, אז מאכענדיג אזא חשבון, קענט איהר די וועלט נארען. מיידלעך פארדיענען, זאגט איהר, 18—20 דאלאר יעדע וואך אין יאהר, ארבייטענדיג בלויז 6 מאנאט דורכ'ן יאהר. זאגט אונז, הערערן באסעס, וואס האט איהר געמיינט מיט'ן ווארט „מיידלעך"? וויפיעל מיידלעך זיינען עס, וואס פארדיענען 36 און 40 דאלאר די וואך אין די 6 מאנאטען, וואס זיי ארבייטען? איז עס ניט אמאל א גאנצער צעהנדליג אין דער גאנצער דרעס און וויסט־אינדוסטריע, וועלכע באשעפטיגט 35 טויזענד? אדער מיינט איהר צו זאגען, אז אלע מיידלעך אין דער וויסט־אינדוסטריע פארדינען דורכשניטליך דורכ'ן יאהר 18—20 דאלאר די וואך?

איהר ווייסט, אז איהר שרייבט ליי־גענס, און איהר מיינט מיט די בלאפס צו קענען פארדרעהען די מחות. איהר נארישע שטרוים־פויגלען. איהר נארט זיך אליין, ווען איהר מיינט, אז איהר קענט נארען די וועלט.

אין א דריטען זעהר קלוגען מאמר טשעפעט איהר זיך אן דאס, וואס סעקרעטערי ווילסאן האט געזאגט אין זיינער א רעדע ניט לאנג צוריק צו די פארזאמעלטע גאווערנארס און מעיארס אין וואשינגטאן, און איהר ערקלעהרט, אז איהר וועט קיינמאל ניט דערלאזען צו רוסישע מעטאדען אין אייערע שעפער, און דאס איהר וועט קיינמאל ניט נעהמען אין אנבאטראכט א פאדערונג, וואס שמעקט נאר מיט סאוויעטען־הערשאפט.

אי, באסעס, ווען איהר וואלט געהאט כאטש דעם מינדעסטען באגריף, וואס דאס איז סאוויעטען־הערשאפט, וואלט איהר זיך זיכער געשעמט מיט דאס, וואס אימיצער האט אנגעשמירט אין אייער נאמען.

מיר ווילען זיך, נאטירליך, ניט נעהמען די אומזיסטע מיה דאס אייך דא צו ערקלעהרען. אבער דאס, ווייניגסטענס, האט איהר דאך געמעגט פארשטעהן, אז ווען סעקרעטערי ווילסאן וואלט באטראכט דעם סטרייק פון די לײדיס ווייסט מאכער פאר א פארזוך איינצופיהרען ביי אייך די סאוויעטען־הערשאפט, וואלט ער דען אייך ניט געקומען צו הילף? וואלט ער דען ניט געכאפט דעם סאמע קאפ, דעם ארטש־סאוויעטשעק, ב. שלעזינגער, און איהם דעפארטירט, וואס וואלט אייך געווים גרויס הנאה פארשאפט? וואלטען דען די זיידמאנ'ס, די בראוו'ס איצט געווען אזוי פראנק און פריי אנצופיהרען דעם גרויסען קאמפף פון די סטרייקער, ווען אין זייערע פאדערונגען וואלט געווען דער ריח בלויז פון סאוויעטען־הערשאפט?

אט האט איהר געהערט א ווארט „סאוויעט", פלאפלט איהר נאך, ווי די פאפוגאיעס, און איהר מיינט נאך, אז מיט אזעלכע מעטאדען, וואס ווייזען ארויס אייער גאנצע איגנאראנץ, קענט איהר ברעכען דעם סטרייק, וועלכער ווערט געפיהרט מיט אזא פעסטקייט און מיט אזא קלארקייט פון ציעל?

אין א פערטען ארטיקעל, רחמנא לצלן, שילדערט איהר כלומרשט, ווי אן אינדעפענדענט מאנופעקטשורער פרעגט זיך נאך ביי א בעאמטען פון אייער אסס'ן, אויב ער „דער אינדעפענדענט" וועט קענען קריגען דיזעלבע פריווילעגיעס, וועלכע אייער אסס'ן וועט (!?) געווינען. און דער בעאמטער פון דער אסס'ן פסק'ענט, אז ניין.

דאס גאנצע איז אזוי אידיאטיש אנגעשריבען, אז מיר האלטען עס פאר אונטער אונזער ווירדע זיך אפצושטעלען אויף דעם. קיין אינדעפענדענט האט ביי אייך ניט געפרעגט, און קיין בעאמטער האט איהם ניט געענטפערט. אבער איין זאך אין דעם ארטיקעל איז דא, וועלכער איז ווירקליך אמת, און דאס איז אט וואס: „די יוניאן האט נאך קיינמאל ניט צוריקגעגעבען דאס, וואס זי האט איינמאל געוואונען".

דאס איז ריכטיג ווי גאלד.

קיינמאל, קיינמאל האט עס נאך ניט פאסירט, אז די יוניאן זאל האבען עפעס געוואונען, און זאל עס נאכדעם ארויסלאזען לייכטזיניג פון האנד. זי, די יוניאן, האלט פעסט יעדען פארטיקל, וואס זי האט געוואונען פאר דעם ארבייטער, און מיר וועלען פון אונזער זייט נאך צולייגען, אז קיינמאל, קיינמאל וועט זי ניט צוריקגעבען דאס, וואס זי האט איינמאל ערקעמפפט.

געדענקט עס, באסעס! דאס רעכט פון דעם ארבייטער ניט געסעקט צו ווערן פון דעם באס אהן א גערעכטע אורזאכע האט די יוניאן ערקעמפפט נאך לאנגע, שווערע קעמפפע מיט יאהרען צוריק, און קיינמאל, קיינמאל וועט זי אט דאס געוואונענע רעכט ניט אויפגעבען. איהר אליין האט מיט אייערע אייגענע ווערטער באשטעטיגט די ענטשלאסענהייט פון דער יוניאן און אייער אונפארמיידליכע מפלה.

אומזיסט אייער בארימען זיך אין דעם נעכסטען שוואץ, אז יעדער מיטגליד פון אייער אסס'ן פארשטעהט, אז נאכצוגעבען די יוניאן איהר פאדערונג אין דעם פונקט פון דיסטשארדזש, מיינט פשוט איבערגעבען די גאנצע ביזנעס אייערע אין די הענד פון די יוניאן־פיהרער. אומזיסט אייער באריהמען זיך, אז די ביזנעסלייט איבער'ן גאנצען לאנד זיינען מיט אייך, אז פיעלע מאנופעקטשורער אין אנדערע טריידס זיינען מיט אייך. ווען דאס וואלט אפילו אמת געווען, וואלט עס אייך גאנץ ווייניג געהאלפען געגען די ענטשלאסענהייט פון די ארבייטער, אבער דאס איז ניט אמת. די גאנצע עפענטליכע מיינונג איז געגען אייך. איהר האט ארויסגערופען מיט אייערע בלאפס די אלגעמיינע פאראכטונג. אדרבה, רופט אן איין מענשען מיט אן עהרליכען נאמען, וואס האלט מיט אייך! רופט אן איין צייטונג, וואס איז מיט אייך! אלע און אלעס איז געגען אייך. און אייער געשריי, אז אימיצער איז מיט אייך, איז א ליגען, וואס שטעכט אויס די אויגען, ווי אלע אנדערע ליגענס, מיט וועלכע איהר האט זיך באנוצט, אום צו שעדיגען דעם סטרייק.

מיר האבען נאר איין זכות פאר אייך: איהר קענט זיך ניט פארגינען צו זאגען כאטש איין אמת'ען ווארט, ווייל דאס וואלט געמיינט זיך אליין פארדאמען, ליגענס זיינען אייער איינציגע וואפע, אבער די ליגענס וועלען און קענען ניט אפוועגדען פון אייך אייער אונפארמיידליכע מפלה.

א ווארנונג צום עולם

עס איז אונז געקומען צו דער האנד א געדרוקטער צעטעלע אויף ענגליש, מיט רויטע בוכשטאבען, פון פאלגענדען אינהאלט און פאלגענדען פארם:

> **Soviet at work in U. S. A.**
> **10 C.**
> **Issued by the Waist and Dress Workers Council of New York City.**

סאוויעט ביי דער ארבייט אין
יונייטעד סטייטס, אמעריקא.
10 סענט.
ארויסגעגעבען פון דעם ווייסט
און דרעס וואורקערס קאונסיל
פון ניו יארק סיטי.

מיר ווייסען ניט פון וואנען דער צעטעל שטאמט. צו דאס איז א טריק פון די באסעס, אום צו דיסקרעדעטירען די יוניאן און דעם סטרייק, צו עס האבען זיך צוזאמענגענומען עטליכע אוואנטיוריסטלאך, וועלכע ווילען מאכען פשוט א פאר גראשען פאר זיך אויף דעם חשבון פון סטרייק, וואס די טויזענדער ארבייטער פיהרען אן געגען די באסעס אסס'ן.

פון וועמען אבער דער צעטעל זאל ניט שטאמען, ווארנען מיר דעם עולם, אז עס איז א פשוט'ער שווינדעל. די יוניאן צאהלט יעדען סטרייקער און יעדער סטרייקערין זייערע וועכענטליכע בענעפיטס, וואס קומט זיי מיט רעכט, און די יוניאן איז קיינמאל ניט געווען און וועט ניט, האפענטליך, קיינמאל זיין אין א געלד פארלעגענהייט, אז זי זאל מוזען שנארען 10 סענטיגע.

די באסעס ווייסען גאנץ גוט, און טאמער ניט, מעגען זיי עס ווייסען, אז ביז איצט האט די יוניאן זיך ניט גענויטיגט אין קיין הילף, אום נאכצוקומען איהרע פליכטען צו די בראווע קעמפפער. זאל זי אמאל זיין אין אזא לאגע, וועט זי עפענטליך זיך ווענדען צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג נאך הילף, וועלכע, מיר זיינען זיכער, וועט געגעבען ווערן אהן די מינדעסטע פארשפעטיגונג מיט דער פולער האנד און פון פולסטען הארצען.

די 10 סענטיגע, וואס ווערען געשנארט, אויב דאס האט געהאט נאר דעם מינדסטען ערפאלג, געהן ווארשיינליך אין די קעשענעס פון איינצעלנע, וועלכע זיינען נאר קלייניקע פאראזיטען אויף דער ארבייטער באוועגונג, אויב ניט עטוואס ערגערעס.

העכסט־ווארשיינליך אבער איז עס א נארישער שפיצעל פון די באסעס, וואס האט פון איין זייט, אלס זיין ציעל צו מאכען מאנכע נאאיווע מענשען גלויבען, אז דער סטרייק געגען די לײדיס ווייסט מאנופעקטשורער איז נאר א מאסקע פאר די איינפיהרונג פון א סאוויעטען־רעגירונג אין די פאראייניגטע שטאאטען, און צווייטענס, צו מאכען אנדערע גלויבען, אז די יוניאן האלט שוין מיט איהרע געלד־מיטלען אזוי שלעכט, אז זי האט ניט קיין אנדער ברירה, ווי צו בעטלען 10 סענטיגע פון יעדען פארבייגעהער.

זאל דא נאך צוגעלייגט ווערן, אז אויב דאס איז ניט קיין שפיצעל פון די באסעס, איז עס זעהר כאראקטעריסטיש פאר אונזערע „סאוויעטשיקעס" צו וועלען העלפען דער ארבייט פון סאוויעט אין די פאראייניגטע שטאאטען דורך אויסגעבעטעליטע 10 סענטיגע. עס איז קלאר, וואס פאר א גרויסע השגה עס מוזען האבען אט די סאוויעטשיקעס וועגען דער ארבייט פון סאוויעט.

פין מארקיעוויטש, וועלכע האט געלאזט וויסען, אז זי האט ברעה צו קומען פארנעהמען איהר סיט אין די האוז אוו קאָמאָנס. אבער די ענגלישע אימפעריאליסטען זיך גענומען זי אויסצושליסען אויף'ן גרונד פון דעם וואס זי איז פארהייראט צו אן אויסלענדער און האט אויף אזא אופן פארלארען איהרע רעכטע אויף סיטיזענשיפ.

———

פראנקרייך נאך אלץ הינטערשטעליג.

זאגאר פוילען, אונטער דעם יונקער־פיאניסט פאדערעווסקי, האט אינקארפארירט פרויען־שטימרעכט אין איהר נייער קאנסטיטוציע, און פראנקרייך, די „באפרייערין פון דער וועלט“, צייכענט זיך אויס דערמיט וואס זי איז איצט די איינציגע וויכטיגע אייראפעאישע נאציאן, וועלכע ענטזאגט זיך נאך אלץ צו עמאנציפירען איהרע פרויען פאליטיש, טראץ זייערע שרעקליכע ליידען און זייער אויסדויער אין פארלויף פון קריעג; און נאכערנער, טראץ דעם וואס זי האט געגעבען שטימרעכט צו איהרע אפריקאנישע נעגער־אונטערטאנען, אלס אנערקענונג פאר זייערע לייסטונגען אין דער מלחמה.

דער גייסט פון די פראנצויזישע ארבייטער פרויען אין דער איצטיגער לאגע איז זעהר גוט אויסגעדריקט געווארען פון מאדאם העלען בריאן, וועלכע האט, אויף א גרויסע ארבייטער דעמאנסטראציע אין פאריז, עטליכע וואכען נאכ'ן וואפען־שטילשטאנד, זיך געווענדעט צו זשוהא'ן, דעם פיהרער פון דער פראנצויזישער ארבייטער־באוועגונג, מיט פאלגענדע ווערטער:

„אין דעם פראגראם, וועלכען איהר האט נאר וואס פארגעלעזען, האט איהר געדענקט וועגען אלעס, נאר ניט וועגען די רעכטע פון דער פרוי. וועהרענד אין רוסלאנד און דייטשלאנד האט די רעוואלוציאן פראקלאמירט די גלייכהייט פון די געשלעכטער, באנוגענט איהר זיך דערמיט וואס איהר פאדערט די רעכטע פון ארבייטער, ניט זאגענדיג קיין זאך וועגען די רעכטע פון ארבייטער־פרויען. איהר רעדט מיט באגייסטערונג וועגען פרייהייט פאר נאציאנען און פעלקער, אבער „פעלקער“ מיינט מענער און פרויען, קאמעראדען. זייט ביי זייט מיט דעם רעכט פונ'ם מאן מוז אויך זיין דאס רעכט פון דער פרוי.“

———

די פרוי מעג זיין צופריעדען מיט איהרע לעצטע ערגאבערונגען, ניט בלויז אלס א פאליטישע מאכט, נאר אלס אנערקענונג פון איהר סאציאלער באדייטונג. אויב זי איז סאטיריש געשטימט, מעג זי קוקען מיט א שמייכעל אויף דיעזער פיבערישער אנשטרענגונג וואס עס מאכען אלע רעגירונגען צו באצאהלען דער פרוי פאר דער פארגאנגענהייט, געבענדיג איהר פאליטישע מאכט אין לעדזשיסלייטשורס, אין צייט ווען אי פאליטישע מאכט, אי געזעצגעבענדע קערפערשאפטען געהען כמעט ארויס פון דער מאדע. בלויז די ארבייטער־פרוי קען זיין אמת צופריעדען, ווייל זי קען זיך פיהלען זיכער מיט איהר מאכט, סיי אין א פאליטישער רעגירונג פון דעם אלטען סטייל און סיי אין אן אינדוסטריעלער דעמאקראטיע פון דער נייער ארדנונג.

עדגאר ליע מאסטערס און זיין פאעזיע

(די נייע אמעריקאנער פאעזיע)

פון א. גלאנץ

רעדענדיג וועגען מיס איימי לאוועל, האב איך אנגעוויזען, אז די נייע אמעריקאנער דיכטער זיינען געוועהנליך ניט די „הימעל קוקערס“, וועלכע פאעטען דארפען זיין, לויט דער פאפולערער פארשטעלונג. דער פאעט, וועגען וועלכען איך וועל דאס מאל שרייבען, איז אויך ניט קיין הימעל־קוקער. פארקעהרט. ער איז זעהר און זעהר א לעבעדיגער מענש.

עדגאר ליע מאסטערס איז אן אדוואָקאט אין שיקאגא און ער פארנעהמט זיך מיט זיין פראקטיק. ער האט אויך גענומען און נעהמט געוועהנליך אן אנטייל אין דער פאליטיק פונ'ם לאנד. אין זיינע ליעדער קען מען געפינען זעהר אפט באמערקונגען וועגען מר. ווילסאן אין דער צייט, ווען ער איז געלאפען אויפ'ן דעמאקראטישען טיקעט אלס פרעזידענט קאנדידאט. אויך ווערען דערמאנט ביי איהם בריען, טעפט, רוזוועלט און אנדערע.

ווען די באוועגונג פאר פראהיבישאן האט געזיעגט און דער פארבאט פון טרינקען אלקאהאלישע געטראנקען איז געווארען אן אמענדמענט צו דער אמעריקאנער קאנסטיטוציע, איז מאסטערס „ארויס פון די כלים“. ער איז געווען זעהר אין כעס און אין א בריעף צו דעם ליבעראלען זשורנאל „ניו רעפאבליק“ האט ער ערקלעהרט, אז ער איז „פאר דער אפשאפונג פון דער גאנצער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאאטען“, ווייל זי שטערט די פרייהייט פון דעם איינצעלנעם.

דאס איז מאסטערס דער מענש.

א שטארקער אינדיווידואליסט, אן אנהענגער פון דער אבסאלוטער פרייהייט פון דער מענשליכער פערזענליכקייט, און צו דערזעלבער צייט אן אמת'ער, איניגער דעמאקראט. אין אט דער הינזיכט איז ער אפשר אם עהנליכסטען צו וואלט וויטמאנ'ען, וועלכער איז אויך געווען גלייכצייטיג אן אויסגעשפראכענער אינדיווידואליסט און דעמאקראט.

אלס אינדיווידואליסט איז מאסטערס דער גייסטיגער אריסטאקראט, וועלכען עס שטעלט מיט זיך פאר דער בעסטער און פיינסטער אויסדרוק פון דעם עכטען אמעריקאניזם. ווי פאר אלע אמעריקאנער פון דעם זעלבען גייסטיגען שניט איז אייבראהעם לינקאלן זיין אידעאל אין דעם עפענטליכען לעבען — דער פשוט'ער מענש, וועלכער האט פון די סאמע טיעפענישען פון דער פאלקס־מאסע זיך אויפגעהויבען צו דעם העכסטען שטאפעל און געווארען א פיהרער פון מענשען.

זעלבסט־אויסדרוק, זינגען וועגען זיך, געבען אן אויסערליכע פארם די אינערליכע איבערלעבונגען, געפיהלען און געדאנקען — דאס איז מאסטער'ס צוועק אין זיין פאעזיע.

אלס דעמאקראט, ווידער, ווייס מאסטערס, אז צווישען איהם און יעדען איינעם מענש איז ניטא קיין שום וועלכער עס איז וויכטיגער גרינדליכער אונטערשיעד. די פעהלערען און זינד פון אלע מענשען זיינען אויך אין איהם. מאנכע פעהלערען און זינד קומען ביי איהם ניט אזוי צום אויסדרוק, ווי ביי אנדערע, אבער ער פארמאגט זיי, זייערע ווארצלען זיינען אין זיין זעל. דעריבער פארדאמט ער ניט די זינדיגע און פעהלערהאפטע. ער זוכט בלויז זיי צו שילדערען און זיי פארשטעהן.

אויב די זינד און פעהלערען פון אנדערע זיינען דא אין איהם, זיינען אויך דאס גוטס און די טוגענד, וועלכע ער פארמאגט און מיט וועלכע ער איז צומאל שטאלץ, פאראן ביי אנדערע.

אלע מענשען זיינען גלייך. אלע מענשען גלייך גוט און גלייך שלעכט. איבערהויפט — גלייך אומגליקליך. דעריבער דארף מען זיי פארשטעהן און פארשטעהענדיג — פארגעבען.

אט די אנשויאונגען זיינע האט מאסטערס אויסגעדריקט אין דעם ווערק, אויף וועלכען זיין רעפוטאציע איז געבויט, אין דער „ספון ריווער אנטאלאדזשי“.

די „ספון ריווער אנטאלאדזשי“ — דאס איז א גאלעריע מ ע נ ש ע ן, וועלכע זיינען שוין טויט, אבער וועלכע לעבען אין דעם זכרון פון דעם פאעט, און אין דעם לעבען פון די, וואס זיינען געקומען נאך זיי און פארנומען זייערע פלעצער.

מאסטערס גיט אין זיין הויפט־ווערק די עפיטאפען, די מצבה־אויפשריפטען פון די פערזאנען, וועלכע האבען אמאל געלעבט אין דעם שטעדטעל „ספון ריווער“. און איהר האט פאר זיך ווירקליך דאס לעבען פון א גאנצער שטאדט, דאס לעבען פון דעם מענשליכען קאלעקטיוו צוזאמען מיט דעם לעבען פון יעדען יחיד.

שכורים, „פייטערס“, דאקטוירים, פריסטערס, פראסטיטוטקעס, גוטע באלעבאסטעס, שעהנע און מיאוס'ע פרויען, שטארקע און שוואכע מענער — דאס זיינען די פיגורען אין דער „ספון ריווער אנטאלאדזשי“. זייער לעבען, אזוי קליין אויבען־אויף, און אזוי גרויס פאר יעדען איינעם באזונדער; און ווידער אזוי קליין פון דעם שטאנדפונקט פון דער אלגעמיינער וועלט און דעם אלגעמיינעם לעבען; און ווידער אזוי גרויס פון דעם שטאנדפונקט פון דעם איינצעלנעם מענש, ביי וועלכען זיין לעבען איז דאך דער צענטער פון דער וועלט, ווייל זיין לעבען איז דאך אויך זיין ו ו ע ל ט — דאס אלץ שילדערט אונז מאסטערס. דעריבער פיהלט איהר דעם פאעט'ס סימפאטיע צו דעם מענש, דאס פארשטעהן פון דער מענשליכער טראגעדיע, און איהר קומט ווירקליך אין דער נאהענטסטער, אינטימסטער באריהרונג מיט דעם סאמע עצם, מיט דעם פונדאמענט פון דעם, וואס הייסט לעבען.

אינטערעסאנט איז ווי מאסטערס איז געקומען אויפ'ן איינפאל צו שרייבען אט די גרויסע פאעמע צוזאמענגעשטעלט פון איינצעלנע פארטרעטען. ער האט אין אנפאנג געהאט ברעה צו שרייבען א נאָוועלע אדער א ראמאן וועגען דעם לעבען פון זיין שטעדטעל און דארט אויסדריקען זיין לעבענס־אנשויאונג. מיט דעם צוועק האט ער זיך אנגעצייכענט פארשיעדענע טיפען, פיגורען, וועלכע זאלען איהם דיענען אלס מאטעריאל פאר א גרעסערער ארבייט.

אנשרייבענדיג אבער איינינע כאראקטעריסטיקען, איז איהם איינגעפאלען, אז געבענדיג די גייסטיגע פארטרעטען פון אלע זיינע העלדען וועט ער שוין ממילא געבען דאס ג א נ צ ע לעבען פון דער שטאדט. צו וואס דארף ער גאר איינגאנצען אויף א גלאטען און רונדען אופן פארבינדען די פארשיעדענע עלעמענטען און טיילען פון לעבען אין עפעס געשליפענעם און גאנצעם? איז דען דאס לעבען אזוי רונד און גלאטיג? איז דען דאס לעבען אליין ניט א ווענינ פאלירטע, נאר ניט איינהייטליכע און פינקטליך פארבונדענע קייט פון געשעהענישען און מענשליכע געפיהלען, שטרעבונגען און פארלאנגען?

מאסטערס האט דעריבער באשלאסען צו געבען בלויז די פארטרעטען און איבערצולאזען דעם לעזער גופא צו פארבינדען די פארטרעטען און די איינצעלנע לעבענס אין איין גאנצעס.

און מאסטערס איז געווען גערעכט. דער רעזולטאט איז זעהר א שטארקער. דער עפעקט פון דער „ספון ריווער אנטאלאדזשי“ ווי זי איז איצט, איז גרויס און טיעף.

דאס נאר וואס דערצעהלטע גיט אויך אנב א באגריף וועגען מאסטערס ארט שרייבען. ער שרייבט, ווי איימי לאוועל, מעהרסטענטיילס אין פרייע פערזען. אין אנדערע, רעגעלמעסיגע פערזען וואלטען זיינע ליעדער געווים געווען פארלארען, ניט געוואונען אין ווערט און אין שוואונג. ווי זיי זיינען, האבען זיי אין זיך דעם ריטם פון לעבען. שטארק, באווירקענדיג, איבערוועלטיגענדיג, ווי דאס אליין, וואס זיינע פערזען גיבען איבער.

פרואווט מאסטערס צו שרייבען אין דער געזעצמעסיגער פארם, מיט רעגעלמעסיגען ריטם און גראמען, קען מען ניט זאגען, אז זיינע ליעדער זיינען שלעכט; זיי זיינען אבער זיכער ניט אזוי שטארק, ניט אזוי באווירקענד, ווי זיינע פרייע פערזען.

מאסטערס קען גוט די שפראך און האט א זעהר שארף אויג פאר ריטם בכלל. אבער די ריטמישע און געגראמטע ליעדער זיינע זיינען העכסטענס שעהן און גוט, און ניט מעהר. אביסעל בעסער ווי מיטעלמעסיג און גאנץ ווענינ אריגינעל. אמאל בלויז, אין מאנכע ליעדער, ווי אין דעם ליעד „שמעון — פעטער“ (סיימיאן

ווייל דאס וואלט באוויזען דעם שונא, אז אין לאנד קומען פאר אומגליקען און, פאלגליך, אז דאס לאנד איז מיליטעריש אפגעשוואכט.

איהר האט ניט געטארט באשרייבען די שעקנע ווייבערשע „ביידינג סוטס“ אין קוני איילאנד, לאמיך אייך אנכאפען, ווייל איהר וואלט אויף אזא אופן געגעבען די אויסלענדישע מעכטע אויסקינפטע און, דערצו, זעהר פיקאנטע אויסקינפטע.

איהר האט ניט געטארט זאגען, אז חנה־יענטע האט געפיהרט איהר „בייבי“ אין א „קערעדזש“ איבער א פארק, ווייל איהר וואלט דערמיט ארויסגעגעבען טראנספארטאציאנס־סודות.

און איהר האט ניט געטארט רעדען און שרייבען וועגען טויזענד און איין אנדערע זאכען. און איהר האט ניט געטארט טאן טויזענד און איין אנדערע זאכען. און דעריבער וועט אייך שווער זיין זיך צוצופאסען צו דער נייער דעמאקראטישער ארדנונג.

אבער — ניט געזארגט: מע'ט זיך צוגעוועהנען.

און ניט נאר רעדען פריי און שרייבען פריי און האנדלען פריי וועט איהר זיך, מיט גאט'ס הילף, צוגעוועהנען, נאר אפילו עסען פריי. די וועלט האט זיך שוין דערפון אפגעוועהנט, אבער די געוועהנהייט וועט זיכער צוריקקומען, כאטש אביסעל שווערליך.

שווערליך... ווארום איהר געדענקט דאך נאך מסתמא, ווי מען האט געהונגערט אין דייטשלאנד און ווי מען האט קאנטראלירט דעם שפייז־געברויך איבער דער גאנצער וועלט.

מען האט ניט געקענט קאנטראלירען די שפייז־כעיקולאנטען, האט מען כאטש קאנטראלירט די שפייזען.

און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז יעדער קצב זאל באקומען א באפעהל אייך צו ווארגען מיט הולצע בייגער און די מילכהענדלער זאלען ניט טארען געבען מעהר ווי צוויי טראפען מילך אויף א קווארט וואסער.

און עס האט געהאלטען דערביי, אז איין שטיקעל „טשואינג־גאם“ זאל, אונטער פאליציי־אויפזיכט, איבערגעהן פון מויל צו מויל צווישען יעדע טויזענד מיידלעך און איין „לאלא פאפ“ זאלען מוזען לעקען גאנצע צוויי טוצען איסט־סיידער קינדער.

און עס האט געהאלטען דערביי, אז א ספעציעלע קאמיסיע זאל אונטערזוכען די אויסגעזויגענע בייגער און זעהן, אויב עס זיינען אין זיי ניט פארבליבען נאהרונגס־שטאפען. שטראף פאר אזא „ווייסט“: צוואנציג יאהר געפענגניס.

און עס האט וויטער געהאלטען דערביי, מען זאל מאכען א ספעציעלען צענזוס וועגען דעם, וויפיעל בירגער עס האבען לעכערדיגע צייהן, אין וועלכע מען לאזט פארברעכעריש פוילען שיריים פון פארשידענע שפייזען.

דערביי האט עס געהאלטען — דערביי און נאך מעהר.

עס איז — אויב איך האב קיין טעות ניט — געווען א פלאן אויסקצוזעצען א קאמיסיע אזא, וואס האט געזאלט האבען פאלגענדע אויפגאבען:

ערשטענס, קאנסערווירען דעם געשמאק פון די „סמארעדזש“ אייער, כדי מען זאל מיט'ן געשמאק אליין קענען יוצא זיין און פארשפארען די אייער.

צווייטענס, ארויסצוציהען פון די קוני־איילענדער וואורשטלעך דעם רוח־חיים (דעם לעבענס־גייסט, הייסט עס), כדי אויפס־נייז צו קענען אויפשטעלען די גע'פגר'טע קעץ און אויפס־נייז פון זיי מאכען וואורשטלאך.

און דריטענס, האט די דערמאנטע קאמיסיע געזאלט וויסענשאפטליך צונויפנעמען דעם כריוק פון דעם חזיר, דעם „מע“ פון דער קוה, דעם „בע“ פון דער שאף און זעהן אנטוויקלען די מענשען אזוי, אז פון די דאזיגע קלאנגען אליין זאלען זיי זאט ווערען.

אט דערביי האט עס ניט לאנג צוריק געהאלטען. און עס וועט נעהמען א חיבש שטיקעל צייט, איידער מיר וועלען זיך צוריק צוגעוועהנען צו עסען אין דער נייער דעמאקראטישער און זאטער וועלט.

אבער — ניט גע'דאגה'ט: מ'עט זיך צוגעוועהנען!

און אפשר — ווער ווייסט? — וועט מען זיך אין דער נייער, פרייער, פרידליבער, דעמאקראטישער וועלט זיך אויך צוגעוועהנען זיך צו קימערען וועגען דעם פשוט'ען קבצנ'ישען בירגער מעהר ווי וועגען די אינדוסטריע־קאפיטאנען.

בעת דער מלחמה האבען גוטע און קלוגע מענשען אונז רק געווארענט: היט די אינטערעסען פון אונזערע אינדוסטריען!

ווען איהר האט גע'טענה'ט, אז עס איז יושר'דיג ארויפצולעגען א שווערען שטייער אויף די גבירים, האט מען אייך געווארענט: היט די אינדוסטריע!

ווען איהר האט זיך געקלאגט, אז דער ברויט־טראסט פארהונגערט אייך, האט מען אייך געזאגט: שרייט ניט, איהר קענט נאך, חלילה, שעדלען אין־געפאהר די ברויט־אינדוסטריע!

און מען האט אייך געזאגט: כאפט ניט ביי דער האנט די יעניגע, וואס כאפען בייגעל פון די מולטערס, ווייל דערמיט וועט איהר רואינירען די אינדוסטריע פון בייגעל־כאַפעריי.

און מען האט אייך געראטען: בייסט מיט טאפעלטער זעלבסט־אויפאפפערונג די פטום'ס פון די סכות'דיגע אתרוגים, ווייל דערמיט וועט איהר מיט איין קלאפ אויפהאלטען צוויי אינדוסטריען: די פטום־אינדוסטריע און די אינדוסטריע פון פארזארגען בעזידעטניצעס מיט קינדער.

און מען האט אונז־געהייסען ערב יום כפור אהן טענות זיך לעגען אונטער די מלקות, כדי צו שטיצען די מלקות־אינדוסטריע.

און נאך און נאך און נאך.

אלץ פאר דער אינדוסטריע, אלץ צוליעב דער אינדוסטריע און אלץ אין נאמען פון דער אינדוסטריע.

און אזוי האבען מיר זיך צוגעוועהנט צו פארבויגען זיך אליין צוליעב גאט ווייס וואס פאר אינדוסטריען. און איצט, אין דער נייער, פרייער, דעמאקראטישער, מענשען־פריינדליכער און קבצנים־פריינדליכער וועלט וועט עס אונז לאנג נעהמען, איידער מיר וועלען זיך צוגעוועהנען צו הערען די אינדוסטריען ווי דעם פאר־א־יאהריגען שנעע.

אבער געדענקט מיין ווארט: מענשען וועלען זיך צוגעוועהנען.

זיי וועלען זיך צוגעוועהנען לעבען פריי, ריידען פריי, שרייבען פריי, אטעמען פריי, עסען פריי און...

א־יא, מיר'ן זיך צוגעוועהנען?

רעוואלוציאן און פרויען־שטימרעכט

פון דזשוליעט סטוארט פאינט'ן

True translation filed with the Postmaster at New York City on Mar. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

זינט די טעג פון סיינט סימאן איז די סאציאליסטישע באוועגונג געווען די הויפט קעמפפערין פאר די רעכטע פון פרויען. אויגוסט בעבעל, דער גרויסער דייטשער סאציאליסטישער פיהרער, האט געוויס רעכט געהאט, ווען ער האט פראפעצייהט, אז דורך דעם סאציאליזם, און בלויז דורכ'ן סאציאליזם, וועט די עמאנציפאציע פון די פרויען דערגרייכט ווערען. די אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען פון די לעצטע עטליכע מאנאטען פון רעוואלוציאן האבען אויף א מערקווירדיגען אופן באוויזען די ווארהייט פון יענער גרויסער פראזע, מיט וועלכער בעבעל האט געענדיגט זיין בוך „וועגען דער פרוי, איהר פארגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט": „די וועלט איז אונזערע, ניט קוקענדיג אויף קיין שטערונג, — די וועלט איז אונזערע פאר דעם ארבייטער און פאר דער פרוי!" אלע עהרע קומט דער רעוואלוציאנערער ארבייטער־באוועגונג פאר די זיגע וואס די באוועגונג פאר פרויען־שטימרעכט אין אייראפא האט אין דער לעצטער צייט געהאט. זאגאר „זשוס סופראדזשי", דער ארגאן פון די קאנסערוואטיווע פרויען־סאפרעדזשיסטען אין אלע לענדער, איז געצוואונגען צוצוגעבען, אמת מיט א זויערער מינע, אז די זיגע אין יעדען פאל „זיינען געווען א דאנק דעם סאציאליסטישען און ארבייטער־עלעמענט, וועמעס אונרוהיגקייט טרייבט די קאנסערוואטיווע רעגירונגען צו רעפארמען, און וועלכע שליסען איין אין זייערע פראגראמען די פאדערונג פאר פרויען־שטימרעכט."

בלויז א ווארט דא און דארט, וואס גנב'עט זיך דורך דורך דער צענזור, גיט אונז א שטיקעל באגריף פון דער איבערקעהרעניש וואס קומט פאר אין אייראפא אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע מאנאטען. אין אלע לענדער זיינען די מאסען ארויסגעקומען מיט זייער ארויספאדערונג פאר דער וועלט, און איבעראל האט דיעזע ארויספאדערונג איינגעשלאסען אין זיך א פארלאנג פאר דער עמאנציפאציע פון דער פרוי. רוסלאנד, דייטשלאנד, פוילען, עסטרייך, איטאליען, פראנקרייך, בעלגיען, האלאנד, די שווייץ, שוועדען, כמעט אלע לענדער פון אייראפא האבען אין דער ווירקליכקייט דורכגעמאכט אזעלכע ענדערונגען אין דער לאגע פון דער פרוי, וואס אין נארמאלע צייטען וואלט אפשר געדארפט נעהמען א יאהרהונדערט זיי דורכצופיהרען. דער ערשטער גרויסער אויפטו פון דער רעוואלוציע איז געווען די באפרייאונג פון די פרויען פון רוסלאנד. די פרויען פון אנדערע לענדער צוברעכען זייערע קייטען אין די רעוואלוציאנערע צושטענדע, וועלכע זיינען געקומען נאכ'ן וואפענשטילשטאנד.

די פלוצלונגע עמאנציפאציע פון די דייטשע פרויען.

די פרויען פון דייטשלאנד האבען זיך אויפגעכאפט אויף מארגען נאך דער רעוואלוציאן און אויסגעפונען, אז זיי האבען גלייכע רעכטע מיט די מענער. זייער זיעג איז געווען אזוי פלוצלונג און אזוי אונערווארטעט, אז זיי האבען כמעט ניט געוואוסט וואס צו טאן דערמיט, לויט דעם ווי זיי אליין ערקלעהרען. „אין שטורם פון דער רעוואלוציאן", זאגט איינע פון זיי, „האבען מיר מיט איין קלאפ געקריגען פולע בירגער־רעכטע — ניט באשרענקט אין וואס פאר עס איז ריכטונג, אלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע שטימרעכט, אין לאנד, שטאאט און שטאדט, פאר אלע מענער און פרויען איבער צוואנציג יאהר אלט. ס'איז אבער ניט געווען די פרייד, וואס וואלט אין נארמאלע צייטען באגריסט דיעזע געוואלדיג וויכטיגע פאסירונג. די ערפילונג פון אונזערע וואַרימסטע ווינשע איז געקומען אין דער פינסטערסטער שטונדע, אונטער דעם דרוק פון דעם שטרענגסטען שיקזאל וואס האט ווען געטראפען א גרויסען שטאאט. נאך 51 מאנאטען פון אונבאשרייבליכען טרויער און נויט, פון זינלאזען מארד און צושטערונג; נאך די שווערע באדינגונגען פונ'ם וואפענשטילשטאנד, פנים אל פנים מיט דער מעגליכקייט, בעסער געזאגט, מיט דער וואהרשיינליכקייט פון דעם ביטערסטען, כמעט אונבאגרייפליכען עלענד, — טרעפען מיר זיך יעדען טאג מיט דער אנגסטליכער פראגע: וואס וועט, וואס דארף נאך קומען? און איצט, פלוצלונג, מוזען מיר ניט בלויז צוגרייטען די גרויסע מאסע פון פרויען אריבערצוטראגען מיט געדולד די שרעקליכע געגענווארט און צוקונפט, נאר מיר מוזען אויך אויפוועקען אין זיי גאנץ נייע כחות און פעהיגקייטען, אזוי אז זיי זאלען אויף א פארנינפטיגען אופן באנוצען די מאכט וואס איז אזוי פלוצלונג אריינגעפאלען צו זיי אין די הענד."

פון די דייטשע ארבייטער־פרויען קומט א מעסעדזש דורך די קאלומס פון דער „גלייכהייט", די צייטונג פון דער ארבייטס־פרוי, רעדאקטירט פון קלארא צעטקין:

„די קייטען פון יאהרהונדערטע האבען נעפלאצט איבער נאכט. ביז נעכטען האבען די מאכט־האלטער פון א פארגאנגענער צייט העזה'דיג און בלינד פארשטעלט דעם וועג פאר דער געבורט פון א נייער צייט. היינט ליגען זיי איבערוועלטיגט, אויסגעווארצעלט, צובראכען, אין אונמאכט, און זיי וועלען אוועקגעקעהרט און ארויסגעווארפען ווערען אויף דעם מיסט־הויפען פון דער געשיכטע. ביז נעכטען זיינען די דייטשע פרויען געווען אן אונטערדריקטע ראסע, וועלכע האט געקענט קוים מיט צרות און שוועריגקייטען ארויסרייסען קליינע קאנצעסיעס זאגאר פון דער ערוואכענדער דעמאקראטיע. היינט זיינען די דייטשע פרויען די פרייסטע אין דער וועלט. זיי האבען פולע גלייכע רעכטע מיט די מענער.

„וועמען האבען מיר צו פארדאנקען דיעזע פרייהייט און גלייכהייט? דעם גרויסען שטורם פון רעוואלוציאן, וואס האט אויסגעבראכען דעם 9טען נאוועמבער מיט געוואלטיגער מאכט איבער דייטשלאנד. ער האט א לאנגע צייט געדראהט צו קומען, וואלקענס האבען זיך פארצויגען איבער'ן הימעל. אין די דייטשע לענדער איז געווארען אלץ פינסטערער און אלץ שטיקענדער. עס האבען ניט געפעהלט קיין ווארנונגען, אבער די מעכטיגע זיינען געווען בלינד. נאר אויף אזא אופן האט די רעוואלוציאן געקענט דערגרייכען איהר זיעגרייכען פונקט און איבערגעבען די מאכט אין די הענד פון די, וועמעס ארבייט האט זיי געגעבען דאס ערשטע רעכט — די סאלדאטען און ארבייטער. אבער אין דעם מעכטיגען אויפשטאנד האט קיינער ניט פארגעסען די דריטע פארטיי, די פרוי! דייטשע פרויען, פרעהט זיך! איהר האט א גרונד דערצו! אין דער צוקונפט זייט איהר די פרייסטע פון די פרייע. אבער, דייטשע פרויען, געדענקט! מיליאנען מענער האבען געמוזט פאלען אין דעם מורא'דיגען ברודער־קאמפף, איידער דער וועג איז געווען פריי פאר אייך. צייגט זיך ווירדיג און דאנקבאר פאר זייער אויפאפפערונג. פארגעסט ניט, אז דעמאקראטיע און סאציאליזם האבען אייך געגעבען פרייהייט און גלייכהייט."

פרויען־שטימרעכט די פראגע פון טאג אין האלאנד

אין האלאנד זיינען אלע פארטייען פלוצלונג באקעהרט געווארען צו פרויען־שטימרעכט. א צייט לאנג האט מען געדענקט, אז די פראגע וועט ניט פארגעבראכט ווערען פאר'ן פארלאמענט פאר וועניגסטענס נאך א יאהר, און אז דאן ערשט וועט זי באגעגנען, ווי געוועהנליך, די אפאזיציע פון די קאנסערוואטיווע פארטייען. איצט איז זי געווארען א פראגע פון טאג און וועט וואהרשיינליך גלייך ארויפגעבראכט ווערען אויף דער טאגעס־ארדנונג פאר אן ענטשיידונג, וועהרענד די קאנסערוואטיווע האבען געלאזט וויסען, אז זיי וועלען זי אונטערשטיצען.

וואס איז די אורזאכע פון דיעזער אויסערגעוועהנליכער ענדערונג? די רעוואלוציאנערע ארבייטער־באוועגונג, וועלכע ווערט פון טאג צו טאג אלץ מעכטיגער און דראהענדער, האט איבערגעשראקען די בורזשואזיע און זי איז גרייט אויפצובריינגען דאס שטימרעכט, אזוי לאנג ווי עס זיינען נאך פאראן אזעלכע פעסטונגען פון דער אלטער ארדנונג, ווי וואהלשטימען און פארלאמענטען, אין וועלכע מען קען זיך אין לעצטען פאל ראטעווען פון די רעוואלוציאנערע ארבייטער.

אין דער שווייץ

אין דער שווייץ האט די פראגע וועגען פרויען־שטימרעכט, אין דער צייט ווען דער וואפענשטילשטאנד איז אונטערגעשריבען געווארען, אויסגעזעהן צו זיין טויט. פלוצלונג האט זי אנגעהויבען צייגען סמנים פון לעבען און דאן, אין א שעהנעם טאג, איז זי ארויסגעשפרונגען פאראויס אויף דער פאליטישער ארענא, אלס א פראגע פון באלדיגער וויכטיגקייט. וואס איז געווען די אורזאכע? דער רעוואלוציאנערער גענעראל־סטרייק, וועלכער האט אויסגעבראכען דעם זעלבען טאג וואס דער וואפענשטילשטאנד איז אונטערגעשריבען געווארען. ווען דער צענטראל־קאמיטעט פון דעם גענעראל־סטרייק האט ארויסגעשטעלט זיינע פאדערונגען, איז די צווייטע אויף דער ליסטע געווען די פאליטישע עמאנציפאציע פון דער פרוי. „נאטירליך", האט באמערקט א בורזשואזע פרוי, „די לאגע איז געווען זעהר אונבאקוועם פאר אונז". געוויס איז זי געווען אונבאקוועם. מיר פיהלען א געוויסע סימפאטיע מיט די ארימע פרויען־סאפרעדזשיסטקעס. זיי זיינען געווען פארנומען, נוירסענדיג זייער קראנקע בייבי — פרויען־שטימרעכט. מיט אמאל האבען זיי אויסגעפונען, אז דאס קינד וואקסט אויס, הויבט זיך אויף פון וויגעלע און ווערט א פרוי, פארנעהמענדיג איהר פלאץ אויף דער זייט פון די רעוואלוציאנערע ארבייטער. דאך האבען זיי עס געהאלטען פאר זייער פליכט, ווי זיי האבען ערקלעהרט, צו „רעמאנסטרירען זייער עקזיסטענץ". אויף א קאנגרעס פון זייער פאראיין אין בערן האבען זיי אונטערשטיצט דאס פראגראם פון די ראדיקאלען פאר א פאלשטענדיגער רעוויזיע פון דער קאנסטיטוציע, איינשליסענדיג פרויען - שטימרעכט. פארשלעגע פאר פרויען־שטימרעכט און דאס צולאזען פון פרויען צו אלע עפענטליכע עמטער זיינען אריינגעטראגען געווארען אין דעפּוטירטען־קאמער אי פון דער סאציאליסטישער, אי פון דער ליבעראלער פארטיי, און עס זיינען דא זעהר גוטע אויסזיכטען, אז די פרויען אין דער שווייץ זאלען אין דער נאהענטער צוקונפט קריגען פעדעראלעס שטימרעכט.

בעלגיען קומט אויך אריין אין די רייהען.

אין בעלגיען האט די ארבייטס־פארטיי מקבל פנים געווען דעם קעניג, ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין דער הויפט־שטאדט, בריסעל, מיט פלאקארדען אין אלע טיילען פון דער שטאדט, פאדערענדיג אלגעמיינע און גלייכע שטימרעכט. ווארים אין דיעזער כלומר'שטער פעסטונג פון דעמאקראטיע הערשט נאך דאס שלעכטע סיסטעם פון דעם פלוראל־וואוט פאר איינגעטומס־באזיצער. די בעלגישע פרויען האבען זיי נאכגעפאלגט מיט א פאדערונג פאר עמאנציפאציאן, און זיי האבען געשיקט א מאניפעסט צו דער ארבייטער־פארטיי, פארלאנגענדיג אז זי זאל אריינגעהמען דעם פונקט פון פרויען־שטימרעכט אין איהרע פאדערונגען, ניט קוקענדיג דערויף, צו אזא גלייכבארעכטיגונג פון פרויען וועט, אין דער מיינונג פון די ארבייטער, זיין צו נוצטען פון דער רעאקציאנערער קאטוילישער פארטיי, אדער ניט.

פרייער וועג פאר פרויען־שטימרעכט אין שוועדען

רעוואלוציאנערע דעמאנסטראציעס אין שוועדען האבען געפיהרט צו דער אפשאפונג פון דעם פלוראל וואוט און צו דער איינפיהרונג פונ'ם אלגעמיינעם, גלייכען, שטאדטישען וואהלרעכט פאר מענער און פרויען. מיט דער שטירצונג פונ'ם פלוראל־וואוט סיסטעם פארשווינדעט די מאכט פון די קאנסערוואטיווע אין דער רעאקציאנערער צווייטער קאמער, צו שטערען אלע פראגרעסיווע געזעץ־פארשלעגע, צווישען זיי אויך אלגעמיינע פרויען־שטימרעכט.

א „סין־פעינער" פרוי אין ענגלישען פארלאמענט

די לעצטע עלעקשאנס אין ענגלאנד, וועלכע זיינען געווען די ערשטע, אין וועלכע פרויען האבען געוואוט, האבען זיך געענדיגט דערמיט וואס בלויז איין פרוי איז ערוועהלט געווארען צום פארלאמענט, ניט קוקענדיג דארויף וואס איבער צוואנציג זיינען געווען קאנדידאטען פאר פארשיעדענע דיסטריקטען. קאמיש איז דאס וואס די איינציגע פרוי אין פארלאמענט איז אן איירישע, א „סין פעינער", גרע־

מען וועט זיך צוגעוואוינען

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Mar. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

עס איז ביי מיר גאר קיין פראגע ניט: מיר האבען געקעמפפט פאר דעמאקראטיע און מיר האבען זי אויסגעקעמפפט — אויסגעקעמפפט אין דייטשלאנד, אויסגעקעמפפט אין עסטרייך, אויסגעקעמפפט אומעטום. און מאמער — זאגט איהר — ליעגט נאך רוסלאנד אונטער'ן שווערען קאפעל פון דער באלשעוויסטישער זעלבסטהערשאפט, איז דאך ניט ווייט די צייט, ווען אויך רוסלאנד וועט האבען דעמאקראטיע.

און עס איז ביי מיר ווייטער קיין פראגע ניט, אז אויף דער גאנצער וועלט וועלען מיר גאר אין גיכען האבען הימעל, ערד און דעמאקראטיע.

און דעמאלט וועט זיין אזוי:

די רוסישע שטודירענדע יוגענד וועט אוועקווארפען די אלע פארשידענע „ברענענדע" פראגען, רעוואלוציעס און ביכלאך, מיט וועלכע זיי פלעגען זיך פארנעמען אין צאר ניקאלאי'ס צייטען, און וועט זיך א נעהם טאן צו בייסבאל און פוטבאל און צו אלע אנדערע באשעפטיגונגען פון אן אמת'ען דעמאקראטישען סטודענטום.

און אלע שווערע שרייבער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם אין דייטשלאנד וועלען אויפהערען דרעהען מיט די גראבע פינגער, קנייטשען מיט די קלוגע שטערענס און זיך גריבלען אין די טיעפסטע טיעפענישען פון דער וויסענשאפט. אנשטאט דעם, וועלען זיי ווערען לייכט ווי בריסביין און וואולגאר ווי א געלע צייטונג.

און אזוי אומעטום.

און דער אמאליגער שטרענגער נקי־כפיים'ניק, דער אמאליגער דייטשער שוץ־מאן, וועט ווערען א כאבארניק אלא טעמעני. דער אמאליגער רוסישער בעאמטער פון ניקאלאי'ס צייטען וועט ווערען נאך א גרעסערער כאבארניק, אויב אזא זאך איז גאר מעגליך. און ווען מען וועט אין בינא צעהלען די וואהלשטימען לויט די קעפ, וועט די „רעפיטינג" געהן אזוי ווייט, אז יעדער בינעזער וועט האבען א פאר טוצען פון דעם דאזיגען מין.

און דאס אלץ וועט זיין דערפאר, ווייל די וועלט וועט זיין דעמאקראטיש.

און דאס איז נאך אלץ ווייניג.

ווייל, חוץ לזה, וועט יעדעס פאלק האבען זיין אייגענעם מארגאן און ראקאפעלער און יעדעס פאלק — זיין אייגענע וואל סטריט. און דער עולם וועט טראכטען און מארגאן וועט לאבען. און אין די פארלאמענטען וועט מען פלוידערן און זיך היצען, אבער סוף כל סוף וועט מען טאן דעם ווילען פון די געלט־מאגנאטען.

און עכט־דעמאקראטיש וועלען אלע שטימען — מאן, פרוי און קינד, אבער זיי וועלען אריינשטימען בלויז דאס פריהער באשטימטע און וועלען קיין מאל ניט קענען נידערשטימען זייער דלות און זייערע צרות.

אט אזוי איז אדער וועט אין גיכען זיין באמת דעמאקראטיש די גאנצע, גאנצע וועלט.

ניט מעהר, עס וועט נעהמען א שטיק צייט, איידער מיר וועלען זיך צוגעוועהנען צו דער נייער ארדנונג, זיך צופאסען צו איהר און זיך איינלעבען אין איהר.

איהר ווייסט דאך: עס איז שווער צו קוקען דער ליכטיגקייט גלייך אין די אויגען נאכדעם ווי דו ביזט לאנג געלעגען אין דער פינסטער. און צו דער נייער דעמאקראטישער פרייהייט וועט שווערליך זיין צוצוגעוועהנען נאך דער אמאליגער אויטאקראטיע, וואס האט זיך נאך דערצו פארשטארקט בעת דער מלחמה.

נעהמט, למשל, די דעמאקראטישע רעדע־פרייהייט און האנדעלס־פרייהייט. איהר געדענקט דאך מסתמא, ווי מען איז זיך מיט די דאזיגע זאכען באגאנגען אין דייטשלאנד און בכלל:

איהר האט גארניט געטארט זאגען געגען אייערע פיהרער, ווייל דאס האט געמיינט געבען א נחת רוח דעם שונא (אויף ענגליש: „איד ענד קאמפארט טו דהי ענעמי").

איהר האט זיך ניט געטארט אויסבייזערען אויף אייער ווייב און האט ניט געטארט אפשמייסען אייערע קינדער, ווייל דערמיט וואלט איהר געמאכט דעם איינדרוק אין אויסלאנד, אז אין לאנד קומט פאר א בירגער־קריעג.

איהר האט ניט געטארט דערצעהלען, אז אן אויטאמאביל איז איבערגעפאהרען א קינד,

אזוי שווער דעם ווייטערדיגען גאנג פון לעבען."

איך קוק אויף איהר מיט א פארקלעמט הארץ. איצט טראכט זי ניט וועגען דעם סטרייק; ערגעץ ווייטער האט דאס איהר אוועקגעטראגען. ווער ווייס צו אין דער היים אין רוסלאנד, צו דא אין א טענעמענט הויז, וואו עס האט זיך אפגעשפילט די דראמע פון איהר לעבען און וואו עס איז צורונען איהר גאלדענער טרוים...

די שווערע טיר פון שאפ עפענט זיך און עס געהט ארויס א גרויליכער, מיטעליאהריגער מאן. ער טוט א גיכען קוק אויף אונז און געהט זיין וועג. מיין באגלייטערין קוקט איהם נאך. אין איהרע אויגען טוט א ברען דער צארן. „א סקעב", ווייזט זי מיר אן אויפ'ן מאן.

די שווערע טיר עפענט זיך ווידער. א יונגערמאן מיט א שווערען פאק געהט אריין אינוועניג. זי באגלייט איהם ביז מיט די אויגען און רעדט ווייטער:

— עס איז דא אזוי שווער אנצוגעהן מיט א סטרייק: עפעס א מאדנע וועלט. דער קאנדוקטאר פון קאר, א גוטער יוניאן־מאן, פיהרט דעם סקעב צו דער ארבייט, דער עלעוויטאר מאן פיהרט איהם ארויף אין שאפ, דער עקספרעססמאן פיהרט אוועק זיין ארבייט, די קעכין אין רעסטאראן קאכט פאר איהם דאס עסען, און דער ווייטער, אויך א יוניאן מאן, דערלאנגט איהם דאס עסען צום טיש.

— און דאך געווינט מען דא סטרייקס גיכער נאך ווי אומעטום, — שמייכעל איך, פול גלויבען און פארטרויען אין מענשליכען פראגרעס...

פארביי אונז געהען צוויי מיידלעך און שטעלען זיך כאפען א קוק אויפ'ן שאפ. מיין סטרייקערין דעריאגט זיי, פרעגט וואס זיי זוכען דא און זאגט זיי, אז דא איז א סטרייק. די מיידלעך, שוין פארפוצטע אמעריקאנערינס, ענטפערען און פארזיכערען מיין סטרייקערין, אז זיי זיינען אין פולער סימפאטיע מיט סטרייקס און מיט יוניאנס און אז עס פאלט זיי גארניט איין צו געהן סקעבען. זיי שמייכלען דערביי צו איהר מיט דעם זיסען, העפליכען אמעריקאנער שמייכעל. מיין מיידעל רעדט אבער צו זיי שטרענג, כמעט גראב.

— ווי קענט איהר זיי ענטפערען אזוי אומפריינדליך אין דער צייט וואס זיי רעדען צו אייך מיט אזא זיסען שמייכעל? — פרעג איך, נאכדעם ווי די צוויי מיידלעך זיינען אוועק.

— די ביטערע ערפאהרונג, מיין פריינד, האט מיך אויסגעלערנט ניט צו גלויבען אין קיין שמייכלען. זי פארקוקט זיך ווידער אין דער גרויער לופט און איך ווייס ניט, צי מיינט זי עס אנטקעגען סטרייק און כלל ארבייט, אדער האט עס צו טאן מיט איהר אייגענעם שיקזאל...

עס געהט פארביי א הויכע, שלאנקע מיידעל און טוט א קוק אויפ'ן שאפ. מיין סטרייקערין איז שוין נעבען איהר, קוקט איהר אין פנים אריין און פרעגט: „דו זוכסט דא ארבייט?"

„וואהאט!" טוט זיך דאס מיידעל שטאלץ א קרים, „איך בין ניט קיין שאפ־מיידעל, איך זוך ניט קיין דזשאב!"

זי געהט ווייטער. מיין באגלייטערין קוקט איהר נאך און זאגט: „אויב זי איז א פרינצעסין, וועט זי שפעטער, ווי די רוסישע פרינצעסינס, וואשען פרעמדע וועש."

זי ווערט פרעהליך זיך דערמאנענדיג אן „שפעטער". זי דערציילט מיר פון א געוויסען פראפעסאר, וואס האט נעכטען גערעדט פאר די סטרייקערס אין האל. צווישען א סך גוטע זאכען און זיסע האפנונגען האט ער אויך געזאגט, אז מיר דארפען זיך ענערגיש גרייטען איבערצונעהמען די שעפער און אייגענטימער אין אונזערע הענד.

— אבער מיר זיינען נאך אזוי ווייניג ארגאניזירט, — ווערט ווידער אומעטיג דאס מיידעל. — אזוי ווייניג אחדות צווישען אונז און אזא יאגעניש נאך אייגענעם גענוס...

— נו, מיין ליעבע, — טרייסט איך איהר, — זאל נאר האלטען ביי דעם. עס וועט שוין רעכט ווערען. ווי איז געווען אין רוסלאנד?

— אין רוסלאנד איז עפעס אנדערש, — ענטפערט זי אומעטיג. — זי קוקט ווידער אין דער גרויער ווייטקייט. איצט איז איהר געדאנק אין רוסלאנד, וואו עס איז אנדערש. אך, א סך, א סך אנדערש ווי דא אין לאנד!...

דער גרויער נאסער דרויסען ווערט ביסלעכווייז שעהנער און שעהנער. עס ווערט העל איין שטיק הימעל נאכ'ן אנדערען, עס פאלט איין זונען־שטראהל נאכ'ן אנדערען. עס איז נאהענט צו צוועלף און עס ווערט היימליך אין גאס.

איך שפאציר פארביי אן אנדער שאפ אין אן אנדער גאס. דא איז א קייט פון עטליכע שעפער אין סטרייק און עס שטעהען א סך „פיקעטס". איך באטראכט זיי. מענער זיינען צווישען זיי פאראן ניט פיעל, דערפאר אבער א געמיש פון אלערליי פרויען, די מעהרסטע אידישע. עס זיינען פאראן צווישען זיי יונגע מיידלעך נאך כמעט קינדער, און עלטערע כלה־מיידלעך, און פרויען, קענטיג מוטערס פון קינדער. ווער ווייס צי זיינען דאס אלמנות, צ ינג'גט'ע, צי וועלכע אנדערע נויט האט זיי אריינגעשטופט אין שאפ. א פאר פרויען מיט גרויע האר באמערק איך אויך צווישען דער גרופע.

— איהר פוטער־מאנטעל איז ניט פון אכט וואכען סטרייקען, — הער איך היינטער מיר א הארטען, בייזען קול פון א פרוי, און גלייך הער איך א בייזען געמורמעל פון די איבעריגע ארום מיר.

איך בלייב שטעהן פאר א שאפ און לייען אויפ'ן טאוועל די נעמען פון די אייגענטימער פון די שעפער. און פלוצלונג, אזוי ווי פלאמען כאפען ארום א הילצערנע הויז, אזוי בין איך געווארען ארומגעכאפט פון דער גרופע. בייזע בליקען ברענען דורך מיין געזיכט און פויסטען מיט שארפע נעגעל שפיר איך כמעט אויף מיין לייב. „וואס זוכט איהר דא? וואס ווילט איהר דא?" פרעגען שטימען הארט און סטראשענדיג. עס פליהט דורך אין מיין געדאנק רויזא לוקסעמבורג און עס ווערט מיר ענג אין האלז אזוי ווי מען וואלט מיך ווארגען...

„שרעקליך איז דער צארן פון פאלק", טראכט איך, „און נאך שרעקליכער איז דער צארן פון א הונגעריגען פאלק". אך, ווי ווייניג איך בין מקנא די, וואס וועלען שפעטער ארייןפאלען אין זייערע הענד! סיידען די עוואלוציע וועט פארכאפען דעם וועג פון דער רעוואלוציע...

און איצט מוז איך מאכען א „סטייטמענט" צו די בראווע סטרייקערינס: ערשטענס, איז מיין מאנטעל ניט פון פוטער, נאר פון פשוט'ען פליוש און, צווייטענס, האט באצאהלט פאר איהר א מעצענאט (אזא פארשוין וואס האט ליעב שרייבער), פון וועלכען איך בין איצט זעהר ווייט. און, דריטענס, צורייסט מיר איהם ניט, ווייל עס וועט מיר זעהר שווער זיין צו מאכען אן אנדערען, סיידען עס זאל זיך אנהויבען די רעוואלוציאן... פאראיינס מוז איך בעטען איהר זאלט מיר ערלויבען רוהיג איבערצולייענען די נעמען פון די שלעכטע בעלי־בתים, ווייל איך דארף זיי האבען פאר פארדארבענע, גרויזאמע העלדען, וועלכע איך געה שילדערען אין א ראמאן. די נעמען פון די גוטע, שעהנע און נאבעלע העלדען נעהם איך פון אייך, מיין ליעב, געפייניגט און געקריוודעט ארבייטער־פאלק.

א גרויסע אונטערנעהמונג פאר א גוטען צוועק.

עס איז שוין באקאנט צו אונזערע מיטגלידער פון דער אינטערנעשיאנאל, אז די קאסטום דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 90 איז א יונגער לאקאל, וועלכער האט פאר זיך א גרויסע פעלד פון ארגאניזאציאנס־ארבייט. אום אנצופיהרען א גרויסען ערפאלגרייכען ארגאניזאציאנס־קאמפיין האט זיך דער לאקאל געשטעלט די אויפגאבע צו שאפען א גרויסען פאנד פאר אויפקלערונגס־ארבייט צווישען די ניט־ארגאניזירטע מאסען. מיר האבען דארום פאר דיזען צוועק אפגענומען דעם גאנצען פיפעלס טעאטער פאר מאנטאג אבענד דעם 31טען מארטש. הערר דייוויד קעסלער און אלע סטארס פון דיזען טעאטער וועלען אויפטרעטען אין „אוריאל אקאסטא". טיקעטס זיינען צו באקומען אין אפיס פון דער יוניאן, 175 איסט בראדוויי און אין האקס אפיס פון טעאטער פאר פאפולערע פרייזען. מיר לאדען איין אלע אונזערע שוועסטער און ברידער זיך צוקומען פרעהען מיט אונז.

קארעספאנדענטען, אויפמערקזאם!

אלע קארעספאנדענטען און באריכטשרייבער זיינער געבעטען אריינצושיקען זייערע קארעספאנדענטען און באריכטען אזוי פריה ווי מעגליך. מיר ערווארטען זיי צו האבען אין רעדאקציע מאנטאג, זאנסט איז שווער צו זאגען אויב עס וועט אריינגעהן די זעלבע וואך.

רעדאקציע „גערעכטיגקייט".

ביי די ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20.

(שלוס פון זייט 5.)

טעלמעסינגען ארבייטער.

ביי די טשעסטער וואטערפרוף קאמפ. 329 איסט 26טע סט. האבען מיר פאר די לעצטע צוויי וואכען געהאט א סטרייק, וועלכער איז געווען פארבונ־ען מיט א לאקאוט. די פירמא האט זיך געוואלט פארמעסטען מיט לאקאל 20, האט פארמאכט זיין שאפ, ארויסגעווארפען 25 לייטע פון דער ארבייט און גערעכענט צו מאכען זיין ארבייט אין סקעב־קאנטראקטינג שעפער. דאס איז אבער ניט געגאנגען, די פירמא האט געמוזט סעטלען מיט דער יוניאן.

די הערריס ריינקאוט פירמא, וועלכע האט אזא שענעם אפיס מיט שאו רומס און א קאטינג דעפארטמענט אין בראדוויי, און וועלכע רעכענט זיך פאר איינע פון די גרעסטע ריינקאוט פירמאס אין ניו יארק, האט אימער געמאכט די ארבייט אין די ערגסטע אונסאניטארע ניט־יוניאניזירטע קאנטראקטינג שאפעס בארבע פינות נויארק, בראנזוויל און אומגעגענד. אונטער די ערגסטע באדינגונגען.

אונזער עקז. באארד האט שוין אייניגע מאל פארהאנדלענדיג די פראגע וועגען דער הערריס ריינקאוט פירמא, באשלאסען איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען א סטאפ צו דיזען איבעל, אז וואו נאר א סקעב שאפ זאל הערריס מאכען זיין ארבייט. נאך אייניגע קאנפערענצען וואס איז אפגעהאלטען געווארען צווישען דער יוניאן און די פירמא אין אפיס פון דער אינטערנעשיאנאל, און אין וועלכע פרעזידענט שלעזינגער האט גענומען אן אנטייל, איז מען געקומען צו אן איינפארשטענדניש, אז די הערריס פירמא וועט דארפען שיקען זייער ארבייט בלויז אין יוניאן שעפער, און געמאכט ווערען אונטער יוניאן באדינגונגען.

לאמיר האפען, דאס די הערריס ריינקאוט פירמא וועט האלטען דעם פייערליכען פארשפרעכען וואס זי האט געמאכט צו אונזער אינטערנעשיאנאל פרעזידענט, מעהר ניט צו שיקען קיין ארבייט אין נאן־יוניאן שעפער.

מיר האבען אויך איבערגעסטעלט פרייזען אויף פארשידענע גארמענטס פאר ווילקסעס און שניידער און בערמאן'ס שעפער מיט פרייז קאמיטעס פון די דערמאנטע שעפער און געוואונען א רייז פאר די אפרייטארס און סעמענטערס.

מר. ה. ל. הערריס פון דער הערריס ריינקאוט פירמא האט אונז פארזיכערט, אז ער וועט זיך פערזענליך געבען די מיה צו אונטערזוכען דעם סאניטארען צושטאנד פון די קאנטראקטינג שעפער און טרייען דאס אויסצובעסערען. לאמיר האפען, אז ער וועט דאס טאן ווי אם שנעלסטען און טאקע זעהן אז די סאניטארע קאנדישאנס אין די שעפער פון דער הערריס ריינקאוט פירמא זאלען אויסגעבעסערט ווערען.

סעם פרידמאן, סעק. ל. 20.

איך האב דערפאר געקראגען. אז איך בין ארויס א לעבעדיגער פון זייערע הענד, מעג איך באמת גומל בענשען.

נאר גארניט, די נאז וועט זיך, אם ירצה השם, פארהיילען. אבער די וואונד אין הארצען, אז עס נעהט אוועק א טאג נאך א טאג, א וואך נאך א וואך, און פון אלע אונזערע גרויסע פלענער האט זיך אויסגעלאזען גארניט מיט גארניט, דאס, פריינד, טוט אזוי וועה, אז איך קען עס דיר גארניט אויסשרייבען.

די יוניאן א פייק. און אט דער פייק האלט אויף אין קאמפף טויזענדע ארבייטער, צאהלט זיי וועכענטליכע בענעפיטס, און, בנאמנות, די סטרייקער האבען זיך ניט וואס צו איילען, זיי זיינען דאך ניט ערגער אפ איצט, ניט ארבייטענדיג, ווי ווען זיי האבען געארבייט.

די גרויסע פארדיענסטען, וואס זיי האבען געהאט, אומשטיינס געזאגט? צווישען זיך מעגען מיר דאך עס זאגען גאנץ אפען.

יע, איך האב זיך פארדרעלט. איז אונזער חלום, אז די ארבייטער וועלען לויפען צו דער ארבייט, געבליבען טאקע ניט מעהר ווי א פוסטער חלום. און פונקט אזוי ווייניג איז ערפילט געווארען אונזער צווייטער חלום, אז מיר וועלען קענען מאכען די ארבייט בשתיקה אין די געסעטעלטע שעפער. איך בעט דיך, צו וואס זאלען מאכען אט יענע שעפער אונזער ארבייט, אז זיי קענען זיך ניט נאר דאיען מיט הענד, אום צו מאכען זייער אייגענע ארבייט? זיי שפעען איצט גאלד מיט פולע הויפענס, און מיר מוזען צוקוקען. איך זאג דיר, פריינד, אז עס פלאצט ניט ביי אונז די הארץ פון קנאה און פארדרוס, זיינען מיר שטארקער פון אייזען. נאר הלואי זאל איך ליגען זאגען. מיר דאכט זיך, אז עס האלט ביים פלאצען. אך, ווי עס שטעכט...

יע, און טאמער וואלטען מיר שוין געקענט פועל'ען ביי מאנכע מאנופעקטשורערס פון די געסעטעלטע שעפער דורכצושמוגלען אביסעל ארבייט אונזערע, הים אבער די יוניאן, ווי דער מלאך המות, אט די שעפער, מיט טויזענד אויגען, און דו קענסט זיך פארלאזען אויף די יוניאן־היטער. זיי פארשטעהען זייערע ביזנעס. אום צו זיין גאר זיכער מיט די געסעטעלטע מאנופעקטשורער, האט די יוניאן יעדען איינעם פון זיי געצוואונגען איינצולעגען היבשע עטליכע הונדערטע דאלאר סעקיוריטי. און איך בעט דיך, ווער וויל עס ריזיקירען עטליכע הונדערט דאלאר צוליעב עטליכע גראשען?

אט אזוי, ברודערעל, ליגען מיר עס טיעף אין דער אדמה, און וואס מעהר מיר ווארפען זיך, אלץ שטארקער און שטייפער פארציהען מיר די שטריק איבער אונזערע העלזער.

מיר האבען געמיינט, אז מיר וועלען ארויסקומען מיט דעם געשריי „באלשעוויקעס" געגען די סטרייקער, וועט איצט דער עולם זיך איבערשרעקען און האלטען מיט אונז. ערשט א נעכטיגער טאג. דער עולם לאכט זיך אויס פון אונז און אונזער געפילדער. דער עולם האלט דוקא מיט די באלשעוויקעס.

מיר האבען געמיינט, אז מיר האבען א טראכט אין האנד, ווען מיר וועלען ארויסקומען מיט דעם בלאף, אז די ארבייטער ווילען ניט אנדערש, ווי צו האבען א לעבענס־חזקה אויף זייער דזשאב. אזוי האט אונז איינגערעדט אונזער לאיערעל, גע'הרג'עט זאל ער ווערען. ערשט ווייזט זיך ארויס, אז קיינער גלויבט אונז ניט.

מיר האבען געמיינט, אז מיר וועלען אנהויבען ווארפען שמוץ אויף דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער איז ביי זיי דער גאנצער קאפ, וועט עס אונז העלפען. ערשט, עס איז גאר פארקעהרט. וואס מעהר מיר זידלען איהם, אלץ מעהר ווערען מיר פאראכטעט פון דער גאנצער שטאדט. איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז צווישען אונז איז ניטא קיינער, וואס זאל ווערט זיין צו פוצען איהם די שטיוועל. דאס איז א מאן. א מאן מיט א קאפ אויף די פלייצעס. ער ווערט איינגעלאדען אין די גרעסטע, העכסטע געזעלשאפטען. ער ווערט אויסגעהערט מיט דעם גרעסטען רעספעקט, און וועמען האבען מיר ארויסצושטעלען געגען איהם? צווישען אונז איז דאך ניטא קיין איינציגער. בלייבט אונזער לאיערעל. ווייסען דאך אלע, אז ער איז א פארקויפטע שקורע.

אנומעלטען האט אימיצער, וועמען מיר באצאהלען גוט געלט, אנגעשריבען אין אונזער צייטונג דעם אלטען בלבול אויף די יוניאן־פיהרער, אז זיי ווילען ווערען די פיהרער פון אונזערע געשעפטען. געפינט זיך איינער, עפעס א ליץ, און שרייבט אן א בריוועל צו אונזער פרעזידענט, אומשטיינס געזאגט, בזה הלשון:

„זאגט דעם אמת, וואלט איהר ניט געוואלט, אז די דאזיגע העכסט־פעהיגע פיהרער זאלען ווערען מענעדזשערס פון אייערע ביזנעס? ווייסט איהר דען ניט, אז אייערע ביזנעס וואלטען דאן געווארען ערשט ווערט דעם נאמען ביזנעס? איהר זיינט דאך קאיקס! איהר ווייסט דען, ווי צו פיהרען א ביזנעס! אלעס, וואס איהר קענט, איז אראפ'גנב'ענען פון ארבייטער א פעני, אבער ווי קומט איהר צו ביזנעס?"

און איז אט דער בריוועל־שרייבער, ימח שמו, ניט גערעכט? עס איז דאך אמת יעדעס ווארט!

אט אזוי, ליעבער פריינד, זיינען מיר אויף צרות. מאלד דיר, אז איך האב צייט צו שרייבען דיר אזא לאנגע מגילה! מאלד דיר, אז איך האב צייט איבערצולייענען אלע צייטונגען און אלעס, וואס מען שרייבט וועגען אונז. איך שווער זיך, דאכט זיך, יעדען טאג ניט צו לייענען מעהר דעם „פארווערטס", „די גערעכטיגקייט" און אלע אנדערע צייטונגען. עס איז דען אנגענעהם צו לייענען, ווי מען שיט אונז זאלץ אויף די וואונדען? נאר דאך ציהט עס ווי א מאגנעט. איך לייען, איך דריי אויף זיך די האר, און האב דאך ניט דעם מוט צו מאכען א סוף צו די צרות.

יעדען טאג קומט דער לאיערעל מיט נייע בלאפס, אט, אט און ער וועט אלעס געווינען... דער לומפ! הלואי וואלטען מיר איהם ניט געקענט, וואלטען מיר צו די צרות ניט געקומען.

דיין...

סוירניימד פיטער)), וואס איז אין גראַטען, איז ער מעהר ווי מיטעלמעסיג. דער ריטם און די גראַמען גיבען אָבער אין אַט דעם ליעד ווייניג וואס צו. אין פרייע פערזען וואָלט עס אפשר נאָך שטאַרקער געוועזן.

איך וועל דאָ געבען אן איבערזעצונג פון זיין איינלייטונג צו דעם „ספון ריווער אנטאָלאָדזשי“. פון איהר וועט דער לעזער קענען זיך מאכען א באגריף וועגען דער גאנצער פּאָעמע.

וואו זיינען עלמער, הערמאַן, בערט, טאָם און טשארני,
מיט'ן שוואַכען ווילען און דער מיט'ן שטאַרקען אָרעם, דער קלאָון, דער שכור, דער שלעגער?
אַלע, אַלע שלאָפען אויפ'ן באַרג.
איינעם האָט דער פיבער געענדיגט,
איינער איז פאַרברענט געוואָרען אין א שאַכט,
איינער דער'הרג'עט אין א געשלעג,
איינער איז געשטאָרבען אין געפענגניס,
איינער איז אַראָפּגעפאַלען פון א בריק, האָרעוועדיג פאר ווייב און קינדער —
אַלע, אַלע שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען אויפ'ן באַרג.

וואו זיינען עלאַ, קיט, ליזאַ און אידיטה,
די צאַרטע זעל, די איינפאַכע נשמה, די שרייעדיגע, די שטאָלצע, די גליקליכע?
אַלע, אַלע שלאָפען אויפ'ן באַרג.
איינע איז געשטאָרבען פון א שאנד-קימפּעט,
איינע פון א געשטערטער ליעבע,
איינע פון דער האַנט פון א ווילדען אין א באָרדעל,
איינע פון א געבראָכענעם שטאָלץ, זוכענדיג דעם הארצענס-פאַרלאַנג,
איינע נאָך א לעבען ווייט אַוועק אין לאָנדאָן און אין פאַריז,
איז געבראַכט געוואָרען צו איהר קאַרגער רוה פון עלאַ, קייט און מעג —
אַלע, אַלע שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען אויפ'ן באַרג.

וואו איז פעטער אייזעק און מומע עמילי,
און דער אַלטער טאָוני קינקייד און סעווין האָוטאָן,
און מאַיאָר וואָקער, וועלכער פלעגט רעדען מיט אַלטע לייט וועגען דער רעוואָלוציע —
אַלע, אַלע שלאָפען אויפ'ן באַרג.
מען האָט זיי געבראַכט טויטע זיהן פון דעם קריעג,
און טעכטער, וועמען דאָס לעבען האָט צושמעטערט,
און קינדער אָהן פאָטערס, וואָס האָבען געוויינט —
אַלע, אַלע שלאָפען, שלאָפען, שלאָפען, אויפ'ן באַרג.

וואו איז דער אַלטער פידלער דזשאָנס,
וועלכער האָט זיך געשפּיעלט מיט'ן לעבען זיינע גאַנצע ניינציג יאָהר,
אויסשטעלענדיג זיין נאַקעטע ברוסט אַנטקעגען דער נאַסקייט פון וועטער,
טרינקענדיג, שלאַגענדיג זיך, ניט טראַכטענדיג וועגען ווייב און קינדער,
ניט טראַכטענדיג וועגען געלד, ליעבע אָדער הימעל?
וועה! ער פּלאַפּעלט וועגען די פיש-פאַנגען פון אַמאָל,
וועגען די פערד-וועטען אין קלייקי'ס וועלדעל,
וועגען דעם, וואָס אייב לינקאָלן האָט געזאָגט אַמאָל אין ספּרינגפיעלד....

אויף „ספון ריווער אנטאָלאָדזשי“ שטיצט זיך מאַסטערס' רעפּוטאַציע. אָבער עס וואָלט געווען אן אומרעכט צום פּאָעט צו מיינען, אַז דאָס איז זיין איינציג ווערק, און אַז חוץ איהם האָט מאַסטערס ניט אָנגעשריבען קיין אַנדערע ווערטפולע זאַכען.

ער האָט נאָך אַנדערע זעהר גוטע ליעדער, איינס פון וועלכע איך וועל באַלד ציטירען. ער האָט אָבער נאָך זיך אינגאַנצען ניט געפונען. אַט איז ער א סאַטיריקער און לאַכט אָפּ פון דעם, וואָס ער זעהט ארום זיך. אַט איז ער א פילאָזאָף, וועלכער וויל דערגעהן דעם גרונד פון אַלע זאַכען. די העכסטע מדרגה האָט ער זיכער דערווייל דערגרייכט אין דעם „ספון ריווער אנטאָלאָדזשי“, און עס קען זיין, אַז דאָס איז דער וועג, אויף וועלכען ער דאַרף געהן. מען קען פון איהם נאָך א סך ערוואַרטען, אפשר נאָך זעהר א גרויס ווערק. דאָס בעסטע, וואָס אין איהם, האָט ער, שיינט עס, נאָך ניט געגעבען.

אַט איז נאָך א ליעד, א שעהנס און כאַראַקטעריסטישעס פאר ע. ל. מאַסטערס.

שווייגען (סיילענס).

מיר איז באַקאַנט דאָס שווייגען פון די שטערן און פון'ם ים,
און דאָס שווייגען פון דער שטאָדט, ווען זי רוהט אָפּ,
און דאָס שווייגען פון א מאַן מיט א מיידעל,
און דאָס שווייגען פון די קראַנקע,
ווען זייערע אויגען וואַגלען ארום אין צימער.
און איך פרעג: פאר וועלכער טיעפקייט דאַרף מען האָבען א שפּראַך?
א חיה אין פעלד ברומט א פאר מאָל,
ווען דער טויט נעהמט צו איהר קינד.
און מיר זיינען שטום אין אַנגעזיכט פון ווירקליכע זאַכען —
מיר קאָנען ניט רעדען.

עס איז פאַראַן דאָס שווייגען פון גרויסען האַס,
און דאָס שווייגען פון גרויסער ליעבע,
און דאָס שווייגען פון א פאַרביטערטער פריינדשאַפט.
פאַראַן דאָס שווייגען פון א גייסטיגען קריזיס,
פון וועלכען די זעל, די שווער-געפּייניגטע,
שטייגט ארויף אין דעם רייך פון א העכער לעבען,
מיט וויזיאָנען וועלכע קאָנען ניט אויסגעדריקט ווערען.
פאַראַן דאָס שווייגען פון דורכפאַל,
פאַראַן דאָס שווייגען פון די אומגערעכט-באַשטראָפטע,
און דאָס שווייגען פון די שטאַרבענדע, וואָס זייער האַנט גיט פּלוצלונג א כאַפּ אָן אייערע.
פאַראַן דאָס שווייגען צווישען פאָטער און זוהן,
ווען דער פאָטער קאָן ניט ערקלערען זיין לעבען,
אַפילו ווען צוליעב דעם ווערט ער מיספאַרשטאַנען.
פאַראַן דאָס שווייגען, וואָס קומט צווישען מאַן און ווייב:
פאַראַן דאָס שווייגען פון די, וועמען עס איז ניט געלונגען.
און דאָס גרויסע שווייגען, וואָס נעמט ארום געבראָכענע נאַציאָנען און באַזיגטע פיהרער.
פאַראַן דאָס שווייגען פון לינקאָלן,
ווען ער האָט געטראַכט וועגען דער אָרימקייט פון זיין יוגענד.
און דאָס שווייגען פון נאַפּאָלעאָן נאָך וואַטערלו.
און דאָס שווייגען פון זשאַן ד'אַרק,
ווען זי האָט צווישען די פלאַמען געזאָגט: „יעזוס — געבענשט“,
אַנטפּלעקענדיג אין צוויי ווערטער אַלע ליידען, אַלע האָפנונגען.
און פאַראַן דאָס שווייגען פון עלטער,
וואָס איז צופיעל באַלאָדען מיט חכמה, זי אויסצודריקען
אין ווערטער וואָס זאָלען זיין פאַרשטענדליך פאר די, וועלכע האָבען ניט דורכגעלעבט דעם גרויסען ציקל פון לעבען.

און פאַראַן דאָס שווייגען פון די טויטע.
אויב מיר, וועלכע לעבען, קאָנען ניט רעדען
וועגען טיעפע ערפאַהרונגען,
וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן, אַז די טויטע
דערצעהלען אונז ניט פון טויט?
די ערקלעהרונג פון זייער שווייגען וועט קומען
מיט אונזער דערנעהנטערען זיך צו זיי.

אין דער גאס פון די סטרייקער

פון יענטע סערעדאצקי.

עס איז צעהן אזייגער אין דער פריה. א נאַסער ווינטיגער טאָג. די געגענד, וואו די שעפּער געפינען זיך, איז באַלעבט ווי אַלע מאָל, די באַדערפענישען פון לעבען ווילען ניט וויסען פון קיין וועטער. עס געהען אלערליי ביזנעס-לייט און ארבייטער, עס פאָהרען שווערע וועגען מיט סחורה און עס יאָגען זיך אויטאָמאָבילס.

פאַרביי די שעפּער וואו מען סטרייקט געהען מיידלעך צו פינף-זעקס אין א גרופּע. זיי היטען דעם שאַפּ פון סקעבס. דאָס זיינען סטרייקערינס. איך דערקען זיי אָן די פּשוט'ע מאַנטלען, אָן די האַלב-מאַנסבילשע היט, אָן די שוואַרצע אויגען און אָן די פאַרטראַכטע פּנים'ער. איך געה אליין, קוק אויף זיי און בין זיי מקנא: עס איז אומעטיג אַז מען איז ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט פרייליכקייט און אַז עס איז ניטאָ אַקעגען וועמען צו פיהרען א סטרייק...

איך וויל זיך אַנשליסען צו א גרופּע, פאַרציהען מיט זיי א געשפּרעך. אָבער איך טו דאָס ניט; עס זיינען יונגע מיידלעך, אַגיטירען דאַרף איך זיי ניט פאַר'ן סטרייק און פאר א האַרץ-צו-האַרץ געשפּרעך זיינען זיי צו יונג.

איך געה פאַרביי א שאַפּ פון דרעסעס. עס הויבט אַן גיסען א דראַבנער רעגען ווי אין הערבסט און א נאַסער ווינד שניידט דאָס געזיכט. אין גאַס ווערט לעדיגער, די גרופּען מיידלעך ווערען שיטערער און פּלוצלונג דערזעה איך א מיידעל שפּאַצירען פאַרביי דעם זעלבינען שאַפּ. דאָס מיידעל געפעלט מיר: זי איז קליין און דין, טראָגט אַן אָרימען מאַנטעל און א נאָך אָרימערע הוט. זי האָט א רונדען, אַביסעל פאַרעלטערטען פּנים (זי דאַרף אַלט זיין א יאָהר דרייסיג), מיט די צאַרטע שטריכען פון אַן אינטעליגענטער מאַרטירערין. און אויגען האָט זי גרויסע, שוואַרצע און אומעטיגע; אַזעלכע אויגען האָבען גאָר די אידישע מיידלעך, וואָס האָבען געזעהן אין רוסלאַנד די ערשטע רעוואָלוציאָן און וואָס האָבען דאָ אין אמעריקא דורכגעמאַכט א סך סטרייקס.

איך לאָז מיך צו דער מיידעל. זי באַמערקט עס און לאָזט זיך צו מיר. דאָס איז הארט ביים שאַפּ. זי שטעלט אָן אויף מיר א בייזען אויפגערעגטען קוק און מעסט מיך אָפּ אַזוי ווי דער פעהיגסטער דעטעקטיוו. אין איין מינוט האָט זי אַלע איינצעלהייטען פון מיינע קליידער, פון מיין אויסזעהן, פון מיין עלטער באַמערקט. איך פאַרכאַפּ אַפריהער און פרעג:

— איהר זייט א סטרייקערין?

— יאָ, איך בין א סטרייקערין. און וואָס טוט איהר? איהר געהט דאָ זוכען א דזשאָב?

— ניין, מיין ליעבע, — ענטפער איך. — איך בין ניט אין דער ליין אַרבייט.

— וואָס דען טוט איהר? — פרעגט זי אַביסעל נאַכלעסיג. עס פאַרדריסט זי; איך וואָלט פאַר איהר מעהר אינטערעסאַנט געווען, ווען איך וואָלט געווען אָדער א סטרייקערין אָדער א סקעב...

— איך בין אין דער פעדער-ליין, — ענטפער איך מיט א לייכטען שמייכעל.

זי ווערט לעבעדיגער:

— איז דען ביי פעדערען איצט אויך א סטרייק? איז וואָס זשע טוט איהר דאָ? פאַר וואָס פּיקעט איהר ניט אייער שאַפּ?

— מיין שאַפּ איז אין מיין בעד-רום, מיין ליעבע. און סטרייקען האָב איך ניט אַנטקעגען וועמען, ווייל מיין „באָס“ זייט איהר.

— איך? — און דאָס מיידעל שטעלט אָן אויף מיר א פּאָר פאַרוואונדערטע, פאַרדעכטיגע אויגען. כדי זי זאָל מיך גיכער פאַרשטעהן, מוז איך איהר זאָגען מיין נאָמען.

מיר דריקען זיך וואַרעם די הענד. איצט פּיקעטען מיר ביידע. עס איז א שווערע פּייניליכע אַרבייט. דער שטח צו געהן איז א פופצעהן טריט הין און צוריק, אַזוי ווי דער סאָלדאַט ביי די קאַזאַרמעס. דער סאָלדאַט אָבער זעהט קיינמאָל ניט דעם שונא און דער סטרייקער זעהט איהם אַלע מינוט. מיט יעדען קלאַפּ פון דער שווערער טיר טוט אויך א קלאַפּ דאָס האַרץ. אַט איז א דעטעקטיוו און אַט איז א סלאַגער און אַט איז א סקעב און אַט איז א פאָרליידי וואָס „מעג“ אַרבייטען און אַט איז א באָס. אַלץ אַזעלכע עקעלדיגע נעמען, וואָס פאַרשאַפט אַזויפיעל האַרצוועהטאָג און וואָס מאַכען מיאוס דעם לעבען, אַז מען טוט נאָר וועגען זיי א טראַכט.

איך מיט מיין באַגלייטערין צורעדען זיך. מיר הויבען אָן א געשפּרעך, וואָס איז נאָהענט צום האַרץ. איך שטעל פראַגען און זי ענטפערט. זי דערצעהלט פון א סך סטרייקס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט ביז דעם און זי דערצעהלט אויך אַלע איינצעלהייטען פון דעם סטרייק. זי קומט צו דעם, אַז מען האָט געמאַכט א קליינעם מיסטייק.

„עס איז אַזוי ווי דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען“, גיט זי צו טרויעריג און פאַרקוקט זיך אין דער גרויער פייכטער לופט. „אַלץ וואָס מען טוט און מען רעכענט אַז עס וועט זיין גוט, זעהט מען זיך שפּעטער ארום אַז מען האָט געמאַכט א קליינינקען מיסטייק און עס מאַכט

א פאַרבלאָנדזשעטער בריעף אין רעדאַקציע

פון א בריעף, וואָס א לוידיעס ווייסט מאַנופעקטשורער שרייבט צו זיין פריינד, און וואָס איז על פי טעות אַריינגעפאַלען אין פרעמדע הענט, וועלכע האָבען עס אונז איבערגעגעבען צו טאָן דערמיט, וואָס מיר ווילען).

ליעבער פריינד.

...דו פרעגסט, וואָס איך מאַך? פרעג שוין גאָרניט. זאָל אַזוי מאַכען דער לאַיער, דער ממזר, וואָס האָט אונז אַלעמען פאַרדרעהט די קעפּ. אַזוי אויסמאַכען זאָלען די, וואָס וואָלטען געוואָלט זעהן אונז ווערען צוריק די בעטלער, די קבצנים, וואָס מיר זיינען געוועזן.

איך זאָג דיר, ליעבער פריינד, עס איז שלעכט, מיר זיינען אריין אין א בלאָטע, שטעהען אין איהר איבער'ן האַלז, און ווייסען ניט, ווי ארויסצוקריכען.

געוואַלד, וואָס טוט מען, גיב אַן עצה. אַזאַ גאָלדענער סיזאָן, איך האָב געקענט לייכט מאַכען עטליכע טויזענטער, אָהן האַרץ-קלעמעניש, מיט כבוד, וואָרים אין דער אמת'ען גערעדט, האָב איך גאָרניט נעהאָט צו דער יוניאָן. אמת, זי האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלען באַהאַנדלען אונזערע אַרבייטער-מיידלעך אַנשטענדיג, מעשה מענש, נו, האָט זי דען דערמיט געטאָן עפּעס אַן עולה? זי האָט פיהרער, וואָס לאָזען זיך ניט שפּייען אין קאַשע, און ווייסען וואָס איז וואָס, אַזאַ יאָהר אויף מיר, ט וואָס איז דאָ דער אונגליק? אַז דער באָס איז נאָר ניט קיין פּאַרך, קיין סוואָלאַטש, אַז ער האָט נאָר אַביסעלע שכל און פאַרשטעהט ווי זיך צו האַלטען מעשה מענש מיט זיינע אַרבייטער, קען און וויל איהם גאָר די יוניאָן עפּעס שאַדען?

דאָס אַלעס אָבער האָב איך ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן. אַי, איז עס דער סטרייק א קאַפּ א לעהרער. איך האָב אָבער דאָס ניט פאַרשטאַנען, איידער דער סטרייק האָט אויסגעבראָכען. איך, און די מייסטע באַסעס פון דער אַסס'ן מיט מיר, האָבען געמיינט, אַז די יוניאָן איז א פּייק, ווי פיעלע אַנדערע פּייקס אין אַמעריקא, און דאָס שוין אין דער ערשטער וואָך פון סטרייק וועט די יוניאָן פּלאַצען ווי א זייפען-בלאָז. דערצו האָט אונז נאָך איינגערעדט דער לאַיער אַלערליי גליקען. דאָס איז א ממזר, א משומד, הלואי וואָלט ער זיך צובראָכען הענד און פיס, איידער ער האָט זיך אַריינגענאַדיעט צו אונז. הלואי וואָלטען מיר טויב געוואָרען, איידער מיר האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע בלאָפס. ווי גוט און וואויל וואָלט עס אונז איצט געוועזן.

א פּייק די יוניאָן, וועלכע גיט אונז א פּייט, וואָס מיר ווילען קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסען. א פּייק די יוניאָן, וועלכע האָט הונדערטע טויזענדע דאָלאַר צו ספּענדען, און, ווי עס זעהט אויס, שעפּט זיך עס נאָר ניט אויס ביי איהר.

מיר האָבען געמיינט, אַז ווען א טייל אַרבייטער ווילען צוריקגעהן צו דער אַרבייט, וועט דאָס גופא ברעכען דעם סטרייק. ערשטענס, האָבען מיר גערעכענט, וועט דער טייל, וואָס וועט בלייבען דרויסען, זיך מתקנא זיין אָן די, וועלכע זיצען שוין צוריק ביי דער אַרבייט, און עס וועט ווערען צווישען זיי א רייס פאַר די אַלטע פּלעצער, און אַזוי ארום וועט דער סטרייק צובראָכען ווערען; צווייטענס, האָבען מיר גערעכענט, אַז מיר וועלען קענען בשתיקה האָבען געמאַכט אונזער אַרבייט אין די שעפּער טאַקע, וועלכע וועלען האָבען כלומרשט געסעטעלט.

אָך, ליעבער פריינד, מיר האָבען געמאַכט דעם חשבון אָהן בעל הבית, איך מיין עס אָהן די יוניאָן. די גרעסטע טייל אַרבייטער אַרבייטען טאַקע און דווקא אויף די באַדינגונגען, ווי די יוניאָן האָט געוואָלט, אָבער די, וועלכע אַרבייטען נאָך ניט, לויפען ניט נאָר אין די שעפּער, נאָר איצט זיינען זיי נאָך שטייפער ביי זיך. אַז יענע האָבען אויסגעפיהרט, זאָגען זיי, מוזען מיר אויך אויספיהרען. אַנשטאָט אין די שעפּער, דרעהען זיי זיך ארום פון אין דערפריה ביז שפּעט אין דער נאַכט ארום די שעפּער, און, ליעבער פריינד, וואָס זאָל איך דיר זאָגען, עס איז שלעכט. מיט א פאַרבלוטיגטע האַרץ און, וואָס איז נאָך ערגער, מיט א צובלוטיגטע, צופלאַטשקעטע נאַז שרייב איך דיר דעם בריעף. איין פריהמאָרגען האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו זיין א בריה און פּרובירט אַליין, אָהן דער הילף פון מיינע געדונגענע בויאַנעס, וואָס קאָסטען מיר אָפּ א שלל מיט געלד, צו פאַרטרייבען די סטרייקער, איז פרעג שוין גאָר ניט, וואָס

יצחק גאָלדבערג
אינק.

אַלע זאָרטען זיסע און שטאַרקע וויינען קאָס־טען נאָר מיט 20 סענט פער גאלאָן מעהר ווי לעצ־טען יאָהר.

דער פרייז פון גרייפס ברענדי און שליוואָוויץ איז בעדייטענד העכער צוליעב דעם טעקס, און פון מאנכע זאָרטען האָבען מיר ניט קיין גרויסען סטאָק.

גיט צו אייער פעדלער דעם אָרדער אין צייט, אז איהר זאָלט קענען קריגען די זאָרטען, וועלכע איהר ווינשט. דיעזען יאָהר קענט איהר ביי אונז אויך בעקומען אמת'ען בוימאייל געפרעסט פון די פיינסטע איילבערט'ען אין שפּאַניען און פראנקרייך. עס איז די בעסטע וואס איהר קענט קריגען פאר אייער געלד.

די יוניאָן קאָאָפּעראטיוו סאָסייעטי
פון לאָקאל 35

וועט פערקויפען דיעזען יאָהר

מצות

צו אלע מעמבערס פון דער יוניאָן

די פרייז איז עטוואס אריבער דעם האָלסייל פרייז.

בעשטעלט אייערע אָרדערס וואס פריהער.

יוניאָן קאָאָפּעראטיוו סאָסייעטי
228 צווייטע עוועניו

20

יאָהר טרינקט שוין די וועלט קאָלאָמביא טהעע, און דערוויל האָט מען נאָך ביז יעצט קיין בע־סערע טהעע ניט אויס־געפונען — בלויז איין סאָרט טהעע איז דאָ וואס שמעקט עטוואס רייכער, און דאָס איז —

צוויעטאָטשני טשאַי

כשר לפסח

די בעסטע און געזונדסטע טהעע פיר'ן מאָגען.

צוויעטאָטשני טשאי קומט אין נומער 240, נומער 300 און נומער 500.

הויפּט ווערהויז פון קאָלאָמביא טהע, צוויעטאָטשני טשאַי, וואהיט לילי טהע, קאָלאָמביא קאפע און וואהיט לילי קאָקאָ

185 דיוויזשאָן סטריט

סטראַטמאָר פרעס
אַפּ־טו־דייט פּרינטינג
447 פּוירל סטריט,
ניו יאָרק.

טעלעפאָן גרעמערסי 2441

די לעאָנאַרד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

קלאָוק און סקוירט פּרעסערס יוניאָן לאָק. 35

אויפמערקזאם!

א רעגעלער ביזנעס מיטינג

וועט אָפּגעהאלטען ווערען

מאָנטאג, דעם 24טען מארטש, 8 אוהר אבענד

אין 79 דילענסי סטריט, וואו פאָלגענדעס וועט פארהאנדעלט ווערען:

דער אגרימענט, וועלכער וועט פארגעלעגט ווערען צו די מאנופעקטשורערס!

עקזעקוטיוו בעריכט!
און מענעדזשער'ס רעפּאָרט!

ברידער: מיר גלויבען אז איהר פארשטעהט די וויכ־טיגקייט פון דעם מיטינג און איהר וועט זיכער קומען אין מאָסען.

דזש. ברעסלאָוו, מענעדזשער.

סקאָטט ניערינג

האָט אָנגעשריבען א קאָרעספּאָנדינג־קורס וועגען

דער מענשליכער עלעמענט אין עקאָנאָמיקס.

3 מאָנאַטען־טעקסט־בוך און עקזאמי־נישאָנס פאר 5 דאָלאר.

5 אנדערע קורסען אין סאָציאליזם, היסטאָריע א. ז. וו. ביי אלדזשערנאָן ליע, מאָריס הילקוויט און אנדערע.

שרייבט צו:

RAND SCHOOL
7 East 15th St., Nw York City

רעזאָרסעס איבער

$45,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפּאָזיטאָרס

די סטייט באנק

זיכער — קאָנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יאָרק קלירינג הויז

דעפּאָזיטאָרי פון די יונייטעד סטייטס, סטייט און סיטי אָף ניו יארק
פייער דעפּארטמענט און יונייטעד סטייטס פּאָסטעל סיווינג פאָנדס

THE STATE BANK

שטאַרק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סט., 100 עססעקס סט.

7 וועסט 26טע סטריט. ניו יארק 1400 פינפטע עוועניו

158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עוועניוס

ברוקלין ברענטשעס:

גרעהעם עוו. און וועדעט סט., פיטקין און סטאָן עוועניוס.

האט איהר פּראָפיט פון אייער געלד?

פאַרוואָס זאָל אייער געלד ניט אַרבייטען פאַר אייך?

געלד מוז פאַרדינען געלד

געלד איז געשאַפען געוואָרען צו ברייננגען אַן איינקונפט פאַר דעם איינגענטימער און ניט זיך אַרומטראַגען מיט דעם, אדער האלטען פארשלאָסען אין באַקסעס, וואו עס ברייננגט ניט קיין פּראָפיט.

באַקסעס צאָהלען קיין פּראָצענט! געלד דאַרף ליגען אין אַ באַנק!

אָבער איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען וועלכע ליגען פאַר פאַר יעדען איינעם וואס וויל אוועקלעגען זיין אָפּגעשפּאָרטעס געלד און האלט אין עפענען איין אַקאַונט אין א באַנק איז:

אין וועלכער באַנק זאָל איך ווערען אַ דעפּאָזיטאָר?

דיעזע פראַגע קען זעהר לייכט בעאַנטוואָרטעט ווערען, ווען איהר זאָלט זיך אליין פרעגען:—

1) גיט מיר יענע באַנק צאָהלען מיין פּראָצענט פאַר מיין געלד?
2) וועל איך באַקומען פּראָצענט פון מיין געלד ווען איך ווער אַ דעפּאָזיטאָר היינט?
3) אָדער צו וועל איך מוזען וואַרטען ביז דער פּראָצענט וועט זיך ערשט אָנפאַנגען רעכענען פון נעקסטען דזשולאי און פאַרלירען פאַר קאַרגע 4 מאָנאַט אינטערעסט?
4) איז די באַנק באַקוועהם? איז זי אָפען ביז 8 אוהר אבענדס — און צאָהלט זי אויס געלדער צו יעדער צייט —

און אייער ענטפער וועט זיין, אז —

1) די באַנק וועלכע גאַראַנטירט אייך צו צאָהלען פולען אינטערעסט —
2) די באַנק וועלכע צאָהלט אייך אינטערעסט פון דעם טאָג אָן ווען איהר ווערט אַ דעפּאָזיטאָר **פון היינט אָן**
3) די באַנק וועלכע איז באַקוועהם — איז אָפען פון 9 אין דער פריה ביז 8 אוהר אבענדס — און צאָהלט אויס געלדער צו יעדער צייט —

די באַנק אָוו יונייטעד סטייטס

איז די באַנק צו וועלכער יעדער אַרבייטער און יעדער ביזנעסמאַן זאָל געהערען.

איהר קענט היינט אריינגעהן אין איינע פון אונזערע דריי (3) בענקס אין

5טע עוועניו און 32טע סטריט — 77־79 דעלענסי סטריט — און מעדיסאָן עוועניו און 116טע סט.

און עפענען איין אינטערעכט אקאונט און דאָס פּראָצענט פון אייער געלד

ווערט גערעכענט פון היינט אָן

איהר פארשפּאָרט זיך ארומצוטראגען מיט אייער געלד אין די איצטיגע געפעהרליכע צייטען. איהר דארפט ניט האלטען אייער געלד אין די באַקסעס וואו עס ברענגט **ניט איין סענט פּראָפיט.**

איהר קענט ווערען א דעפּאָזיטאָר אין אונזער באנק און זאָל אייער געלד פארדינען פאַר אייך דעם ריכטיגען פּראָצענט צו וועלכען איהר זייט בארעכטיגט פון היינט אָן.

דער גרויסער סוקסעס וואָס די באנק האָט געמאַכט זייט איהר עקזיסטענץ, די פּראָגרעסיווע ביזנעס פעהיגקייטען פון איהרע פערוואלטער, די מאָדערנע סיסטעמען פון פינאנץ־פערוואלטונג, די נייע אידעען און די רעעלע באהאנדלונג האָט פּראַאינטערעסירט איבער הונדערט פון די פּראָנעהמסטע מיליאָנערען, באנקירען און מאַנופעקטשורערס צו ווערען שעהר־האָלדערס און דירעקטאָרען אין דיעזער באנק און אונזער

דריטע נייע באַנק אין 5טע עוועניו און 32טע סטריט

איז געעפענט געוואָרען אם 15טען יאנואר און ביז יעצט זיינען די דעפּאָזיטס אין יענער באנק אליין באנייהע

$4,000,000.00

די דירעקטאָרען און די שעהר־האָלדערס פון דער באנק זיינען מענשען פון דעם העכסטען גראד וועלכע זיינען באריהמט אין דער פינאנציעלער און אינדוסטריעלער וועלט און וועמענס פּאַראייניגטער פארמעגען באטרעפט אריבער הונדערטע מיליאָנען דאָלאַר. דאָס אליין איז א גענוגענדע איבערצייגונג אין דער זיכערהייט און שטאַרקהייט פון די באנק אָוו יונייטעד סטייטס און עס וועט זיין אן עהרע יעדען אידען בכלל און דעם יודענטום בפרט צו זיין א דעפּאָזיטאָר אין דיעזער באנק.

דעם ביזנעסמאן און דעם מאנופעקטשורער וועלכער האָט זיין סטאָר אָדער פעקטאָרי אין דער נאָכבארשאפט פון אונזערע 3 בענקס פרעגען מיר פאָלגענדעס:

1) צאָהלט אייך אייער באנק אינטערעסט אויף אייערע טעגליכע באלאַנסעס?
2) האָט איהר פון אייער באנק די פולע אַקאָמאָדיישאָנס און דיסקאונטס צו וועלכע איהר זייט בארעכטיגט?
3) ווערט איהר אַלס ביזנעסמאן אָדער מאנופעקטשורער באהאנדעלט אין אייער באנק ווי עס געהערט אייך?

די באנק אָוו יונייטעד סטייטס גיט אייך דיעזע באקוועמליכקייטען און באהאנדלונג און איז בערייט יעדען ווערטפאָלען געשעפטסמאן מיטצוהעלפען מיט ראָט און טאט און איהם פיהרען צו סוקסעס אין זיינע ביזנעס.

מיר לאַדען איין יעדען ביזנעסמאן צו באזוכען אונזערע בענקס און זיך באַגעגענען מיט די בעאמטע און זיך בעראטען וועגען עפענען איין אקאונט אין אונזערע בענקס. קליין אָדער גרויס, איהר באקומט די זעלבע בעהאנדלונג.

דורך דעם אונגעהויערען צוואוואוקס אין קאַפּיטאַל און סוהפּלוס פון דיעזער באנק זיינען מיר אימשטאנדע צו געבען די בעסטע געלעגענהייטען און מאַטעריעלע באקוועמליכקייטען צו אונזערע נייע דעפּאָזיטאָרס.

עפענט איין אַקאונט מיט דיעזער פּראָגרעסיווער

באַנק אָוו יונייטעד סטייטס

5טע עוועניו און 32טע סטריט — 77־79 דעלענסי סטריט — און מעדיסאָן עוועניו און 116טע סט

THE BANK OF THE UNITED STATES

5th Avenue at 32nd Street — 77-79 DELANCEY STREET — Madison Avenue and 116th Street

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאק. 1

א. ל. ג. וו. י.

אפיס 238 פערטע עוועניו. טעלעפאן גרעמערסי 1063

אום צו געבען א געלעגענהייט די אפערייטארס וועלכע עס קומט אוים שווער צו קומען אין אפיס אין מיטען וואך צו בעצאהלען זייערע שולדען האבען מיר באשלאסען צו האבען דעם אפיס אפען אלע זונטאג ביז נאך דער ביזי, ביז 2 אוהר נאכמיטאג.

מיט-ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענעדזשער   מ. וואלבערג, טשערמאן

ס. דזש. רינגער, סעקרעטער.

קלאוק פינישערס פון לאקאל 9.

שבת אבענד, דעם 22טען מארטש, 1919

— אין —

„פארווערטס" האלל, 175 איסט בראדוויי.

דר. ב. האפמאן (צביון)

וועט לעקטשורען

„אינדוסטריעלע דעמאקראטיע"

י. אדלער (ב. קאוונער) וועט פארלעזען פון זיינע הומאריסטישע שטיקלעך.

אראנזשירט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע פון דזשענעראל אפיס.

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

נ. ב. — קלאוק פינישערס, ברייגנט אייערע ביכלעך!

איינטריט פריי!

לייזיעס ברענטש קלאוק פינישערס, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

א לעקטשור און קאנצערט וועט געגעבען ווערען אין

„פארווערטס" האלל, 175 איסט בראדוויי.

שבת אבענד, דעם 29טען מארטש, 1919

אלדערמען ב. וולאדעק

וועט רעדען איבער

די אויפגאבע פון דער טרייד יוניאן בעוועגונג אין דער יעצטיגער צייט

דער ארבייטער רינג מאנדאלין ארקעסטער, אונטער דער לידערשאפט פון פאפארעלע, ברענטש 615 וועלען מיטווירקען. פארלעזונגען און דעקלאמאציאנען פון דער פרייע אידישער פאלקס ביהנע, בר. 555 א. ר.

הומאריסטישע פארלעזונגען וועלען געגעבען ווערען פון ב. קאוונער (י. אדלער), דער בעריהמטער שרייבער פון „פינע און יענטע."

עדיוקיישאנאל קאמיטע, לאקאל 9, צוזאמען מיט דער דזשענעראל עדיוקיישאנאל קאמיטע, א. ל. ג. וו. י.

„נייזעל-רעסט" הייסט בעקוועמליכקייט! די קאסט איז קליין — דער פערגעניגען גרויס!



יעדער איינער וואס טראגט גלעזער — דארף נוצען א פריים וועלכע זאל פאסען זיין נאז, און זאל ניט פעראורזאכען שמערצען אדער נערוועזיטעט.

דר. ב. ל. בעקער'ס „נייזעל-רעסט" איז געשאפען געווארען צו פערמיידען די אלע שוועריגקייטען.

דר. בארנעט ל. בעקער

215 East Broadway   100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn   895 Prospect Ave., Bronx

אויגען ווערען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען-ספעציאליסטען.

מצה כשרה לחג הפסח

שמורה משעת טחינה

תחת השגחת הרב ה"ג דר. קליין והרב ה"ג מ. ז. מרגליות

ביי געברידער האראוויטץ און מארגארעטען אינק.

HOROWITZ BROS. & MARGARETTEN, Inc.

OFFICE AND BAKERY, 369-379 EAST 4TH STREET.
Near Ave. D.   Tel. Orchard 4014   New York

מיר בעטען אונזערע קאסטאמער זיי זאלען זיך ניט לאזען איינרעדען קיינע בלאפס, לעזט פארזיכטיג אונזער פולען נאמען און אדרעס אויף יעדען באנדעל מצה און מצה מעהל.

ר' מאיר לאנדאן'ס מצה

כשר בתכלית הכשרות אפילו למהדרין מן המהדרין בהכשר הרב הג' ר' שלום אלחנן יפה, רב דבהמדה"ג

מצה דיעלערס און צו אלע קאונטרי לייט ווי אויך צו אלע אידען פון דער גאנצער וועלט!

פארנאכלעסיגט ניט אייער פליכט צו אדערען אזוי שנעל ווי מעגליך אונזערע מצות וואס זיינען באוואוסט שוין ביינ'הע א יובל יאהרען „50 יאהר"

פ'ר די בעסטע, פיינסטע, געזינדסטע און כשר'ע מצה אין דער וועלט

מיר בעטען שיקט אייערע ארדערס בעציייטענס כדי מיר זאלען קענען אייך צופריעדען שטעלען מיט מעהרער פריינדליכקייט, ווייל די דעליוועריז איז היינטיגען יאהר אויך ניט אמבעסטען.

MEYER LONDON, 494-6-8 Grand St., N. Y., Tel. 3793 Orchard

קונסט!   דראמע!

ווילט איהר זיך פרעהען מיט אונז אין

פיפעלס טעאטער

דאן קומט צו דער גרעסטער

גאלא פארשטעלונג

אונטער דער אויפזיכט פון די

קאסטאם דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 90

מאנטאג אבענד, דעם 31טען מארטש

דער געניאלער מאסען באליעבטער ארטיסט הערר ד. קעסלער און די גרויסע ארטיסטין מאדאם מאלווינא לאבעל.

צוזאמען מיט דער גאנצער קינסטלער געזעלשאפט, וועלען צום ערשטען מאל דיזען סיזאן אויפטרעטען אין

אוריאל אקאסטא

וואטשט אונזערע ווייטערע אטרעקשאנס.

טיקעטס צו פאפולערע פרייזען צו באקומען אין באקס אפיס פון טעאטער, 201 בווערי און אין אפיס פון דער יוניאן, 175 איסט בראדוויי. באזארגט אייך מיט א טיקעט.

THOMASHEFSKY'S NATIONAL THEATRE

טעלעפאן ארטשארד 2612.

5טען וואך! גרעסטער סוקסעס! 18 נומערען מוזיק!

65,000 בעזוכער האבען בעוואונדערט „דאס אלטע ליעדעלע", וועלכעס האט איבערטראפען אלע אפערעטען פון טהאמאשעווסקי און רומשינסקי.

פרייטאג אב., שבת און זונטאג מאט. און אב., 21טען, 22טען און 23טען מערץ, ה' בארים טהאמאשעווסקי, ה. קעסטין, ה' יאוועליר, ה' שווארץ, ה' פריעד, ה' גרינבערג, ה' גאלד, ה' צוקערמאן, אלע אונזערע פרימאדאנאס: רעגינא פראנער, רעגינא צוקערבערג, ראזא גרינפעלד, מאד. זיעבעל, מאד. אבראמאוויטש און בעסי ווייסמאן. — מיר האבען אויך אנגאזשירט פיר דיזער אפערעטא א בעריהמ־טען זינגער, ה' גוטמאן, אין אונזער נייער פראדאקשאן.

דאס אלטע ליעדעלע

AN OLD FASHIONED MELODY

אפערעטע אין 3 אקטען מיט א פראלאג פון ב. טהאמאשעווסקי, אויסגעשטאטעט פון הערר טהאמאשעווסקי, דעקאראציאנען נעמאלען פון זאלצ־מאן, ארענדזשמענט פון י. האכשטיין, סינערים געבוים פון ל. לאפידוס. 18 נומערען מוזיק מיט אן עקסטרא סימפאני ארקעסטער פון י. רומשינסקי. טענץ אראנזשירט פון דעם בעריהמטען בראדוויי פראדויסער, דען דאודי.

ליעדער פון דער אפערעטע:

1) ביים כותל מערבי, קאהר, געזאנג און היילינער טאנץ; 2) אראבישע פאנטא־זיע, געזונגען פון ה' ניימאן; 3) קינות, אריע און געבעט, געזונגען פון מאד. פרא־נער; 4) אינטערמעצא, ה' רומשינסקי און זיין סימפאני ארקעסטער; 5) רוסישער געזאנג און טאנץ, אויסגעפיהרט פון בעסי ווייסמאן; 6) פאלקס דועט, געזונגען פון סעם קעסטין און בעסי ווייסמאן; 7) אז משיח וועט קומען, געזונגען פון ה' ניימאן; 8) ישמחו במלכותך, געזונגען פון ה' יאוועליער; 9) חנוכה ליכט בענשען, אויסגעפיהרט פון גאנצען אנסאמבעל; 10) פינאל; 11) די לוסטיגע חברה, אנ־סאמבעל; 12) קארטען ווארפען, מאד. זיעבעל און אנסאמבעל; 13) טערצעט, פאלקס־מאטיווען, מאד. צוקערבערג, שווארץ, פריעד; 14) מיין קינד, מיין קינד, מאדאם צוקערבערג; 15) אדעכער חברה־לייט, אנסאמבעל; 16) פינאל; 17) לשנה טובה בירושלים, מאדאם פראנער; 18) דועט, הערר קעסטין און בעססי ווייסמאן; 19) די מאקאבעער אפערע, אויסגעפיהרט פון אנסאמבעל.

מיר האבען אנגאזשירט פיר דיזער וואונדער־פראדאקשאן די גרעסטע 2 טענצער פון קאזלאף'ס באלעט: הערר סאלאמאנאף און קא.

איבעררראשענדע נייעס!

מיר מאכען באקאנט אז די גרויסע בעריהמטע קינסטלערין מאד. בעסי טהאמאשעווסקי, פאננט אן צו שפיעלען פסח און אויך דעם גאנצען מאנאט מאי, צוזאמען מיט ה. שעהנגאלד.

אין א גאניץ נייער האמעדי: „ווי מענער ליעבען".

GABEL'S THEATRE

235 Bowery, Tel. Orchard 4345

Harry Gotti, Business Mgr.

מאקס געביל'ס נייע פיעסע „עדעלע געפיהלען" איז שטארקער פון „פאבליק אפיניאן", אינטערעסאנטער פון „ריינע געוויסען", שפאנענדער פון „פערלוירענע יוגענד."

2טע וואך! גרעסטער סוקסעס! 2טע וואך!

פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג מאטינע און אבענד, 21טען, 22טען און 23טען מארטש

ה. מאקס געביל, מיס דזשעני גאלדשטיין, ה' עליאס ראטהשטיין, מאד. לאוויז, מיס סינקאף, מאד. פערקויף, ה. סאמאילאף, ה' יאקאב גאלדשטיין, ה' פערקויף, ה' בלייכער און ה' האלענדער אין

עדעלע געפיהלען

צייטבילד אין 4 אקטען פון מאקס געביל (סוזשעט פון נ. זייקין.) ליריקס פון דזשעני גאלדשטיין, מיוזיק פון ארנאלד און פערלמוטער.

IRVING PLACE THEATRE

אורווינג פליים און 14טע סטריט.

טעלעפאן, סטייוועסאנט 1351.

מאררים שווארץ, דירעקטאר.

5טע וואך! 5טע וואך!

גרעסטער ערפאלג!

פרייטאג אווענט, שבת און זונאג מאט. און אווענט 22טען און 23טען מארטש

דער גרויסער ליטעראַרישער סוקסעס

פון פרץ הירשביין

פארפאסער פון „פארוואָרפען ווינקעל"

דעם שמיעד'ס טעכטער

אויפגעפיהרט פון מאררים שווארץ.

פאלגענדע קינסטלער באטייליגען זיך אין דיע דיעזען מייסטערווערק:

מאררים שווארץ, סילי אדלער, לודוויג זאץ, בארים ראזענאל, יהיאל גאלד־סמיטה, א. טענענהאלץ און בערטהא גערסטען.

א פרעזענט פאר די מאטינעס

עקסטרא איבעררראשונג פאר אונזערע מאטינע באזוכער

דעם שבת און זונטאג מאטינעע וועט יעדער מאן אדער פרוי, ביים קויפען זיין טיקעט, באקומען א פרעזענט, די מו־זיק פון דעם בארימטען ליעד

מיידעל מיידעל מיידעל

(איך האב דיך ליעב.)

וואס מאררים שווארץ זינגט אין אונ־זער סוקסעס פיעסע דעם שמיד'ס טעכטער.

דאנערשטאג אווענט, 3טען אפריל עקסטרא גרויסע קונסט־פארשטעלונג.

אסקאר ווייילד (דער גרעסטער ענגלישער פאעט) אויף דער אידישער ביהנע. לכבוד אונזער דירעקטאר און קינסטלער ה. מאררים שווארץ, וועט אויפגעפיהרט דאס בעסטע ווערק פון אסקאר ווייילד:

דער אידעאלער מאן

עקסטרא וויכטיגע באקאנטמאכונג פאר אלע יוניאנס, סאסייעטיס און ארבייטער רינג ברענטשעס, מיר שפילען ביז דעם 18טען מאי. אונזערע ביכער זיינען אפען פאר בענעפיטס און טיקעטס.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי

לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן

פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע קאלאמביא טהעע צוועטאטשני טשאי

וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען וועגען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין בארד, גיט אן דעם נאמען ביי ויע־מען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאַ־דזשעס אדער פאראיינען ווערען פאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר'ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויף'ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

וואָרט פאר וואָרט

קאנווענשאנס, מאסס־מיטינגס א. ז. וו. ווערט בעריכטעט.

איבערזעצונגען, נאטארי פאבליק, מול־טיגראפינג, אדרעסינג, מימעאגרא־פינג, פאבליק־סטענאגראפי א. ז. וו.

ביי דער

קאנווענשאן רעפארטינג קא.

32 Union Sq. New York, N. Y.
Stuyvesant 1963—5296—837
B. S. Au. 12646 — 3-29-19

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערם.

484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טעל. ארטשארד 2186

שיטצען האלל

12 סט. מארקס פליים

זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.

א סטריקטלי יוניאן הויז.

טוירטעלטויב & שייפער, מענ.

איראן פריפערעטארי סקוהל

187 איסט בראדוויי

דזשיי. ע. איראן, פרינציפאל.

טאג און אבענד קלאסען.

פרעפערטינט פאר אלע רידזשענטס עקזאמינייישאנס, פאר קאללעדזש, און קאמוירשעל סאבדזשעקטס.

לערענט זיך עפעס אוים, אויב איהר ווילט זיין ערפאלג־רייך אין לעבען.

נאך א פאר געצעהלטע טעג

קלאוקמאכער!

נאך א פאר געצעהלטע טעג זיינען פערבליבען פאר איינצאהלען דעם טעקס. שוועסטער און ברידער, אויב איהר ווילט ניט בעצאהלען מעהר וויפיעל דער אריגינעלער טעקס איז געווען, געהט גלייך אין אייערע אפיסעס און בע־צאהלט דעם גאנצען טעקס.

דארפען מיר צו אייך פיעל רעדען? פערשטעהט איהר ניט אליין אייערע פליכטען? דארפען מיר אייך זאגען, אז די געלדער וועלכע איהר צאהלט איין, וועט איהר אליין פערברויכען אין דער צייט פון אייער קאמפף מיט אייערע מאנופעקטשורערס? איהר זייט ניט קיין קינדער. איהר ווייסט, אז א קאמפף, סיי א פאליטישער, סיי אן אינדוסטריע־לער, מוז האבען געלד, געלד און געלד!

די אפיסעס פון דער דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סטריט און 40 איסט 2טע סטריט, זיינען אפען יעדען טאג, פון 7 אוהר מארגענס ביז 9.30 אוהר אין אבענד. ווען איהר געהט צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, קענט איהר דעם טעקס בעצאהלען.

דזשאינט באארד קלאוקמאכערס יוניאן.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר נים אפּלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 11 PRICE 3 CENTS — Friday, March 28, 1919. — פרייטאג, 28טען מארטש, 1919.

גרויסער זיעג פון דער וועהייט גודס וואַרקערס יוניאַן

אלעס, פאר וואס די וועהייט-גודס ארבייטער האבען געקעמפפט, האבען זיי געוואונען: א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, א העכערונג אין ווייר־דזשעס און, וויכטיגער פון אלץ, די פולסטע אנערקענונג פון דער יוניאן. — יעדער שאפ, וואו עס ארבייטען איצט די וועהייט-גודס וואירקערס, איז הונדערט פראצענט יוניאן-שאפ. — אונזער הערצליכסטע גראטולאציאן צו דער וועהייט-גודס וואירקערס יוניאן, צו די פיהרער פון'ם סטרייק, ס. שאר, וו. דייוויס און פון אלע, אלע אנדערע געטרייע קעמפפער, גענעראלען און סאלדאטען. — אונזער דאנק צו דר. הענרי מאסקאוויטש, דעם טשערמאן פון די קאנפערענצען, און וועלכער האט גענומען זיך די מיה צוזאמענצוברענגען די שטרייטענדע צדדים. — אונזער קאמפלימענט צו די וועהייט-גודס באסעס, וועלכע האבען איינגעזעהען די נוצלאזיגקייט פון וויטערען קאמפף און האבען זיך אונטערגעגעבען צו דאס אומפארמידליכסטע.

דער קאמפף פון די וועהייט גודס וואירקערס האט זיך לעצטען שבת געענדיגט מיט דעם העכסטען ערפאלג, וואס מען האט געקענט ערווארטען.

דער ערפאלג איז א כשר-פארדינטער. דער סטרייק איז געפיהרט געווארען ערנסט, ענטשלאסען און מיט פיעל טאקט. די באסעס זיינען פון אזא סטרייק-פיהרונג געוועזען אודאי העכסט-אונאנגענעהם איבערראשט, ביז זיי זיינען געקומען צום באשלוס, אז עס וועט זיי גארנים העלפען, און זיי וועלען פריהער אדער שפעטער מוזען נאכגעבען די פאדערונגען פון די ארבייטער. און זיי האבען באשלאסען, אז עס וועט זיין געזינטער פאר זיי פריהער, ווי שפעטער.

פון איצט אן און ווייטער וועלען די וועהייט-גודס ארבייטערינס נים ארבייטען מעהר ווי 44 שטונדען די וואך. פאר איינעם, וואס ווייס נים, וואס פאר אומענשליכע שטונדען עס האבען געארביים דיזעלבע מיידלעך, בלויז מיט עטליכע יאהר פריהער; ווי זיי פלעגען עס מורזען אויפשטעהן גאנץ אין דער פריה, א בליאסק אויף טאג, און זיך זעצען צו דער ארבייט און ארבייטען אהן אן אויפהער ביז שפעט אין דער נאכט, און אונטער וועלכע שלעכטע סאניטארע באדינגונגען, דער וואס ווייס עס נים, דער קען נים באגרייפען די גאנצע באדייטונג פון דעם געוואלדיגען זיעג, ניין, פון דער געוואלדיגער רעוואלוציע, וואס איז דא פארגעקומען. נאטירליך, דארף מען נים דענקען, אז דאס איז געשעהן אט טאקי אין די עטליכע וואכען פון קאמפף, גרויס און שעהן, ווי ער איז געוועזען. דאס איז דער רעזולטאט פון א לאנגיעהריגער מיהזאמער, אנגעשטרענגטער ארבייט פון אגיטאציע און ארגאניזאציע, דאס איז די שעהנע פרוכט פון דער גרויסער יוניאן־טעטיגקייט פאר די פיעלע יאהרען, וועלכע איז געוועזען דאס מערקווירדיגער, ווייל זי איז געוועזען אזא שטילע.

דער וועהייטגודס וואירקערס יוניאן איז שוין אזוי באשערט, אז זי זאל טאן איהר ארבייט שטיל. גראדע איז איהר אויסגעקומען ארויסצוטרעטען אין קאמפף, ווען איהר עלטערע און פיעל, פיעל גרעסערע שוועסטער-ארגאניזאציע איז שוין געשטאנען עטליכע וואכען אין קאמפף. נאטירליך, האט דער גרעסערער קאמפף געמוזט ציהען אויף זיך די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון עולם, די גאנצע פובליסיטי, דעם גאנצען קאך אין געפילדער, וואס מאכט דעם קאמפף אזוי אויפרעגענד און ביז צו א געוויסען גראד אזוי אינטערעסאנט.

די וועהייט גודס וואירקערס יוניאן האט

(שלוס אויף ז. 2.)

העכסט-וויכטיגע קאנפערענצע

מיר האבען אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" פארעפענטליכט דעם בריעף, וואס די אינטערנעשאנאל, צוזאמען מיט דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האבען געשיקט צו דער „קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסס'ן" וועגען דער נויטווענדיגקייט איינצורופען קאנפערענצען פאר א פריהצייטיגער און געגענזייטיגער פארשטענדיגונג צווישען דער אסס'ן און דער יוניאן, איידער דער סעזאן הויבט זיך אן.

פראגען אויף דער טאגעס-ארדנונג זיינען דא זעהר וויכטיגע. די וויכטיגסטע איז געוויס די פראגע פון איינפיהרען וואך-ארבייט, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל און איז נאכדעם גוטגעהייסען געווארען דורך א רעפערענדום פון אלע שטיק-ארבייטער.

די איינפיהרונג פון וואכען-ארבייט איז אלזא פון דער זייט פון דער יוניאן א באשלאסענע זאך. אבער כדי די נייע סיסטעם זאל ארבייטען גוט, מוזען די באסעס האבען גענוג צייט זיך צו פארפערטיגען צו דעם. דאס איז געוועזען די הויפט אורזאך, ווארום דער בריעף פון דער יוניאן איז ארויסגעשיקט געווארען.

און עס איז קענטיג, דאס די באסעס, פון זייער זייט, פארשטעהען די גאנצע וויכטיגקייט פון דעם אויפטו, און האבען אונגעזאמט געענטפערט מיט א צושטימונג, ווי דאס איז צו זעהן פון פאלגענדען בריעף:

מערץ 24, 1919.

אינטערנעשאנעל לײדיעס גארמענט ווארקערס יוניאן,
מר. בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט.
דזשאינט באארד אוו קלאוק, סוט און ריפער מייקערס יוניאן,
מר. מאררים זיגמאן, מענעדזשער, ניו יארק סיטי.

דזשענטלמען: —

אייער מיטטיילונג פון דעם 19טען דעם מאנאט איז פאר אונז, און אין ענטפער אויף דעם, ערקלערען מיר, דאס מיר קענען זיך צוזאמענטרעפען אויף א קאנפערענץ אין א באשטימטען טאג אין דעם משך פון דער וואך פון דעם 31טען מערץ.

ווילט איהר אונז פריינדליך וויסען לאזען פון דער צאהל פארשטעהער, וואס וועלען זיך באטייליגען אין דער קאנפערענץ? און אויב אייער סעקרעטער וועט זיך צונויפרעדען מיט אונזער סעקרעטער, מר. ווייערד, קען די צייט און פלאץ דעפיניטיוו באשטימט ווערען.

אייערע באמת,
קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסס'ן.
דורך שאול זינגער, טשערמאן.

מיר האפען, אז די קאנפערענצען וועלען פיהרען צו א געגענזייטיגער פארשטענדיגונג און אז עס וועט אויסגעמידען ווערען אויף אזא אופן אלעס, וואס קען שטערען דעם נארמאלען גאנג און לעבען פון דער גרויסער קלאוק-אינדוסטריע.

וואונדערבאר!

שוין צעהן וואכען, ווי די לײדיעס וועיסט מאכער שטעהען שוין אין קאמפף, און די קעמפפער זיינען נאך אלץ פונקט אזוי מונטער און דער ווילען צו זיעגען איז פונקט אזוי שטארק, ווי אין דעם סאמע ערשטען טאג פון סטרייק.

איז עס נים ווירקליך וואונדערבאר?

שוין צעהן וואכען, ווי טויזענדע און טויזענדע ארבייטער-מיידלעך זיינען אין סטרייק. דער סטרייק האט שוין אפגעקאסט א פארמעגען, און נים נאר האט די יוניאן נים פארקלענערט די סומע פון סטרייק-בענעפים, נאר זי האט איהר נאך פון דער וואך אן באדייטענד געהעכערט, אזוי ווי די יוניאן וואלט געהאט קורח'ס אוצרות. זי האט נאך קיין וואונק אפילו נים געטאן צו דער גרויסער ארבייטער באוועגונג, פאר וועלכע מעהר ווי א וואונק וואלט נים נויטיג געווען, אז זי דארף איהר הילף.

איז דאס נים ווירקליך וואונדערבאר?

און אט אן דעם ווערען צושלאגען אלע טענות און ארגומענטען פון די באסעס. זיי מעגען שרייען געוואלד, אז זייערע ארבייטער אין זייערע שעפער האט גאר נים געפעהלט, אז זיי האבען געלעבט, ווי גאט אין פראנקרייך, אבער ווער קען זיי גלויבען, ווער וועט זיי גלויבען, ווען ער זעהט, ווי אט די מיידלעך, וועמען עס איז געוועזען אזוי וואויל ווי די וועלט, שטעהען שוין צעהן וואכען אין קאמפף, ענטשלאסען אויסצוקעמפפען אלע זייערע פארדערונגען?

אט אן דעם געוואלדיגען ווילען צו זיעגען מוז צושמעטערט ווערען די עקשנות פון די באסעס, ווי לאנג זיי זאלען נים וועלען ציהען דעם קאמפף.

אט דורך דער ריעזיגער מאכט פון דער אינטערנעשאנאל, וועמעס קאמפפס־לוסט און קאמפפס-מיטלען שיינען צו

קאנפערענץ צווישען פארשטעהער פון די וועיסט־סטרייקער און באסעס אסס'ן אפגעבראכען

אויף דער איינלאדונג פון דר. וויליאם י. שיפליין, טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, און פון דר. הענרי מאסקאוויץ, א מיטגליעד פון דעם זעלבען באארד, האבען ביידע צדדים, די אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן און די באסעס אסס'ן, אנגענומען דעם פארשלאג זיך צוזאמענצוקומען ביי א קאנפערענץ, אפשר וועט מען דאך קענען קומען צו א סעטעלמענט.

דאס איז די ערשטע צוזאמענקונפט צווישען די פארשטעהער פון ביידע זייטען זייט דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען מיט צעהן וואכען צוריק.

אלס קאמיטע צו דער קאנפערענץ פון דער זייט פון די סטרייקער זיינען אויסערוועהלט געווארען פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע: ב. שלעזינגער, אב. באראוו, וואס רעפרעזענטירען די אינטערנעשאנאל, און די פאלגענדע מיטגליעדער פון דער סטרייק קאמיטע: ה. גוזמאן, מ. בערלין, עליאס ליעבערמאן, ה. בעינעלצוויינ, ס. לעווין, ז. הייממאן, מים אסנרינסקי און מים סילווער.

ליידער אבער האט זיך די קאנפערענץ אויסגעלאזט מיט גארנים. אין דער דיסטשארדזש פראגע שטעהען די באסעס נאך אלץ אויף דעמזעלבען שטאנדפונקט, ווי ווען דער סטרייק האט אויסגעבראכען. מיט איין האנד גיבען זיי כלומר'שט עפעס און מיט דער אנדערער ווילען זיי אוועקנעהמען מעהר, וויפיעל זיי גיבען.

די נאכריכט, אז די קאנפערענץ איז אפגעבראכען, ערהאלטען מיר, איידער מיר געהען צום פרעס. מעהר וועגען דעם אין נעקסטען נומער, און דער קאמף מוז אלזא אנגעהן אין זיין גאנצער שטארקייט, ווי ביז איצט, און נאך שטארקער.

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 11 „גערעכטיגקייט."

זייט 2. — די וואך-ארבייט פראגע אין שיקאגא — ה. סקולמאן; שלוסען פון ערשטער זייט.
זייט 3. — וויכטיגע פאסירונגען ביי אונז אין לאנד. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 4. — סקאט נירינג אין יוניטי הויז. — ליליען וואלאד; די פרויען-וועלט. — ראזע בעדריק.
זייט 5. — לײדיעס טיילארס יוניאן לאקאל 80. — ה. הילפמאן; אין דער פיקעט לײן. — א סטרייקערין; די עמברוידערי ווארקערס יוניאן האט א שטילען זיעג.
זייט 6. — דער מיטינג פון דזשאינט באארד — ל. לאנגער; עהרענליסט פון די קלאוק שעפער.
זייט 7. — לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד — א סטעף רעפארטער; א באשערטע פאר — מרים קארפילאוו.
זייט 8. — איינגעבארג (ראמאן). — ב. קעטערמאן.
זייט 9. — ראמאן; א בריעף צום רעדאקטאר. — י. מענקאף.
זייט 10. — פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. — וואס א יוניאן באטייט. — עלען א. קעננאן.
זייט 12. — די הויפט סיבה פון די ארבייטער אונרוהען. — א. זעלדין; כאטש אין ערד-קוגעל (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. — אנשטאט א טעאטער קריטיק. — ז. קארנבליטה; נייע בעלי הבית'טעס. — יענטע סערדאצקי.
זייט 14. — 1911—1919 — עליזאבעט באזאנאווימש; קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייט 15. — די באוועגונג פאר מוני'ס באפרייאונג.
זייט 16. — אין דער אמעריקאנער ארבייטער וועלט. — נ. בוכוואלד; אינטערנעשאנאל עדוקיישאנאל דעפארטמענט. — ס. ליבערטי.
זייטען 17, 18 און 19. — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. — א שענער מיטינג ביים סוף פון וועיסט גודס סטרייק. — א סטעף רעפארטער; סטרייק בילדער. — ס. ראסקין.

דער אינטערנעשאנאל קריגס דעפארטמענט

פון ל. פינקעלשטיין

אין דעם אינטערנעשיאנאל קריגס־דעפארטמענט, אין 31 יוניאן סקווער, האט זיך לעצטענס אביסעל אומגעביטען די אטמאספערע. אמת, דער קריעג איז נאך ניט אינגאנצען פאראיבער, די שלאכט געהט נאך אן אויף צוויי פראנטען, ביי די וויסט מאכער און ווייטגודס ארבייטער, און דער קאמף איז נאך ערשט איצט אין פולען ברען, דאך אבער פיהלט זיך ניט מעהר אין דעם קריעגס דעפארטמענט די אנגעשטרענגטקייט, די נערוועזיטעט און די אונרוהיגקייט וואס עס האט זיך דארט געפיהלט אין די ערשטע טעג ווען די סטרייקס האבען אויסגעבראכען.

פארשטעהט זיך, ס'איז דא דערפאר א גוטער גרונד.

ביים אויסברוך פון א קאמף, מעג אפילו די יוניאן זיין ווי צוגעגרייט, פיהלט זיך פון דעסטוועגען א געוויסע אומרוהיג־

ווימאשדין, דער אלטער יוניאן־פיהרער, און דער גאנצער מאכער פון דער פיקעט־קאמיטע.

קייט, א ניט־באשטעמטקייט, א ניט־זיכערקייט מיט דער לאגע. עס איז נאך דערמאלט ניט קלאר, ניט באשטימט און ניט באוואוסט די סטראטעגישע פלענער פון דעם צווייטען צד, פון דעם שונא. די פלענער פון די באסעס וואס לויערן צו פארניכטען דעם ארבייטערס פעסטונג, די יוניאן. און דאס פאראורזאכט צווישען די פיהרער פון דעם סטרייק, צווישען די סטראטעגיקער פון דער ארבייטער ארמעע א געוויסע אומרוהיגקייט.

אמת טאקע, מען איז ביי זיך באוואוסט וועגען דער אומבאזיגבארקייט פון דער פאראייניגטער ארבייטער־מאכט, אמת טאקע, מען וויים גאנץ גוט, אז אויף דעם אפענעם שלאכטפעלד קאנען די באסעס זיך קיין מאל ניט מעסטען אין קרעפטען מיט דער דיסציפלינירטער, גוט ארגאניזירטער ארבייטער ארמעע; מען וויים גאנץ גוט דאס די האבזוכט, דער ברוטאלער וואונש פון'ם באס צו האלטען די ארבייטער אין שאפ אונטער'ן אייזערנעם קנאפעל פון רעכטלאזיגקייט קאן קיין מאל ניט באזיגען דאס פראגרעסיווע שטרעבען פון די פאראייניגטע ארבייטער־מאסען, צו האבען א ווארט אין שאפ, ווען עס האנדעלט זיך וועגען זייער סאמע לעבען און עקזיסטענץ. ווארום, צו די באסעס וויסען דאס יא, אדער ווייסען דאס ניט, — עס זיינען דאך שוין אוועק יענע טרויעריגע צייטען, ווען דער ארבייטער איז באטראכט געווארען בלויז אלס א מאשין, בלויז אלס א שטומע באשעפענים, וואס איז געקומען אין דער וועלט צו באשאפען וואס מעהר רייכטום פאר זיין באס און אליין לעבען אין דער ערגסטער נויט. קורץ, ביי דער איצטיגער צייט, קאנען די פעהיגע ארבייטער־פיהרער גאנץ זיכער זיין מיט'ן זיעג, גלייך ביים אויסברוך פון דעם קאמף.

דאך אבער, אין די ערשטע טעג פון די מלחמה פיהלט זיך אין דעם קריעגס־דעפארטמענט א געוואלדיגע אומרוהיגקייט. ווי זיכער מען זאל ניט זיין מיט'ן זיעג, גנב'עט זיך דאך אריין אין קאפ א געדאנק: ווער וויים? אפשר האבען די באסעס, די בלוטיגע פיינד פון די ארגאניזירטע ארבייטער אזעלכע טייפלעשע פלענער פון וועלכע די יוניאן פיהרער ווייסען ניט?

אבער וואס לענגער עס פארציהט זיך דער קאמף, אלץ קלארער ווערט פאר אלעם ווי שרעקליך דום און אומבאהאלפען עס זיינען די באסעס אין הלכות קריעג־פיהרונג! זייער אומפעהיגקייט צו באגרייפען דעם רעוואלוציאנערען גייסט, און די פסיכאלאגיע פון די ברייטע ארבייטער־מאסען מאכט זיי צו פארלירען דעם קאמף נאך איידער ער האט זיך אנגעפאנגען. זיי ווייזען ניט ארויס קיין ברעקעל שארפזין, קיין קאפעטשקע אפילו, פון אן אמת מענשליכען פארשטאנד. אבער און ווידער כאפען זיי זיך צו זייער אלטען עקעלהאפטען מיטעל, גענגסטעריזם און פראוואקאציע, אבער צענדליגער טויזענדער ארבייטער קאן מען מיט דעם ניט באזיגען. דאס פיהרט זיי ניכער צו זייער אייגענער רואינע, צו זייער אונטערגאנג, און סוף כל סוף מוזען זיי זיך ענטוועדער אונטערגעבען אדער געהן געבראכען.

און דאס פיהלט זיך איצט אין דער אטמאספערע אין אונזער אינטערנעשיאנאל קריגס־דעפארטמענט. כאטש די שלאכט געהט נאך אן, כאטש דער קאמף אויף ביידע ליניען, ביי די וויסט מאכער און ביי די ווייטגודס ארבייטער איז נאך אין פולען ברען, אבער די מאנופעקטשורער פון ביידע לאגערן, מיט זייער דימען בייזוויליגען אידיאטישען „ליגעל אדוויייזער" ליגען שוין־געשלאגענע. זיי ווארפען זיך נאך אין קאנוואולסען אין דעם שמוציגען נעץ פון גענגסטעריזם און פראוואקאציע, אין וועלכען זיי האבען זיך, אין זייער גרויסער דומהייט, אליין איינגעפלאנטערט, אבער דאס האט שוין ניט קיין קראפט פון ווידערשטאנד. עס פיהלט זיך שוין, דאס באלד, באלד און זיי וועלען זיך מוזען אונטערגעבען און נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן. עס פיהלט זיך אז באלד, באלד, און זיי וועללען שוין מוזען איין מאל פאר אלע מאל איינזעהן, אז זיי וועלען קיין מאל, קיין מאל ניט קאנען ברעכען די אייזערנע מאכט פון די ארגאניזירטע ארבייטער! עס פיהלט זיך, דאס דער קאמף וועט זיין א גוטער לעסאן, אי פאר די וויסט מאנופעקטשורער, אי פאר די ווייטגודס מאנופעקטשורער, מעהר קיין מאל א קאמף ניט אנצופאנגען. ווי עס שיינט, וועללען זיי פארשעלטען דעם טאג וואס זיי זיינען געקומען אין באריהרונג מיט יענער פערזאן וואס האט זיי איינגעשלעפט אין דער מיזעראבלער לאגע, אין וועלכע זיי געפינען זיך און האבען ניט דעם מוט ארויסצוקריכען. פריהער אדער שפעטער, זיי וועלען דאס אבער מוזען טאן, זיי האבען ניט קיין אנדער אויסוועג.

אלזא, אין דער אטמאספערע פון אונזער אינטערנעשיאנאל קריגס דעפארטמענט טראגט זיך איצט ארום א געפיהל פון מעהר רוהיגקייט, אבער איהר זעהט נאך דארט אלץ דיזעלבע פיבערהאפטע טעטיגקייט, גלייך ווי פריהער. פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער באראף אין די אלע מיטגלידער פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין נויארק, זיינען נאך אלץ די פארנומענסטע מענשען אין נייארק, צו וועלכע מען קאן קוים צוקומען כאפען פאר א מינוט א שמועס. אין יעדען ווינקעלע פון דעם גרויסען אינטערנעשיאנאל אפיס, אין אלע דעפארטמענטס, וואו מען ווארפט נאר א בליק, שוויבעלט און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט. אלע, אלע זיינען באזעעלט מיט דעם בעסטען וואונש צו פארבעסערען די לאגע פון די צענדליגער טויזענדער מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציאן, ניט נאר אין נויארק, פון איבער'ן גאנצען לאנד.

* * *

אין די פריהערדיגע ארטיקלען איז דער אפטיילונג, רעדענדיג וועגען דעם וואונדערבארען מאכאניזם פון אונזער דזשענעראל סטרייק קאמיטעס, אנווייזענדיג ווי וואונדערבאר הארמאניש עס ארבייטען די פארשידענע קאמיטעס וואס שטעלט צוזאמען אט יענעם גרויסען מאכאניזם, האבען מיר געשריבען א פאר ווערטער וועגען איינינע פון יענע קאמיטעס. מיר האבען נאך אבער אלץ ניט געשריבען וועגען אלע יענע קאמיטעס. און יעדער איין קאמיטע באזונדער וואס שטעלט צוזאמען די גרויסע דזשענעראל

הערי בערלין, פרעזידענט פון קאטערס יוניאן לאקאל 10, מיט א גרופע סטרייקערינס אין ארלינגטאן האל.

סטרייק קאמיטע איז גלייך וויכטיג פאר דעם ערפאלג פון דאס גאנצע, פון דעם גרויסען צוועק, — צו באזיגען דעם שונא אונטער אלע אומשטענדען!

נעמט א שטייגער, די האל קאמיטע, פון וועלכער ברודער רייזבערג איז דער טשערמאן; די לאו, אדער קארט קאמיטע, פון וועלכער ברודער מארקאוו איז דער טשערמאן; די רעדנער און ענטערטיינמענט קאמיטע פון וועלכע מיס סילווער איז די טשערליידי.

דער טשערמאן פון דער האל קאמיטע שפיעלט די זעלבע ראלע וואס דער „קוואטערמאסטער דזשענעראל" אין דעם קריגס דעפארטמענט פון א רעגירונג. ער האט די אויפזיכט איבער דער גאנצער ארמעע סטרייקער, וועלכע געפינען זיך אין אלע האלס. ער דארף וויסען וואו די ארבייטער פון יעדען שאפ וואס איז אין סטרייק געפינען זיך, צו זיי קומען אין זייער סטרייק־קווארטיר און צו זיי טוען זייער פליכט אין דער פיקעט ליין. דאס איז א גרויסע, א שווערע און א זעהר פאראנטווארטליכע ארבייט. און ווי מען גיט אונז איבער, האט ברודער רייזבערג, אלס טשיעף פון דער האל קאמיטע, צוזאמען מיט דער גאנצער קאמיטע, געמאכט א „וועריגוד דזשאב". ברודער רייזבערג איז אימער אויפ'ן פלאץ און טוט זיין בעסט אלס „קוואטערמאסטער דזשענעראל" די סטרייקער איינצוהאלטען אין די האלס און דאס אלעס זאל דארט צוגעהן ווי עס באדארף צו זיין.

אין דער ארבייט העלפען איהם אויס די טשערליידיס, אדער טשערלייט פון די באזונדערע האלס אין וועלכע די סטרייקער געפינען זיך. דיזע טשערליידיס און טשערלייט זיינען אימער אין דאל מיט די סטרייקער, זיי „פאנטשען" יעדען טאג די סטרייק־קארדס פון די סטרייקער, וועלכע זיינען „גאזנאטשטעמ" געווארען צו זיצען אין דער האל און דיזע העלפען איהם האלטען אן אפען אויג אויף יעדען סטרייקער און סטרייקערין.

ניט ווייניגער וויכטיג איז די ארבייט פון דער קארט קאמיטע.

א סטרייק אהן ארעסטען איז נאך דערוויילע אן אונמעגליכע זאך. כמעט אין יעדען סטרייק קריגט די פאליציי פון הויס צו ווייזען אז זיי זיינען גוטע באשיצער פון קאפיטאליסטישען געלד־זאק און מאכען ארעסטען רעכטס און לינקס, צו מען דארף דאס יא, אדער מען דארף דאס ניט.

דערביי, נאטירליך, שפיעלט אויך א גרויסע ראלע דאס אלטע ווערטעל: „אז מען שמירט פארט מען..." א פאליסמען איז נאך אלעס ניט אזא מלאך, אז ווען עס מאכט זיך א געלעגענהייט צו כאפען א זייטיגען קערבעל זאל ער דאס צוריקווייזען. דאס וואלט שוין פשוט געווען צופיעל פארלאנגט פון די ערדלע נשמות וואס זיצען אוי שטיף פארקנעפעלט אונטער די בלויע רעק.

מאכט מען, אלזא, ארעסטען רעכטס און לינקס, נאטירליך מעהר לינקס ווי רעכטס.

ווען דאס טרעפט מיט מענער איז נאך א האלבע צרה. מיידלעך אבער, ווען מען ארעסטירט די און מען נעמט זיי אין א קאורט, פיהלען זיך א סך ערגער ווי די מענער. און מענשען וועלכע וויסען דאס ניט קאנען זיך קוים פארשטעלען וואס דאס מיינט פאר דער ארעסטירטער מיידעל וואס מען ברענגט אין קאורט, ווען זי געפינט דארט אן אייגענעם מענשען, א מיטסטרייקער, א פארטרעטער פון דער יוניאן וואס העלפט איהר מיט אלעם וואס מען קאן נאר, איהר גרינגער צו מאכען די לאגע, איהר העלפען מיט יעדער הילף אין וועלכער זי נויטיגט זיך, און גלייך אויפ'ן שטעל איינצאהלען די שטראף־סומע מיט וועלכער זי ווערט באשטראפט פון'ם שטרענגען ריכטער.

דער טשערמאן פון דער קאורט קאמיטע דארף זעהן, דאס אין יעדער קאורט־הויז פון שטאדט וואוהין מען ברענגט ארעסטירטע סטרייקער, זאל זיך אימער געפינען א מיטגליעד פון דער קאמיטע, דאס הייסט, א פארטרעטער פון די יוניאן, און ברודער מארקאוו, דער „טשיעף" פון דער קאמיטע האט זיך אין דער ארבייט זעהר גוט אויסגעצייכענט. ער איז דורך דער צייט פון'ם וויסט מאכער סטרייק זעהר פאפולער געווארען אין די אלע נויארקער קאורט־הייזער, מען קאן איהם דארטען א סך מעהר ווי מאנכע לאיערס, וואס פראקטיצירען דעם „טרייד" א סך פריהער פון איהם און ער זעהט צו מאכען אנגענעמער די לאגע פון די סטרייקער און סטרייקערינס, וועלכע ווערען געבראכט אהין, וויפיעל ס'איז נאר מעגליך.

עס צייכענט זיך אויך גוט אוים אין איהר ארבייט מיסס סילווער, אלס טשיעף פון די רעדנער און „ענטערטיינמענט" קאמיטע.

כאטש יעדער סטרייקער און סטרייקערין וויים גאנץ גוט ווארום זיי סטרייקען, פון דעסטוועגען האבען זיי ליעב, דאס פון צייט צו צייט, זאל א רעדנער פאר זיי איבערזאגען נאך אמאל דיזעלבע מעשה. מען דארף, אלזא, ארראנזשירען אין די האלס מאססמיטינגען און מען דארף באזארגען רעדנער.

ניט ווייניגער וויכטיג איז אויך צו באזארגען די סטרייקער מיט אביסעל אונטערהאלטונג. עס ווערט לאנגווייליג צו זיצען אין האל פאר וואכען און וואכען, און די פרייע קאנצערטען וואס ווערן געגעבען אין די האלס העלפט אויך א סך מיט די סטרייקער בעסער צוזאמענצוהאלטען ביז צום זיגרייכען ענד. מיס סילווער טוט אויך אין דער הינזיכט איהר ארבייט אויסגעצייכענט און מיט פארגניגען גיבען מיר איהר דא דעם קרעדיט וואס זי האט כשר פארדיענט, פונקט אזוי גוט ווי די טשיעפ'ס פון די אנדערע קאמיטעס וואס מיר האבען דא דערמאנט.

שוין געמופט!

דער דאון־טאון אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן האט איבערגעמופט אין 35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו, אין סעקאנד עוועניו טעאטער בילדינג.

אלע קלאוקמאכער פון דעם דאון־טאון דיסטריקט זיינען געבעטען דאס צו נעהמען אין אכט.